STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03383

# DI LIBE FUN ZSHANNA NEI

Ilia Erenburg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03383-9

D:\YIDDISH\Titles\9780657033835T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

איליא ערענבורג

# די ליבע
פון
# זשאַננאַ נעי

יידיש: י. ראַפּאַפּאָרט.

פאַרלאַג „גראָשן-ביבליאָטעק"

ווארשע 1936

2647

I L J A  E R E N B U R G

MIŁOŚĆ JOANNY NEY

Drukarnia „R e n o m a" Karmelicka 17

# אינהאַלט:


| | | זייט |
|---|---|---|
| 1. | קאַסטאָר און פּאָלוקס | 5 |
| 2. | אויף איין ווינטער טרעפט זיך — איז פרילינג | 13 |
| 3. | וועגן וואַנצן און וועגן באַג־יסטערונג | 25 |
| 4. | דער געשעפטלעכער פרימאָרגן פון הער אַלפרעד נעי | 34 |
| 5. | וועגן וואָס האָט געזונגען דער אַלטער אַכמאַשולי | 40 |
| 6. | נאָרד־אָסט | 47 |
| 7. | צווייי זשאַננאָס | 53 |
| 8. | די אויערן און דאָס האַרץ פון חבר זאַכאַרקעוויטש | 58 |
| 9. | דאָס אַלץ איז נויטיק, כדי די פייגל זאָלן נעמען זינגען | 68 |
| 10. | וועגן יענעם זעלביקן טראָפּן | 82 |
| 11. | וואו עס געפינען זיך טאַקע מלאכים | 93 |
| 12. | וועגן אַלע פּריווילעגיעס פון בלינדקייט | 109 |
| 13. | אָט זענען מיר שוין אינדערהיים | 117 |
| 14. | אַ באָלשעוויסטישע שפּיאָנקע | 126 |
| 15. | וועגן ווערטער, וואָס ווייסן נישט פון קיין ליבע, און וועגן ליבע, וואָס ווייסט נישט פון קיין ווערטער | 131 |
| 16. | היינט האָבן מיר יינגען וויין! | 141 |
| 17. | זיי האָבן זיך געטראָגן צו גאַסט צום גליק | 151 |
| 18. | וועגן וואָס האָט גערעדט דער לוקסעמבורגער גאָרטן | 160 |
| 19. | דאָס מיידל פון באַר „האַווערני" | 169 |
| 20. | דאָס זענען נישט פּעראָ'ס מעשהלעך, דאָס איז אויך נישט קיין פילם, דאָס איז פּראָסט־פּשוט — דאָס לעבן | 181 |
| 21. | וועגן בלאָנדן מיידעלע | 191 |
| 22. | מען מוז שטאַרק רעטושירן | 200 |
| 23. | פּעטס קאָן זיך אויך אויפרעגן | 210 |
| 24. | די באַנק איז אַראָפּגעריסן | 217 |
| 25. | וועגן פאַרדעכטיקע צוגרייטונגען און וועגן אַ גאַנץ אָנשטענדיק אָוונטברויט | 226 |
| 26. | ס'איז אַ ליגן וואָס געבאָט: „זאָלסט קיין ליגן נישט זאָגן", און אַ ליגן זענען אויך די אַנדערע געבאָטן | 236 |
| 27. | די שטשורעס האָבן אָן ארבעט געטון | 251 |

# קאָסטער און פּאָלוקס

שוין די צווייטע וואָך האָט אין גאַנצן הויז נישט פונקציאָנירט די עלעקטרישע באַלויכטונג. אַ שטינקענדיקער קנויט, וואָס איז אַרומגעשוואומען אין אַ טעפּעלע מיט לייַנזוימען-אייל, אויף וועלכן מאַדאַם נעיכענזאָן פלעגט פרעגלען די לאַטקעס-מילאַנעז, האָט קוים באַלויכטן כאַליביעווס נישט-געגאָלטע, איינגעפאַלענע באַקן און אַ גרויסע פּאַטעלניע, אַ באַדעקטע מיט אַ טרוקענעם שוים. מעלאַנכאָליש אָפּקראַצנדיק איבער האָט כאַליביעוו אַ זיפץ געטון:

— כ'קאָן שוין נישט מער!... קורסק... ווען ס'וועלן, סוף-כל-סוף, שוין קומען די אונזעריקע, וועט פון מיר אוודאי בלייבן בלויז די באָרד, און דאָס אויך אונטער דער ערד.

ווי אַ שרעטעלע האָט זיך דער קיילעכדיקער נעיכענזאָן צוגעקייקלט צו דער טיר, זי קוים אויפגעעפנט, צוגעמאַכט, ווידער קוים אויפגעעפנט און ווידער צוגעמאַכט, און לסוף, באַרואיקט אַ ביסל, גענומען סיקען:

— אופראַוודעל ליטאָ פלוס איינע פון קאָמיאַטשייקע*). צוואָס זאָל איך רעדן וועגן עפּעס אַ קורסק, ווען איך בין שוין פיר מאָל דאָרט געווען, דאָס הייסט, נישט אין קורסק, נאָר אין

*) פאַרוואַלטער פון ליטאָגראַפיע פלוס איינע פון קאָמונ-סטישן קעמערל. איבערזעצער.

דער „אינערלעכער“ ? אָט וועל איך דיר ווייזן אַ „איזוועסטיאַ“. וואו איז דיין קורסק ? — פרעגט זיך. נישטאָ קיין קורסק ! און דערווייל הער נאָר אויס, „לויטן באַשלוס פון וו. טש. ק.“, ס'הייסט, דאָס איז פונקט דאָרט, וואו איך בין געווען, „נר. 1, איוואַן איליאיטש אָבּיכאָוו — אַן אָפיציר אַ ווייסגוואַרדייער; נר. 6, מאַאיסעי לאַזאַרעוויטש שפיץ — פאַר בייזוויליקער שפעקולאַציע ; נר. 19, אַדאָלף אָסקאַראָוויטש בליום — פאַר באַציאונגען מיט מאָנאַרכיסטן“. און דו ווייסט, וויפל נומערן ? אַקוראַט פיר-און-אַכציק ! דאָס איז דיר נישט קורסק !

— נו, מיך, ברודערקע, וועסטו נישט אָנשרעקן ! האָסט נישט געטראָפן ס'אָרט. דו לייען בעסער איבער, וואָס הערט זיך נייעס פון פראָנט ?

— דער פראָנט ! וואָס האָט דאָ צו טון דער פראָנט ? וועמען אינטערעסירט דאָס ? וואָס איז, ביסט, גאָט באַהיט, גערופן צו מיליטער ? נייעס ? אָט האָסטו נייעס : אויפן קופּאָן 47 — אַ האַלב פונט פלאַנצן-פעטס, — דאָס איז איינס. דריי פערטל קאָנדיטאָריי-אויסאַרבעטונגען, — דאָס איז צוויי. איין פונט רייז, — דאָס איז דריי. אין אַלגעמיין, נאַטירלעך, נישט גאָר פריילעך.

— הער שוין אויף איבערצוחזרן די באָלשעוויסטישע פליאַדעריי. איך, ברודערקע, בין — כאַליביעוו ! איך בייט נישט מיינע איבערצייגונגען פאַר אַ פונט רייז. אגב, אפשר וועט זיך ביי דיר געפינען עפעס אַ קיי צו טון ? זינט מ'האָט מיך אַרויסגעלאָזט האָב איך נאָך גאָרנישט געגעסן, כאָטש בעט זיך צוריק אין בוטירקי.*)

„אַ קיי טון“ — און דאָס אין מאָסקווע, אין ניינצעטן יאָר ! אָבער נעיכענזאָן האָט זיך אויפגעהויבן. פריינטשאַפט איז אַ גרויס געפיל ! שוין לאַנג, אַמאָליקע צייטן, איז דער וויצלינג סטעפאַן פיאָדאָראָוויטש איסטאָמין פאַרפאָרן אין דעם טשערקאַסקער געסל, וואו ס'האָט זיך געפונען די פאַר דער צייט אָפגעשטאָרבענע

---

*) א תפיסה אין מאָסקווע. — איבערז.

קאַנטאַר „כאַליביעוו און נעיכענזאָן‟. ווען ער האָט דערזען, ווי נעיכענזאָן רעדט איין עפּעס אַן אַסטמאַטישער קליינבירגערין צו קויפן די אַקציעס פון קיינעם נישט באַקאַנטע גרובנס „עווערס‟, און כאַליביעוו, נערווועז צופּנדיק די פינגער, אַקאָמפּאַנירט אים ערגעץ אויף די באַס־טענער: „דאָס בעסטע און פיינסטע געשעפט, ווי אַן אַדעליקער פאַרזיכער איך מיט מיין וואָרט, 28 פּראָצענט אַ יאָר‟, — האָט סטעפּאַן פּיאָדאָראָוויטש אַ נאָמען געגעבן די פריינט — „קאַסטאָר און פּאָלוקס‟.

אַ שאַרף וואָרט איז נישט קיין פּוסט אָרט, און דערווייסנדיק זיך, אַז אין שייכות מיט דער אילוזאָרישקייט סיי פון די גרובנס, סיי פון אַ סך אַנדערע זאַכן, איז איינע פון די אַסטמאַטישע קליינבירגערינס אוועק אין איר אייביקער רו, האָט סטעפּאַן פּיאָדאָראָוויטש דיפּלאָמאַטיש געשוויגן. דאָס איז פאָרגעקומען אין יעגער־קלוב, וואו כאַליביעוו האָט לכבוד דער פאַרשטאָרבענער געזופט „מאַרטעל־קאָניאַק מיט דריי שטערנדלעך, און דער אַנטי־אַלקאָהאָליקער נעיכענזאָן האָט צאַרט געקוקט אויף אים. נעיכענזאָן איז געווען צאַרט: אין קאָרידאָר פון זעלבן קלוב האָט נישט דער שווייצער, ניין, נעיכענזאָן גופא האָט געהאָלפן כאַליביעווס הענט אַריינטרעפן אין די קאָריטעס פון די אַרבל.

כאַליביעווס אויסגעקרומטע, שנעלע, ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן, נערווועזע הענט האָבן געהאַט ווינציק ענלעכקייט מיט נעיכענזאָנס צען אָפּגעפּאַשעטע פּיאַנקעס, וועלכע האָבן ליב געהאַט כּדבעידיק איינצווזויגן זיך צו די בונטע „היפּאָטעקן‟. אַזוי איז געווען אין אַלץ, אָבער דידאָזיקע נישט־ענלעכקייט האָט בלויז געסטער געמאַכט דעם פּאַטאָס פון געפיל, וואָס איז אַזוי זעלטן אין אונזער צייט. אָנשטאָט אַ גרונט־קאַפּיטאַל האָט דאָס באַנק־געשעפט פאַרמאָגט נעיכענזאָנס כיטרעקייט און כאַליביעווס אַנטשלאָסנקייט. אמת, נעיכענסאָן האָט געקאָנט צוטראַכטן, ווי קיינער נישט, אָבער ער אַליין האָט מורא געהאַט פאַר זיינע צוטראַכטענישן. כאַליביעוו פלעגט אים צוגעבן מוט, זאָל זיין, אַז אפילו נאָר מיט די שפּיצן פון די וואָנסעס, מיטן קול, מיטן אַדעלדיקן טיטל, מיט זיין פריינטשאַפט מיטן פּאָליצמייסטער, בקיצור, מיט פאַר־

שידענע אַטריבוטן פון אַ געבוירענעם מאָסקווער. נעיכענזאָן? — נעיכענזאָן האָט דאָך אפילו קיין אמתן וואוינרעכט נישט געהאַט, ער אַליין וואָלט זיך נישט דערוועגט אפילו דאָס מויל צו עפּענען. צוזאַמען אָבער האָבן זיי געגרינדעט דאָס באַרימטע באַנקגעשעפט, וואָס הינטער זיינע גלעזערנע ווענטלעך האָט נעיכענזאָנס געניאַלער מוח, באַהאַלטן אונטער די אָנגעפּאָמאַדירטע לאָקן, געפונען פאַר זיך אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאַרווענדונג. צוואָס האָבן די בעלי-קנאה גערעדט וועגן קאַפּיטאַל? קיין קאַפּיטאַל איז גאָרנישט נויטיק געווען. וואָס מיר קליינבירגערינס, — אַ סאָלידער זשוליק פון פּאָליאַנקע איז אויך אַריינגעטאַלן; מיענדיק זיך, אַנשטאָט דער באַנאַלער „קירכע-באַפוצונג", פאַרן וואויל פון דער קאַנטאָר אויף טשערקאַסקע, איז ער אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבן פון אַ האַרץ-קראַנקהייט, אומזיסט אָנגיסנדיק זיך פאַרן טויט מיט קאַרשנלאָרבער-טראָפּנס.

בעת דער מלחמה האָט נעיכענזאָן, אַלץ באַקלערנדיק, געזאָגט: „לעיען". און זעט איר רומעניע האָט נישט אָפּגענאַרט! אין קלוב האָט כאַליביעוו צוגעטשמאָקעוועט: „לעיען, און צוליב די לעיען — באַגיס!"*) (כאַליביעוו האָט ליב געהאַט צו מאַכן קאַלאַמבורן).

אַזוי איז אַלץ געגאַנגען ביז אָקטאָבער. ווייטער האָט דעם וואוילשטאַנד פאַרביטן דאָס אַלגעמיינבאַקאַנטע בילד פון פאַרוויסטונג, און ווען אָנשטאָט גאָלדענע אותיות „באַנק-געשעפט" האָט זיך אויף דער טיר באַוויזן אַ שטיקל פּאַפּיר פון אַ שילערהעפט מיטן האַלב-אָנשטענדיקן וואָרט „קינדערהיים", איז פאַר די אמת-אָנשטענדיקע מענטשן, צו וועלכע ס'האָבן נאַטירלעך, געהערט אונזערע פריינט, געקומען אַ סוף. אמת, נעיכענזאָן האָט געפּרוווט אויפקויפן ביי די דאַמען „טשיזשיקעס", אָבער ער האָט דאָס גע-

---

*) א ווערט-שפּיל, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן. אין רוסיש שטייט: „לעיי — לייען" „לעי" איז די רומענישע מטבע, און „לעי" הייסט אויף רוסיש — גיס. — איבערז.

טון פויל, אָן באַגייסטערונג, נאָך ערגער — אָן פאַרשטאַנד. אַרויסגעהאָלפן האָט ווי נישט איז דאָס ווייניקער פילבאַרע ווייב, וואָס האָט געהאַנדלט מיט ריינעם ספירט.

כאַליביעוו איז געזעסן אין בוטירקי, געזעסן איז ער פעסט, אפילו נישט אָן געמיטלעכקייט. העכער אַ יאָר איז ער אָפּגעזעסן, שפּילנדיק אין „גאַראַנים"*) מיט אַ געקרויזלטן אַנאַרכיסט. בעת די צופעליקע פאַרהערן האָבן די פריינט באַוויזן, אַז זיין צעשיידט הייסט נאָך נישט — פאַרגעסן. כאַליביעוו האָט נערוועז (ער האָט אַלץ געטון נערוועז) דערקלערט: נעיכענזאָן איז אַ רומענער, מעגלעך אפילו, אַז אַ רומענישער אַגענט, אַנדערש קאָן מען בשום אופן נישט פאַרשטיין דידאָזיקע גאַנצע געשיכטע מיט די לעיען. נעיכענזאָן האָט זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט צוערשט אָנגערופן כאַליביעוון — „זשוליקל" (אין דאָזיקן „ל" איז געקומען צום וואָרט זיין גאַנצע צאַרטקייט), און דערנאָך שוין מאָדערן — „פעאָדאַל". אגב האָט דער אויספאָרשונגס-ריכטער זיך נישט באַמיט צו פאַרשרייבן דידאָזיקע דערקלערונגען, און איינמאָל, כאַפּנדיק זיך — ס'עקזיסטירן דאָך נאָך אַזעלכע — האָט ער אייליק ריין געמאַכט ס'אָרט פאַר אַנדערע.

אַזוי האָבן זיי זיך געטראָפן. אַזוי האָבן זיי זיך צעקושט. איז דען אַ וואונדער, וואָס פּאָלוקס איז נישט בייגעשטאַנען פאַר קאַסטאָרס בקשה? פון אונטער דער שמוציקער וועש האָט ער אַרויסבאַקומען צוויי ווייסע זעמל. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דערמיט וועט זיך די סעודה ענדיקן. אָבער, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער אינטימקייט פון אָרט, איז די האַנט פון שאַרף-אויגיקן כאַליביעוו שנעל פאַרזונקען אין תהום פון העמדער און אַזוי ווייטער און איז אַרויסגעשוואומען פון דאָרט טריאומפירנדיק: אַ פלעשל ספירט!

כאַליביעוו האָט געשלונגען אַ טעפעלע נאָך אַ טעפעלע

---

*) אזא קאָרטן-שפּיל. — איבערז.

נעיכענזאָן האָט פּאָרזיכטיק געצופּט אַ שטיקל האַרטע זעמל. דערביי האָט ער געטראַכט. לויט דער געדיכטקייט פון דער פּויזע האָט כאַליביעוו פאַרשטאַנען, מיט וואָס זיין פריינט איז פאַרנומען, און דעריבער האָט ער זיך לחלוטין נישט געוואונדערט, ווען ס'האָט זיך דערהערט דאָס אַזוי באַקאַנטע פון דער קאַנטאָר-צייט:

— ס'אי דאָ!

ער האָט זיך נאָר האַרט צוגערוקט צום פּילאָזאָף. דער קנויט האָט געגוססט, איז אונטערגעשפּרונגען. אין דער פינסטער האָט זיך געהערט נעיכענזאָנס שיפּען. ווען צופעליק וואָלטן אַן עפּן געטון די טיר דער „אופּראַוודעל" אָדער יענע, וואָס פון „קעמערל", וואָלטן זיי זיכער באַשלאָסן: אַ פאַרשווערונג!

— דו דאָרט, איך דאָ, צוזאַמען — דאָס אַרמענישע רעטעניש „באַנק-געשעפט פון כאַליביעוו און נעיכענזאָן".

— וואָס הייסט עפּעס — „דו דאָ"?

— גאַנץ פּשוט. אין „קעמערל".

— שנעל, ברודערקע, בייסטו איבערצייגונגען.

— וואָס האָבן דאָ צו טון איבערצייגונגען? ווער דאַרף האָבן איבערצייגונגען? „שנעל"! נישקשה פון אַ „שנעלקייט"! און די רעגירונג? מיינסט, זי האָט זיך איבערגעביטן אין צען יאָר? פונקט אין צען מינוט! אידיאָט, כ'האָב צוויי יאָר פאַרלוירן, כ'בין דאַרט געזעסן, דאָס הייסט, אינעווייניק. איז מיינסטו, אפשר, דאָרט איז שלעכט? דאָס הייסט, צו זיצן איז זייער שלעכט. אויב אָבער, נישט זיצן, איז, אדרבה, גאַנץ גוט. למשל, אַרומפאָרן אין אַן אויטאָמאָבילטשיקל און העפלעך זאָגן: „נו, בירגער נעיכענזאָן, זייט מוחל אינעווייניק!" — דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנדערע ענין! איז אָט, איך פאַרבלייב דאָ. אָבער, געוויס, ס'קאָן זיך ענדיקן אויך פאַרקערט, דאָס הייסט, דעניקין וועט זיך נעמען און קומען. איז וועלן מיר זיך פאַרזיכערן. דו האָסט איבערצייגונגען, און בכלל ביסטו אַן אַדעליקער. פאַר דיר איז גאַנץ גלייך צו פאָרן. און דערנאָך...

כאַליביעוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. אין טעמבר פון זיין

געלעכטער איז געלעגן די אַטעסטאַציע פון מאַדאַם נעיכענזאָן: זי איז אַן אָרנטלעכע פרוי, ביי איר איז ספּירט — ספּירט.

— נישקשה! יעדער איז פאַר זיך אַ הינדענבורג! סטראַטעגיע! די רולעטקע קענסטו? דאָס, ברודערקע, איז נישט קיין קאָמונע, דאָס איז גורל, שפּיל. איז אָט — דו אויף רויט, איך אויף שוואַרץ. געשפּילט! דריי זיך! אָן פאַרלוסט. וועלן מיר געווינען, איז אַלע... זיי מוחל, וואָס איך דריק זיך אויס, ס'איז שטאַרק אָנגעווייטיקט אָט-אָ-דאָ, — בקיצור, אַלע, ווי עס הייסט, זשידעס וועלן מיר אויסקוילענען. און דיך? און דיך נישט! זיי וועלן קוויטשען, און דו — טרינקען קאַווע אין „אַמפּיר“. מיר וועלן ווידער עפענען די קאַנטאָר. וואַליוטע אויפקויפן. מיר וועלן אַ לעב טון. אויב זיי... איז מילא, דאַן וועסטו זיך שוין מוזן מיען. נו, וואָס? מסכּים? אַ האַנט?

כאַליביעוו האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ טעפּעלע. נישט באַמערקנדיק מער נעיכענזאָנס שיפּען, האָט ער שוין געשריגן אויפן גאַנצן קול:

— כ'קאָן נישט אַזוי! מיין לעבן פאַרגייט אומזיסט! צוואָס טויג מיר דידאָזיקע רעוואָלוציע? אין פאַריז איז איצט ליכטיק, רעסטאָראַנען, נקבות דרייען זיך אַרום און דו שטייסט צו צו מיר מיט קאָנדיטאָרשע אויסאַרבעטונגען. צום טייוול! נישט אַזאַ מענטש בין איך! געלט דאַרף איך האָבן. שאַמפּאַניער! פרויען! דו פאַרשטייסט, וואָס אַזוינס זענען פרויען? טייערע, מיט שפּיצעלעך! אין בוטירקי האָב איך, זיי מיר מוחל, אַ יאָר צייט ליין געקאָרמעט! כ'בין בטבע אַ שפּילער! כ'וועל זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן!

דער קנויט איז אויסגעגאַנגען. דאָס פלעשל האָט אַ קלונג געטון. כאַליביעוו האָט זיך מיט מי אויפגעהויבן. נעיכענזאָן האָט אים צאַרט אונטערגעהאַלטן.

— אָבער שטילער, ווי גאָט איז דיר ליב, שטילער. דער „אופּראַוודעל“ איז געקומען.

— וואָס גייט מיך דאָס אָן! כ'בין אויף אַלץ גרייט. דו ווייסט נישט, נעיכענזאָן, סאַראַ מענטש איך בין! פרויען וויל

איך ! כ׳בין צווי יאָר אין אַ רעסטאָראַן נישט געווען ! מיט די אייגענע הענט קאָן איך הרגענען !

— וואָס הרגענען ? דאָס הייסט, ווי אַזוי הרגענען ? דאָס טאָר מען דאָך נישט ! דו הערסט, כאַליביעוו, מען טאָר נישט ! אויב אַ מענטש שטערט דיר, טאָ מאַך אַזוי, ער זאָל זיך אַליין אויפהענגען. לויטן געזעץ. אָבער הרגענען ?.. דאָס איז שרעקלעך!

— שרעקלעך, נעיכענזאָן ! ביסט גערעכט. און איך וועל נעמען און הרגענען. כ׳קאָן אַ הונט, כ׳קאָן אָבער אויך אַ מענטש. כ׳ווייס אַליין נישט, וואָס איך קאָן ! מוזיק וויל איך ! זאָל מען מיר ראָמאַנסן זינגען ! אַלץ קאָן איך !

און פאַרטויבט פון ספּירט איז ער אומגעפאַלן אויף די ווייכינקע קני פון אידיילישן פאַלוקס.

## 2.

# אויך אין ווינטער טרעפט זיך — איז פרילינג

זשאַננאַ איז אַוועקגעגאַנגען ווייט הינטערן קאַראַנטין. אַרום זענען געווען בלויז משופּעדיקע, מיט אַכער־בוימער באַדעקטע, בערגלעך פון אונטן — דער ים. זשאַננאַ האָט זיך געפרייט: אין דאָזיקן, לויטן קאַלענדאַר ווינטערדיקן טאָג, איז געשען עפּעס גאָר־וויכטיקס, וואָס איז נישט באַטירט געוואָרן אין די צייטונגען און וואָס האָט נישט אויפגערודערט איר פאָטער, וועלכער האָט אַזוי אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט אַלע וועלט־געשעענישן. נאָך נעכטן אינאָוונט איז געווען ווינטער, וואָס האָט פאַרהאַקט דעם אָטעם און אַרויסגערופן אין די אויגן טרערן. נעכטיקן גאַנצן טאָג איז זשאַננאַ געווען פאַרמרה־שחורהט און האָט געטרוימט וועגן איינס: אַריינוואַקסן אין די קאָלירטע אויוון־קאַפליעס. און פאַרטאָג־צייט האָט גענומען בלאָזן אַ וואַרעמער ווינט פון ים. דער דינער פון די נעיס, וואַניא, דער קאַטאָוועס־טרייבער מיט דער פאַרריסענער נאָז, האָט ברייט צעעפנט אַלע פענסטערס, האָט, ווי אַ הונט, אַ שמעק געטון די לופט און גענומען פייפן. נישט גע־קוקט אויף דער נויט, אויף אַלע צרות פון ווינטער אין באַלאַ־גערטן קרים, האָבן די איינוואוינער פון קאַראַנטינער פאַרשטאָט אַרויסגעשלעפט אויף דער גאַס און אין די גערטנדלעך זייערע אויוועלעך; פריילעך האָבן זיי געקאָכט געזאַלצענעם קאַמסאַ*)

*) אַזאַ פיש. — איבערז.

אָדער אַרבעס, ברומענדיק עפּעס דערבײַ און דרייענדיק זיך אויף אַלע זײַטן, כּדי קיין איין זונענשטראַל זאָל נישט פֿאַרלוירן גיין אומזיסט. אפֿילו דער ים האָט זיך אין אײַלעניש איבערגעטון: אָנשטאָט אַ פֿלאַשפּאַרביקן, מאַנטל פֿון אַ פּראָווינציעלן טראַגיקער האָט ער איצט אויסגעקליבן אַ בלוי קליידעלע פֿון אַן אַרטיק קינד. זשאַננאַ איז געגאַנגען מיטן פּייכטן ליימיקן וועג, פֿאַרזינקענדיק צעשטרייט אין לוזשעס. אי געררט, אי דערשטוינט פֿון דאָזיקן פֿרילינג נישט צו דער צײַט.

זשאַננאַ האָט זיך אויך געפֿרייט דערפֿאַר, ווײַל דער פּאַפּאַ האָט צו איר געזאָגט אינדערפֿרי, פֿונאַנדערעפֿענענדיק די געלע קורצע צײַטונג: „נו, איצט איז אַ סוף, אינגיכן וועט מען אויך פֿונדאַנען מוזן אַנטלויפֿן". הייסט עס: אינגיכן — פּאַריז. דאָרט איז אויך וואַרעם. דאָרט איז תּמיד וואַרעם. דאָרט וועט זיך ענדיקן דער בייזער חלום, וועלכן מען רופֿט „רוסלאַנד". אַ פֿאַרשלעפּטער חלום: שוין זעקס יאָר ווי ער דריקט זשאַננאַן. אָבער אויך איצט האָט זי נאָך מורא פֿאַר אים, ווי אין יענעם ווײַטן פֿעברואַר-פֿרימאָרגן, ווען אַ דרײַצעניעריק מיידעלע, מיט אַ בוקעט דורכגעפֿרוירענע מימאָזעס, וועלכע ס'האָבן איר דערלאַנגט בײַם געזעגענען זיך די חבֿרטעס-לאַכערקעס, איז זי אַרויסגעגאַנגען אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן ברייסקער וואָקזאַל, האָט דערזען דעם שניי, די פֿויערישע פּעלצלעך, די פֿויערטעס, דעם פּאָליציאַנט אין באַשליק, וואָס האָט געשריגן אויף אַ דראָשקאַר — אַ פּגירה, און דערזעענדיק דאָס, האָט זי זיך פֿונאַנדערגעוויינט, נישט געקוקט אויף אַלע אײַנרעדעמענישן פֿון פּאַפּאַ, וואָס האָט געמורמלט: „דאָס איז גאָרנישט... דאָס איז אַ רײַך, דאָס איז זייער אַ רײַך לאַנד".

זשאַננאַ האָט מורא געהאַט פֿאַר רוסלאַנד. אין איר פֿאָרשטעלונג האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איינס: דער קלימאַט — נישט דאָס וועטער, נאָר טאַקע דער קלימאַט, ווי אין דעם לערנביכל פֿון געאָגראַפֿיע, די אומבאַזיגבאַרע קלאַנגען „שטשאַ" אָדער „יערי", די שעפּסן-פּעלץ, די קאַוואַלערן, וואָס שמעקן מיט בראָנפֿן, דער גענעראַל, וואָס ווישט אָפּ די לילאַ-נאָז אויף אַ פּראָסט

מיטן פינגער אין אַ לייקענעו העגטשקע, די בלינעס, די עמערס-
טיי, די לידער, וואָס דאָ שלוקערצן זיי אויסגעלאָסן, און דאָ וואָ-
יען זיי הינטיש. ביזן זיבעצנטן יאָר איז נאָך געלונגען אויסבאַ-
האַלטן זיך. ס'איז געווען אַ ראָז צימערל, וואו אויפן שרייב-טישל
האָט געלעבט מיט זשאַננאַן הוגאָס אַ בענדל, וואו אין אַ וואַזע-
לע, אויף צו להכעיס דעם פענסטער, וואָס גרויט פון רוסלאַנדס
אָטעם, האָבן רויזן פון נאָיעווס געשעפט גערעדט וועגן דעם ליבן
פראַנקרייך נישט ערגער פאַר הוגאָן גופא; ס'איז געווען אַן עס-
צימער, וואו דער פאַפאַ האָט יעדן אָוונט, שווענקענדיק דאָס מויל
מיטן ציגל-רויטן באָרדאָער ווייַן, מיט דעמזעלבן פאַטאָס געלייענט
די לייט-אַרטיקלען פון „Journal des Débats“ וואָס זענען ביז
אַ האָר ענלעך איינער אויפן צווייטן; ס'זענען געווען מענטשן,
וואָס האָבן געקענט פון אויסנווייניק הוגאָן און האָבן די עליזע-
אישע פעלדער ליבער געהאַט פאַרן אַרבאַט. דערנאָך? דערנאָך
איז פאָרגעקומען עפעס אויסטערלישס. זשאַננאַן האָט זיך אויסגע-
דוכט, אַז רוסלאַנד איז זיך מיטאַמאָל פונאַנדערגעוואַקסן, האָט
פאַרשלונגען סיי דאָס ראָזע צימערל, סיי דעם „Journal des
Débats“, און יענע עלעגאַנטע יונגעלייט, וואָס פלעגן שיקן די
נאָיעווער רויזן. זשאַננאַ האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. מען האָט
געזאָגט: „רעוואָלוציע“, אָבער זשאַננאַ האָט אין דער שולע גע-
לערנט די פראַנצויזישע געשיכטע, און די רעוואָלוציע איז איר
דאַן פאָרגעקומען צוציענדיק: פלאַמיקע רעדעס, וואָס האָבן באַ-
גייסטערט הוגאָן, דאָס ליד פון די מאַרסעלער, די פייערלעכקייטן,
דער העלדישער טויט פון איינעם אַ מוטיקן פאָן-טרעגער, וואָס
מאַרשירט קעגן דער קאָאַליציע. אָבער די מענטשן אין די באַר-
באַרישע „פאַפאַכעס“, וואָס פלעגן קומען אין נעיס דירה אָנ-
טרעטן, אָנרויכערן מיט מאַכאָרקע זשאַננאַס צימער, דורכצוניש-
טערן איר קאָמאָד אָדער אַרייַנצוקוקן אין איר קינדערישן טאָג-
בוך; אָבער די טויער-דיזשורן פון די ציטערנדיקע דאַמען פון
הויז-קאָמיטעט, אָבער די באָנעס, מיט וועלכע מען פלעגט דאַרפן
פרירן אין די „ווידלען“ — צי דען איז דאָס אַלץ ענלעך גע-
ווען אויף הוגאָס געדיכטן אָדער אויף די בילדער אין לוווּר?

שמייכלענדיק פריינטלעך צו דער זון, האָט זשאַננאַ אָנגעטריבן פון זיך די דערינערונגען: דאָס אַנטלויפן, די נאַכט אין אַ פויערישער פור אונטער שטרוי, די „טעפּלושקע", זעקס טעג אין „טעפּלושקע", עפּעס אַסעטינער, וועלכע האָבן געוואָלט הרגענען דעם פּאַפּאַ צוליב אַ ברעלאָק, דער הו־האַ אין ראָסטאָוו, די חמרים טיפוס־קראַנקע, דאָס צווייטע מאָל אַנטלויפן, די באַרזשע, זיך־טרינקענדיקע מענטשן, דער שטורעם און, לסוף, דידאַזיקע פוסטע פינסטערע וואָכן אין פעאָדאָסיע אונטערן ברילן פון שיכורע קאָזאַקן און פון צפון־ווינט. דאָס אַלץ איז געווען. אָבער בעסער טראַכטן, אַז דאָס איז נישט געווען בעסער טראַכטן, אַז זי געפינט זיך שוין אין פראַנקרייך, אַז דאָס איז אַ וואַרעמער טאָג נישט על פּי נס, נאָר דער סאַמע געזעצלעכסטער פרילינג אינגיכן קיין פּאַריז! זשאַננאַ האָט זיך קינדיש פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול.

— ס'איז זייער אָנגענעם אין אַזאַ, דערלויבט צו זאָגן, הינטישער צייט צו טרעפן אַ פריילעך דאַמעלע!

לעבן זשאַננאַן איז געשטאַנען אַ געלער פעסטער אָפיציר אין אַ קיילעכדיק שעפּסן־היטל. זשאַננאַ האָט דערשראָקן אַ געשריי געטון און שנעל גענומען גיין ווייטער. אָבער אַ פודיקע האָריקע לאַפּע האָט אַראָפּגעדריקט איר אַקסל. ס'האָט זיך גענומען שפּירן דער עקלדיקער אָטעם פון ספּירט.

— לאָזט מיך אָפּ! ווי דערוועגט איר זיך? כ'בין אַן אויסלענדערין! אַ פראַנצויזין!

— אָט דאָס איז באַזונדערס אָנגענעם. איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי רוסישע נקבות האָבן מיר דערעסן! אָבער אַ פראַנצוזשענקע — דאָס איז דאָך שיק, קאָקאָטעס. דורכאויס שאַטאָ־דע־פלער!

זשאַננאַ האָט אָפּגעשטויסן דעם פריילעכן יונג. זי האָט זיך אָבער אויסגעגליטשט און איז אומגעפאַלן אויף דער גליטשיקער ערד. אין זעלבן אויגנבליק האָט זי דערהערט עמעצנס אַ פרעמדע שטימע.

— דערלויבט, וואָס קומט דאָ פאָר, הער פּאָרוטשיק?

עמעץ האָט איר פאַרזיכטיק געהאָלפן אויפהויבן זיך. פאַר איר איז געשטאַנען, שמייכלענדיק, אַן אָפיציר. דאָס איז אָבער נישט געווען איר באַליידיקער. אַלץ איז פאָרגעקומען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז אַנשטאָט צו דאַנקען דעם פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסענעם רעטער, האָט זשאַננאַ פון פאַרלוירנקייט גענומען רייניקן דאָס מיט ליים איינגעריכטע קלייד. דער אומבאַקאַנטער האָט איר צוגעהאָלפן, פשוט, זאַכלעך, ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע פריינט און האָבן צוזאַמען שפּאַצירט. לסוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און אַ שמייכל געטון.

— איר דערקענט מיך נישט, זשאַננאַ?

— אַנדרעי?

אויב אַנדרעי האָט זיך אויך ביז איצט געפרייט מיט דער אומגעריכטער באַגעגעניש, האָט אָבער איצט זיין פרייד געמוזט אויסוואַקסן: אויף זשאַננאַס פנים האָט ער אָן מי געקאָנט איבערלייענען, אַחוץ דאַנקבאַרקייט און פאַרלוירנקייט, נאָך עפּעס אַנדערש — אפשר צאַרטקייט?... הייסט עס, אַז ס'איז אמת, זי האָט אים נישט פאַרגעסן אינגאַנצן?

מיט פינף יאָר צוריק, אין לעצטן זומער פאַר דערדאָזיקער רעוואָלוציע, וואָס איז ווי אומישנע געמאַכט געוואָרן, כדי אָפּצונעמען ביי זשאַננאַן די בעסטע יאָרן, האָט זי זיך אויף אַ זומערוואוינונג הינטער מאָסקווע באַקענט מיט אַ יונגינקן סטודענט. ער האָט אויך געליבט דאָס טמאַליען פון דער זון, דעם הילכיקן „ררר" אין הוגאָס געדיכטן און די פּאַטאָקע־זיסלעכע רויטע רויזן. און אפשר האָט ער נאָר געזאָגט, אַז ער האָט ליב דאָס אַלץ, ווייל אינדעראמתן האָט ער אַ ביסל, אומקלאָר, גיכער צוליב זיין עלטער און דער אָנגעלאָפענער כוואַליע זומערדיקער, נאָך אומבאַקאַנטער צאַרטקייט, ליב געהאַט דאָס ברוינע, שרעקעוודיקע מיידעלע, די פרעמדלענדערישע שטיפערקע, וואָס איז גרייט צו פופצן יאָר צו שפּילן די ראָל פון ראַסינס פעדראַ, און די ווילדע, וואָס האָט שטיל געוויינט צוליב אַן אומגעלונגען־געמאַכטן קניקס. דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. דאַן האָט ער זי געשיפט איבער דער צאַריצינער סאַזשעלקע. דאַכט זיך, אַז איינ־

מאָל, ווען זיי זענען געגאַנגען אין בית-השמשות פאַרביי די זומערוואוינונג-גערטנדלעך, וואָס האָבן געבלינצלט מיט זילבערנע קויקן און האָבן געזאָטעמט מיט לעווקאָיען, האָט ער אַ קוש געטון איר באַק. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז נישט פאָרגעקומען. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט דאָס נאָר געוואָלט טון, און איינבויגנדיק זיך האָט ער געזאָגט עפּעס פּוסטס און אומבאַדייטנדיקס וועגן שפּיל אין קראָקעט. זיי האָבן ביידע נישט געוואוסט, צי דאָס איז געווען אין דערווירקלעכקייט. זיי האָבן ווינציק געטראַכט וועגן ליבע. זי האָט גענומען אַריינגיין אין זייער לעבן באַגלייך מיט די געליבטע ביכלעך, מיטן קראָקעט און מיט די לעווקאָיען. זיי זענען נאָך געווען קינדער.

דערנאָך פלעגט זיך זשאַננאַן אַמאָל דערמאַנען אַ ברייט שמייכלענדיק פּנים, אויף וועלכן ס'האָבן געטרויערט, ווי שטרייטנדיק מיט די ליפּן, גרויע אויגן. זי פלעגט זיך דערמאַנען, ווען איר פלעגט ווערן גאָר שטאַרק אומעטיק, אין דער שטיקעניש פון די „טעפּלושקעס" אָדער אין די וואַרט-צימערן, וואו אינמיטן דער נאַכט אויפגעוועקטע, אין איילעניש אָנגעטוענע מענטשן, האָבן אָפּגעוואַרט דאָס קומען פון די נאָענטסטע „פּאַפּאַכעס". פון דידאָזיקע דערינערונגען פלעגט איר ווערן נאָך טרויעריקער: אַנדרעי איז דאָך פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די אַנדערע, וועלכע פלעגן שיקן די לאַקריץ-זיסע רויזן. הייסט עס, אויך אים האָט פאַרשלונגען דידאָזיקע בייזע רעוואָלוציע!

זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. זיי האָבן געשמייכלט. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט זאָגן. דאָסדאָזיקע שווייגן איז געווען אַזוי פול, אַז זשאַננאַ האָט זיך דערשראָקן, דער שמייכל האָט נאָך נישט פאַרלאָזט די ליפּן, אָבער די אויגן האָבן זיך געפּייניקט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ס'האָט גענומען אַרומכאַפּן אַ נישט-גוטקייט. דאַן, ווי וועלנדיק זיך ראַטעווען, האָט זי גענומען רעדן:

— איר זענט דאָ? שוין לאַנג? אַן אָפיציר?

— ניין, זשאַננאַ, כ בין נישט קיין אָפיציר.

ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָט מען נישט געדאַרפט זאָגן.

אַנדרעי האָט דאָך געקאָנט זיין פאַרזיכטיק. ס׳איז אָבער דאָ אַ סך נישט איינגאַנצן פאַרשטענדלעכס אין מענטשלעכע האַנדלונגען. דערזעענדיק זשאַנגאַן, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַ ייִנגל. ער איז גרייט געווען איר אַלץ צו דערציילן. ער האָט געדענקט בלויז איינס: כ׳האָב זי געטראָפן.

— כ׳פאַרשטיי איך נישט, אַנדרעי. כ׳פאַרשטיי איצט גאָרנישט אין רוסלאַנד. איר זענט נישט קיין אָפיציר? טאָ צוואָס טראָגט איר אַן אוניפאָרם?

— כ׳געפין זיך דאָ, כדי צוצוגרייטן אַן אויפשטאַנד. ווי נאָר מען וועט איינגעמען פערעקאָפּ, וועלן מיר אַרויסטרעטן. איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט? איך בין דאָך אָבער...

און אַנדרעי האָט רואיק, דייטלעך אַרויסגערעדט יענץ וואָרט, וועלכעס זשאַננאַ איז געוואוינט געוואָרן צו באַטראַכטן אַלס שענדלעכס.

איינמאָל אין ראָסטאָוו, ווען דער פאַפאַ האָט זיך דערוואוסט, אַז אין קעלער האָט מען געפונען אַ טויט קערפּערל פון אַ פיריעריק מיידעלע מיט אַ קעפּל. אַ צעשמעטערטס מיט אַ קאָלון*), האָט ער געזאָגט: „דאָס האָבן זיכער געטון די באָלשעוויקעס“. זשאַננאַ האָט אים געגלויבט. אַזוי האָבן געהאַלטן דעם פאַפאַס אַלע פריינט: „רוצחים, רויבערס“. און אָט איצט זאָגט עס אַנדרעי וועגן זיך. אַנטלויפן? רופן צו הילף? זיך פונאַנדערוויינען?

אָרימע זשאַננאַ, די קליינינקע פראַנצויזין פון דער „גאָלדענער ביבליאָטעק“ פאַר גליקלעכע און פאָלגעוודיקע קינדער, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין לאַנד פון „פּאַפּאַכעס“ און „טעפלושקעס“, מיט וואָסער פאַרלוירנקייט, מיט וואָסער תחנונים-בליק זי האָט אַ קוק געטון אויף אַנדרעיען!

— נו, געוויס, כ׳בין אַ באָלשעוויק! צי דען האָב איך געקאָנט נישט זיין מיט זיי?

---

* אַ האַק. — איבע׳ז.

און אַנדרעי האָט אַ שמייכל געטון, גוט, ערלעך. אין דאָזיקן שמייכל איז געווען פרייד צוליב דעם, וואָס ער גרייט־צו אַן אויפשטאַנד, צוליב דעם, וואָס ער האָט געטראָפן דאָס וואוילע מיידל, און אפשר נאָך אויך צוליב דעם, וואָס אויף דער זון איז היינט וואַרעם, וואָס אויך אין ווינטער טרעפט זיך — איז פרילינג.

און דער שמייכל האָט זשאַננאַן געראַטעוועט. ער האָט איר דערמאַנט: דאָס איז דאָך אַנדרעי! צי קאָנען דען שלעכטע מענטשן אַזוי שמייכלען? הייסט עס, אַז מאַכן אַן אויפשטאַנד איז גוט. הייסט עס — ער איז גערעכט. און זשאַננאַ האָט אויפן שמייכל געענטפערט, הגם מיט אַ פאַרשפעטיקטן, אָבער מיט אַ באַרוואיקטן, מיט פריינטלעכקייט פולן שמייכל. ער איז איר אפילו געוואָרן נענטער: איצט ווייסט זי זיין סוד. דאָס איז געווען אויף דער שוועל צווישן אַ קינדערישן שפיל, וואָס ווערט אויסבאַהאַלטן פון די וואָרטשעוודיקע דערוואַקסענע, און יענעם פינסטערן, שרעקלעכן גורל, וואָס האָט זיך ווי גענומען עפענען פאַר איר.

ער האָט איר לאַנג דערציילט, ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט די ווייסע אין קובאַן, ווי ער האָט געהאָלפן די גרינע צו באַקומען געווער און צוליב דעם צוועק האָט ער נישט לאַנג צוריק געשפילט אין סודאַק די ראָל פון אַ פאַרבינדונגס־אָפיציר, ווי צוציענדיק און שיין ס'איז דידאָזיקע גאַנצע שפיל אין אונטערערדישקייט, צווישן טויט און נצחון, ווען מאָרגן קאָן זיין אַ תליה ביי די טויערן פון תפיסה אָדער די טופעוריי פון דער רויטער קאַוואַלעריע, וואָס האָט, ענדלעך, דורכגעריסן די פערעקאָפּישע דאַמבעס.

„רויטע", „ווייסע", „גרינע", — זשאַננאַ האָט געהערט דידאָזיקע ווערטער. דעם אמת געזאָגט — האָט זי זיי שלעכט פאַרשטאַנען. אָבער אפילו נישט פאַרשטייענדיק האָט זי זיך מיט יעדן וואָרט אַלץ מער אָפּגעגעבן אַנדרעיען. „גרייטן אַן אויפשטאַנד" — דאָס איז, מסתמא, גוט, דאָס איז ווי דער וואַרעמער ווינט, וואָס האָט אין איין נאַכט איבערגעענדערשט די שרעקלעכע שטאָט. פעאָדאָסיע איז דאָך אַ וואונדערבאַרע: ווייסינקע

שטיבעלעך, אַרקאַדן, דער ים! מאָדנע, וואָס זי פלעגט דאָס פריער נישט באַמערקן... די רעוואָלוציע — דאָס זענען נישט נאָר הויז־זוכונגען און שפּיין־צעטעלעך. דאָס איז, ווייזט אויס, נאָך אַ סך אַנדערעס. דאָס איז — אַנדרעי, וואָס איז גרייט צוליב איר צו שטאַרבן. און צוליב צוקער שטאַרבט מען דאָך נישט. הייסט עס, אַז דאָס איז קרובהש צו דעם, וועגן וואָס זי האָט געלערנט אין דער שולע. הייסט עס — דאָס איז ווי ביי הוגאָ. „ער איז גרייט צו שטאַרבן". מען דאַרף אָבער נישט, ער זאָל שטאַרבן! ער מוז לעבן! זי וועט אים נאָך זען?

ס'האָט געטונקלט. אונטן האָבן זיך גענומען רודערן פייערלעך. עמעץ האָט, פייניקנדיק אַ האַרמאָניקע, אָנגעפילט דעם גאַנצן הימל מיט אַן איבלדיקער בענקשאַפט. ס'האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן...

— ס'קאָן זיין, אַז איצט... דערשיסט מען...

אויך אים קאָן מען דערשיסן! ווי דאָס קערנדל פון אַ פּאַקיר, איז זשאַננאַ מיט יעדער מינוט געוואַקסן. צום ערשטן מאָל איז די זאָרג פון אַ פרוי אַריינגעדרונגען אין איר קינדיש האַרץ.

— אָט פריי איך זיך, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן, צי מיר וועלן זיך אָבער ווידער זען, ווייס איך נאָך נישט...

און דאָ איז פאָרגעקומען די צווייטע געשעעניש פון דאָזיקן משוגענעם טאָג, פונקט אַזאַ אומגעריכטע און געהיימניש־פולע, ווי דער אַנטשטאַנענער פרילינג אינמיטן ווינטער: אַליין נישט פאַרשטייענדיק, וואָס זי רעדט, פונוואַנען נעמען זיך צו איר אַזעלכע ווערטער, האָט זשאַננאַ געענטפערט:

— מיר דאַכט זיך, אַז כ'קאָן נישט אָן אייך, אַנדרעי...

געזאָגט און זיך דערשראָקן. און ער האָט כסדר געשמייכלט, מער נישט. — ס'האָט זיך געדאַכט, — זיינע אויגן האָבן זיך נאָך טרויעריקער געגרויט. ס'האָבן זיך אויסגעשאָסן נאָך עטלעכע שאָסן. אַנדרעי האָט זיך אומווילנדיק, אומגערן צוגעהערט. בייגאַכט דאַרף ער זיך דורכשלאָגן קיין אָטוזי. זשאַננאַן האָט ער גאָרנישט געענטפערט.

די פייערלעך האָבן זיך צוגערוקט, ווי אַ טשאַטע זיך אַ וואָרף געטון אין די אויגן. דאָס איז שוין געווען אויף דער שוועל פון שטאָט.

— ווייטער טאָר איך נישט, — האָט אַנדרעי געזאָגט.

געזאָגט, און איינהאַלטנדיק איר האַנט, האָט ער מיט יענער יאושדיקער צאַרטקייט, וועלכע ס׳גיט דעם מענטש דאָס פאַרגעפיל פון אַ גרויסער, אפשר אייביקער צעשיידונג, אַ קוש געטון די ברוינע דלאָניע.

איבער דער באַלעבטער איטאַליאַנער גאַס איז זשאַננאַ שנעל געגאַנגען אַהיים. זי האָט געשפּירט: מען דאַרף טראַכטן, מען דאַרף ברענגען צום באַוואוסטזיין, וואָס מיט איר איז געשען, אָבער זי האָט אַלץ אָפּגעשלעפּט דידאָזיקע מינוט.

לעבן אַ רוישיקן קאַפע, וואו ס׳האָבן זיך געשטויסן, אויפקויפנדיק פונטן און לירעס, שפּעקולאַנטן, און צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעיאָגט יינגלעך מיט פּאַפּיראָסן און ראַכאַט-לוקום, איז מיטאַמאָל זשאַננאַ געבליבן שטיין אין רעכטן מיטן געדראַנג. קיינער האָט זי נישט אַ רוף געטון. זי איז שטיין געבליבן פון אַ קורצן, פּשוטן געדאַנק, וואָס איז געקומען מיטאַמאָל: דאָס איז דאָך ליבע! די פּאַפּיראָסניקעס האָבן נישט אויפגעהערט צו טומלען. עפּעס אַ גריך האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט זשאַננאַן און עפּעס געזאָגט צו איר. זשאַננאַ האָט נישט געהערט. זי איז געשטאַנען און געשמייכלט.

אָבער די באַרואיקונג האָט געדויערט נישט לאַנג. ס׳האָבן זיך באַוויזן אַנדערע, טומלדיקע געדאַנקען, וועלכע קומען תמיד צו לויפן נאָך עפּעס גרויסעס און וויכטיקס, ווי די קלינגערייי פון די וויזיטן-מאַכער נאָך אַ געבורט אָדער אַ קבורה. ליבע? הייסט עס, אַז ער דאַרף אַריינגיין אין איר לעבן? אַריינגיין אין אַ ניי ראָז צימער, וואָס וועט ערגעץ-וואו פאַרבייטן דעם פאַרשלונגענעם דורך רוסלאַנד, אַריינגיין און פאַרבלייבן אויף לאַנג, אויף אייביק? דערדאָזיקער ליבער, אָבער פרעמדער און קוים-קוים שרעקלעכער מענטש, וועלכער האָט עפּעס „גרינע“ און „רויטע“, דאַרף איר ווערן נאָענט, ווי דער פּאַפּאַ, למשל, ניין, נענטער פאַרן

פּאַפּאַ ? זשאַננאַן איז געוואָרן שרעקלעך. אין קאָפּ האָט זיך אַ וואָרף געטון אַ וואָרט, וואָס איז אַזוי ביי אָון ווילד פאַר איר, וואָס איז אַזוי געוויינלעך פאַר דידאָזיקע אַלע רואיק־שפּאַצירנדיקע מענטשן אויף דעם ים־ברעג : „אַ מאַן". הייסט עס, אַז אַנדרעי קאָן ווערן איר מאַן ?

אַזוי האָט געטראַכט זשאַננאַ. אַזוי האָט גערעדט די פאַרשטאָרבענע מאַמע, שוין לאַנג, אין קליינינקן שטיבעלע אויפן ברעג פון דער לואַראַ, גלעטנדיק זשאַננאַן איבער די ווידערשפּעניקע האָר, וואָס די סטענגע האַלט קוים איין : „אָט, וועסט אויסוואַקסן, וועסט התונה האָבן"... אַזוי האָט מען דערציוגן אין אינסטיטוט, זאָגנדיק אויף די שעהן פון דער פאַרהאַסטער האַנטאַרבעט : „אויב וועסט זיך נישט אויסלערנען, וועסטו זיין אַ שלעכט ווייב". אַזוי האָבן גערעדט די ליבע, שמאָלינקע ביכעלעך אין געלע איינבאַנדן : ליבע — קוש — חתן — גליק.

אין דערדאָזיקער שטילער וועלט האָט זיך אַריינגעריסן אַנדרעי, האָט, דאַכט זיך, עפּעס צעבראָכן, זיך פונאַנדערגעלאַכט, אַ גרויסער, אין שטיוול (דער פּאַפּאַ טראָגט בלויז לאַטשן), אַ שרעקלעכער, ווי רוסלאַנד, אַ ליבער ביז טרערן, נאָך אינגאַנצן אַ ייִנגל, אַנדרעי !...

יאָ, זשאַננאַ וויל, ער זאָל זיין איר מאַן ! און דער פּאַפּאַ ? דער אַלטינקער, גוטער פּאַפּאַ מיטן „Journal des Débats" — וואו טוט מען אים אַהין ? און זשאַננאַ, וואָס איז מיט אַ מינוט פריער פול געווען מיט אַזאַ גליק, אַז דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, און אַלץ אַרום — די ווילעס, די בעדער, די זיך־שפּילנדיקע טאָטערלעך — האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין ציטערנדיקן בלוילעכן גאַז, זשאַננאַ האָט זיך ערשט געשטיקט פון ווייטיק. און דער פּאַפּאַ ? און לואַרעט — איר היימיש שטעטעלע, וואו מען פאַרטרינקט הייסע קאַשטאַנעס מיט יונגן טרויבן־וויין, וואו מען שפּילט אין טריקטראַק, וואו מען האָט ליב, — אויב די ביכלעך אין די געלע הילעס זאָגן נאָר נישט קיין ליגן, — שטיל, פריילעך, פּשוט : אַ קוש געטון — הייסט עס, אַ מאַן און רו ? אַנדרעי ?... הגם זשאַננאַ איז גאָר ווייט געווען פון

לעכן, האָט זי דאָך אַ שמייכל געטון, פאַרשטעלנדיק זיך אַנ־דרעיען, ווי ער שפּילט אין טריקטראַק מיטן מסיע שאַלאָ, דעם נאָטאַריוס פון לוואַרעט. „רויטע", „גרינע", „ווייסע". ניין, מיט אים וועט נישט זיין קיין רו! אָבער זשאַננאַ וויל גאָרנישט קיין רו. אָט דער פּאַפּאַ?... און אָן דעם פּאַפּאַ קאָן מען נישט.

זשאַננאַ איז שוין געשטאַנען פאַר די העסלעכע נימפעס, וועלכע האָבן פאַרלייגט מיט די שטיינערנע טושעס דעם פּאַסאַד פון דער ווילע „איבראַגיאַ", אויסגעבויט דורכן קאַראַאים סאַרום, און וואו ס'האָבן איצט געוואוינט די נעיס. זי האָט שוין געהאַט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם קאָפּ פון דער מעדוזאַ, וואָס איז, אַ חוץ אַ מוסטער פון הויכער קונסט, אויך אַ גלעקל. דאַן אָבער האָט זיך ווידער דערהערט אַ טרוקענער, בולטער שאָס. „מען צעשיסט"! זשאַננאַ האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָסער טרויער אַנדרעי האָט זיך געזעגנט. ניין, בלויז איינס — זאָל ער לעבן! כ'האָב אים געזאָגט דעם אמת. איצט ווייס איך אויף זיכער: אָן אים קאָן איך נישט. און דער פּאַפּאַ?... אָבער דער פּאַפּאַ איז אין איר נישט געווען. אומזיסט האָט זי זיך באַמיט אים אויסצוגעפינען. אַבי מען זאָל נאָר נישט טויטן אַנדרעיען! דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק, דאָס איבעריקע איז פשוט נישטאָ.

אָט ווי ס'זעט אויס די ליבע!... און מיטן דאָזיקן געדאַנק, אַ הויכן, אָן אומדערטערטרעגלעכן, האָט זשאַננאַ אָנגעקלונגען. דער קאָפּ פון דער מעדוזאַ האָט זיך אַ וואַקל געטון. ווען ער זאָל זיין בכוח איבערצוגעבן זשאַננאַס גאַנצע צערודערונג, וואָלט זיך זיכער דערהערט נישט קיין געוויינלעכער קלונג ביי דער פּאָדער־טיר, נאָר אַ מוראדיקער אַליאַרם־גלאָק.

ב.

## ווען וואַנצן און ווען באַגייסטערונג

אין אַלוועלטלעכן פּאַנאָפּטיקום פון גרוילן איז איינס פון די ערשטע ערטער זיכער אָנגעברייט פאַר אַ געוויינלעכן נומער פון אַ וועלכן ס׳איז צווייטראַנגיקן האָטעל פון אַ רוסישן העק. ווען מען קומט אַריין אין אים, כאַפּט אַרום אַ קאָמפּליצירטער ריח פון פאַרלעגענע מאַטראַצן, פון פודער „העליאָטראָפּ“, קאַרבאָל, פּאָסטנע לאַטקעס. דאָ איז געשען עפּעס שלעכטס. אָט אויף דעם האַק אין לינקן ווינקל האָט זיך, אפשר, אויפגעהאָנגען אַ שולער מיט אַ וואָליע, דערהערנדיק די טריט פון דער פּאָליציי און צעשיטנדיק צולעצט ווי אַ פּעכער די געצייכנטע טאַליע קאָרטן? אין די שרעקלעכע קאַנאַפּע, וואָס האָט פאַרלוירן פון פּ׳דן מענטשלעך פּעטס יעדע פאַרב, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אויף דרויסן די ריפּן — צי נישט אויף איר האָט אַ גאַוועדיקער זקן דאָ געשטאָכט אַ וויינענדיק מיידעלע מיט קאַרמעלקעס „איריס“, דאָ אַרויסגעקניפּט פון איר שטיקער פלייש, כדי שפּעט ביינאַכט אונטערצוואַרפן אין קלאָזעט אַ צעקאַליעטשעט טויט קערפּערל?...

גאַנץ וואָרשיינלעך. דער נומער האָט אַ סך געזען.

נישטאָ קיין בעסערער מקום־מקלט פאַר אַ מענטש, וואָס האָט אין לעבן אַלץ פאַרלוירן. קומען צו פאָרן אַהער, אָפּשיקן דעם פאַרשאָלטענעם באַדינער, וואָס האָט איבערגעלאָזט אויפן

טיש אַ גרינעם לייכטער, אַן אַרומגעקלעפּטן מיט סטעאַרין קאַשע. לייגן זיך אויפן ריפּעדיקן דיוואַן און נישט שלאָפן, נייך נאָר קוקן, הערן: אויף די טאַפּעטן זעט מען פּעטע צייכנס פון אַ סך און אַ סך קעפּ. צודרינגלעך טריפט דאָס וואַסער אין האַנט־פּאַס, אַ גרינע קאַראַפקע, אַ גלאָז, אין וועלכן ס׳האָבן זיך נישט איינמאָל געווייקט דורך די נעכט ציין — דער שטאָלץ פון פאַרשידענע דענטיסטן, באַזונדערס ביידע נומער פליגן, לעסטיקייט, שמוץ, פאַרגעסנקייט. דאַן קומט צו לייכט און פּשוט דער טויט, מיטן רעכט פון אַ באַלעבאָס. וואָס ווישט אָפּ פאַרבייגייענדיק די נעמען פון די באַוואוינער פון דעם שוואַרצן גריפּל־טאָוול, פון יענעם, וואָס ביים אַריינגאַנג.

דידאַזיקע נומערן זענען נאָך שרעקלעכער געוואָרן אין די יאָרן פונם בירגער־קריג. נישט אין די וואוינונגען, וואו ס׳האָט געשטיקט פון יאָרנלאַנג אָפּגעקלערטע געמיטלעכקייט, גלייך אַהער האָבן זיך, קודם־כּל, געוואָרפן פאַרשידענע געסט אויף אַ שעה, ווייסע, רויטע, פון אַלע מאַשטשן. אויף די נאַכט־טישלעך פלעגט מען אַוועקשטעלן שרייב־מאַשינקעס מיט דורכגעלעכערטע סטענגעס, מען פלעגט פאַרלייגן די שטינקענדיקע קאָרידאָרן מיט ביקסן און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

די רעשטלעך פון די שפּיגלען, וואָס האָבן בשעתו איינגעשלונגען אי די צונג פון געהאָנגענעם שולער, אי די טרערן פונם אָרימען מיידעלע, האָבן איצט אַריינגענומען אין זיך די לעצטע בליקן פון מענטשן, וועלכע האָבן געוויינט, האָבן זיך געוואַלגערט צו די פיס אָדער פּעסט געשוויגן אונטערן ביקסן־מויל.

אין די נומערן האָבן געהוליעט אָסוואַזשניקעס*), געהוליעט אַזוי, אַז די גאַנצע גאַס איז פול געווען מיטן קלאַנג פון פלעשער, מיט שענדלעכע לידער, מיט אויסגעשרייען פון די קליינבירגערטעס, וואָס האָבן זיך נאָך נישט צוגעוואוינט צו אַלץ, מיט דער ברילעריי פון די ברעכנדיקע, מיט אַ ווילדער שיסעריי.

---

* עסהאַג — ינפאָרמאַציע־אַפּט לו״ג, דעפּעגסיווע. — א בערז.

אויף די קאַנאַפּעס האָט מען געוואָרפן פאַרוואונדעטע און טיפוס־קראַנקע. אַלע באָבעס פון דער שכונה, הערנדיק ביינאַכט אַ וואַיעריי און היך־רייד, האָבן זיך נאָכאַנאַנד געצלמט. פלעגן איינע אַוועקגיין, פלעגן גלייך קומען אַנדערע. די פאַרוואונדעטע, וועלכע מען פלעגט איבערלאָזן צוזאַמען מיט די ליידיקע פלעשער, פלעגט מען טויטן, טויטן אָט טאַקע דאָ־אָ, אין די טונקעלע, פייכטע נומערן.

אין איינעם פון אָט־אָ די נומערן פון פּעאָדאָסיער האָטעל „קרים”, אין אַ טראַדיציאָנעלן נומער, אויף אַ כּמעט היסטאָרישער קאַנאַפּע, וואָס איז אונטערגעשפּאַרט מיט אַלע אירע ריפּן, איז געלעגן איינער אַ פינסטערער פאַרשוין.

אין די שכנותדיקע צימערן איז אָנגעגאַנגען אַ הוליאַנקע: דאָס האָבן גוואַרדייער געפייערט אַ פאָלק־יום־טוב, רעקווירירנדיק ביי אַ פאַרשלאָפענעם טאָטער, וואָס האָט זיך דורכגעגנבעט ביינאַכט פון אָטוזי קיין פּעאָדאָסיע, אַ פעסעלע וויין. דאָ פלעגן זיי שרייען „הוראַ” לכּבוד זייער קייזערלעכן שעף, און דאָ, דערמאַנענדיק זיך, אַז דער שעף איז שוין פון לאַנג אַוועק אויף יענער וועלט, פלעגן זיי אָנשטענדיק אויפשטיין און אַ מינוט שווייגן, אויפן ענגלישן מאַניער, דאָ פלעגן זיי פּשוט שטיפן — נישט תמיד קאָן מען דאָך מלחמה האַלטן — און אַריינזעצנדיק די אַקטריסע אָרלאָוואַ (אַנדערש — ריוועטשקע בלאָך) אין — ליידער — פוסטן פעסעלע, האָבן זיי גערייניקט אירע נאַקעטע היפּטן מיט מלוכהשן בענזין, ווי מען רייניקט אין אַ פאַרבעריי אַ קאָסטיום.

אָבער דער מרהשחורהדיקער פאַרשוין האָט נישט געפייערט דעם אָנדענק פון שעף און נישט געשטיפט מיט ריוועטשקע בלאָך. פאַרוואָס־זשע האָט מען נישט אים איינגעלאַדן אויף דער פייערלעכקייט ? הגם דאָס נעבעכדיקע ברעקל ליכטל האָט קוים דורכגעשלאָגן דעם חושך פון נומער, האָט מען פונדעסטוועגן געזען, אַז אויף דער קאַנאַפּע ליגט אַ ציווילער מיט אַרויסגעלאָזענע הויזן. אויפן ערשטן קוק — אַ געוויינלעכער דורכפאָרנדער. פאַר דער רעוואָלוציע וואָלט מען אים געקאָנט אָננעמען פאַר אַ

קאָמיסיאָנער אָדער אפילו פאַר אַ טוריסט. אָבער איצט האָט זיך דער האָטעל „קרים" געפונען אין רשות פון שטאַב פון עפעס אַן אַרמיי, דאַכט זיך, פון דער אַסטראַכאַנער. הייסט עס, אַז דער פאַרשוין האָט פאַרנומען אַ געוויסן פאָסטן. אָבער וועלכן? דאָס האָט נישט געוואוסט אפילו דער דינער אַריסטאַרך, אַן אויסערגעוויינלעך דורכגעטריבענער גריך. פאַרשידענע קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען.

איינע האָבן געזאָגט: אַ צייטונגס־שמירער, זיך געדרייט די גאַנצע צייט אין ראָס־אָווער „אָסוואַג". אַנדערע זענען געווען פאַר מאַריופאָל: דער פאַרשוין זאָל דאָרט האָבן געדינט אין דער דעפענסיווע און אפילו זיך דערדינט צו אַ סקאַנדאַל; בעתן פאַרהער האָט ער פאַרבייגייענדיק אַראָפגעצויגן פון אינזשיניער שאַרלס האַנט אַ שאַפירענעם רינג; צום אומגליק איז דער אינזשיניער געווען נישט נאָר אַ פראַנצויז, נאָר אויך אַ שוואָגער פונם מיליטער־אַטאַשע.

אַזוי צי אַנדערש, — די דינסט פון דער געהיימנישפולער פערזאָן איז געווען אַ זאַך אַ פאַרגאַנגענע. דער באַאָבאַכטונגספעיקער אַריסטאַרך האָט געוואוסט, אַז אין פעאָדאָסיע דרייט זיך דער גאַסט אַרום סתם אין דער וועלט אַריין, און קיין הכנסות, נישט אין דער פאָרם פון רינגען, נישט קיין אַנדערע, האָט ער נישט. בלויז איין מאָל, פאַרנאַרנדיק דעם איטאַליענישן מיטשמאַן פון דער טראַנספאָרט־שיף „עלענע" אַריינצוגיין אָנקוקן אַ קאָלעקציע נישט־אָנשטענדיקע פאָטאָגראַפיעס, האָט דער פאַרשוין געוואונען ביי אים אין קאָרטן אַרום טויזנט לירעס. פאַרשווענדט האָט ער זיי פונקט אין פיר טעג, אויסליידיקנדיק זעזאַנס גאַסטראָנאָמיש געשעפט, וואָס האָט געשמט נישט סתם מיט „האָ", נאָר מיט אַ ספעציעלן, אַמאַטאָרישן „האָ־האָ־סאָטערן", און צווינגענדיק אויך נישט ווייניקער ווי צוויי טוץ פערזאָנען פון ווייבלעכן מין צו באַקענען זיך מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פון די נומערן אין „קרים". נאָך דעם האָט ער אַ טאָג צען גערייכערט קערטלעך, וועלכע דער פוילער אַריסטאַרך האָט נישט אויסגעקערט, און געמיטאָגט אין דער ביליקער קיך פאַר אַרטיסטן ביים פאַרמאַ־

צעוטישן קאָאָפּעראַטיוו, וואו ס'האָט אים איינגעאָרדנט איינע פון די פּאַרטאָגיקע פּאַוואָריטקעס, וועלכע האָט בשעתו באַקומען פאַר אַ שעהדיקן וויזיט אַ גאַנץ פּעקעלע אויסלענדישע גאַנקנאָטן.

איצט האָט דער מרה־שחורהדיקער פּאַרשוין געהאַט דאָס פולע רעכט צו זיין מרה־שחורהדיק. קיין קערטלעך זענען מער נישט געווען נישט אין עמער, נישט אונטער דער קאַנאַפּע. זינט נעכטן האָט מען, צוליב דער קאַרגשאַפט פון די פּאַרמאַצעווטן, אויפגעהערט אַרויסצוגעבן מיטאָגן. וואָס שייך אַריסטאַרכן, איז דאָס געווען אַ האַרטער נפש, וואָס איז לחלוטין נישט געניגט געווען צו געבן בראָנפן אויף באָרג. איז געבליבן, נאָכדעם ווי מ'האָט אַלץ אין לעבן פאַרלוירן, צו ליגן אויף דער קאַנאַפּע, אויף „דער זעלביקער" קאַנאַפּע.

אַ חוץ דעם אַלעם זענען דערגאַנגען די יאָרן די וואַנצן. כּל־זמן ער האָט געלעבט מיט אַ גרויסוועלטיש לעבן, דאָס הייסט, געטרונקען סאָטערן, זיך געשפּילט מיט די דאַמעלעך, טאַסירט קאָרטן, האָבן די דאָזיקע אינזעקטן, וואָס פּאַרמאָגן פאַרשטאַנד, זיך אויסבאַהאַלטן אין טיפע שפּאַרונעס. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך צוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, זענען זיי אַרויסגעקראָכן אין געדיכטע טשאַטעס און אין איין מינוט באַדעקט דעם קערפּער פון שלימזלדיקן פּרוש מיט אַ גרויסער אויסשיטעכץ.

דער פּאַרשוין האָט זיי צעקוועטש מיט אַ גרויסן מונדשטוק פון ים־שוים מיט אַ גאָלדענעם מאָנאָגראַם, וועלכן ער האָט איצט, צוליב מאַוגל אין פּאַפּיראָסן, פּשוט געזויגן, ווי אַ סאָסקע. די וואַנצן האָבן שלעכט געשמעקט. דער פּאַרשוין האָט זיי פּלייסיק געקוועטשט, געקראַצט די באַזונדערס פילבאַרע ערטער אויף די זייטן, ווידער פאַרשטופּט אין מויל די ביטערע סאָסקע און געטראַכט: סאַראַ עקל, דעם אמת געזאָגט! ס'וואָלט איצט נישט געשאַדט זיך אָפּצושפּריצן מיט אָדעקאָלאָן...

לויט דעם אַליין איז צו זען, אַז הגם דער פּאַרשוין האָט זיך באַנוצט מיט דער באַקאַנטער רעצעפּט און זיך געוואַלגערט

אין נומער אויף דער קאַנאַפּע, פּונדעסטוועגן האָט ער זיך לחלוטין נישט געקליבן צו שטאַרבן.

ווירקלעך, מיטאַמאָל האָט ער זיך ענערגיש גענומען דרייען. מען האָט זיך געדאַפּט אַנטשליסן אויף עפּעס.

דעם מונדשטוק אָדער דעם פּאָרטסיגאַר? אין די לעצטע דריי יאָר האָט דער מרה־שחורהדיקער פּאַרשוין אַלץ פּאַרלוירן, דאָס לעצטע האָבן צוגענומען די מאָסקווער אָדער ראָסטאָווער באַבעס פּאַר בראָנפן, און אַמאָל אויך פּאַר ברויט. אָבער צוויי זאַכן האָט ער אויפגעהיטן, און ער איז געווען צו זיי שטאַרק צוגעבונדן. ער האָט אַבערגלויביש געגלויבט, אַז דער מונדשטוק, וועלכן ער האָט מיט אַ יאָר צען צוריק געקויפט אויף סוכאַרעווקאַ און וואָס גלאַנצט מיט די געהיימנישפולע איניציאַלן „ר. נ.“ העלפט אים ביים שפּילן, ס'איז גענוג אים אַריינצודרוקן אין מויל — און ס'וועט אומבאַדינגט אַרויס דאָס ניינטל.

וואָס שייך דעם עמאַלירטן פּאָרטסיגאַר מיטן בילדל: אַ נאַקעט דאַמעלע, וואָס שפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע, האָט ער אים, לויטן פּאַרשוינס מיינונג, נישט ווינציק מיטגעהאָלפן צום דערפּאָלג ביי די געווינלעכע, נישט עמאַלירטע דאַמען. איצט האָט מען געדאַרפט אויסוויילן. נאָך איינמאָל אונטערשפּרינגענדיק אויף די ספּרענזשיניקע ריפּן, האָט דער פּאַרשוין אַנטשלאָסן באַהאַלטן דעם פּאָרטסיגאַר אין קעשענע. אַ שיינע האַנדלונג: ווייזט אויס, אַז מער פון אַלץ אין לעבן האָט ער געשעצט די ליבע.

דער מונדשטוק איז תיכף איבערגעגעבן געוואָרן אַריסטאַרכן, וואָס האָט כיטרע אָפּגעווישט די נאָז מיט אַ פינגער. אין אַ מינוט פינף אַרום האָבן זיך באַוויזן אויפן נאַכט־טישל: היימיש־געשטאָפּטע פּאַפּיראָסן, אַ פלאַש בראָנפן, פלאָנדערקעס אויף גריכיש, דאָס הייסט, אין אַ טריבן, פּאַרזשאַווערטן סאָוס, און אָנשטאָט ברויט, וועלכעס די גוואַרדייער האָבן אויסגערוימט, מיט פּעטס אָפּגייענדיקע פּאָנטשקעס. דער פּאַרשוין האָט זיך נישט געלאָזט שטערן מיטן צונויפשפּאַן. ער האָט גיריק געטרונקען, פאַרבייסנדיק דאָ מיט פיש, דאָ מיט פּאָנטשקעס. די שטימונג האָט

זיך קענטיק געביטן. די וואַנצן זענען געוואָרן אַ נישט־וויכטיקער פּרט, ס'איז אפילו מעגלעך, אַז זיי זענען ווידער אַוועק אין זייערע שפּאַרונעס. אַראָפּגעשלונגען דעם זיבעטן אָדער אַכטן קעלישעק, האָט ער אַרויסגענומען דעם פּאָרטסיגאַר, קאָנצענט־רירט אַ קוק געטון אויף דער מאַנדאָלינע און אויף אַלדאָס אי־בעריקע און אויפן קול געזאָגט:

— יאָ־אָ, פּרויען. פּאַריז, אַן אמתער דעמימאָנד. שוין דער־עסן! אַ באָקאַל אירואַ פאַר די פּרעכטיקע דאַמען!

דאָ האָט מען שוין נישט געקאָנט נישט דערקענען אין דאָ־זיקן צופעליקן גאַסט פון די פּעדאָסיער נומערן דעם איינגע־וואָרצלטן מאָסקווער, דעם שטאָלץ פון דער אַמאָליקער מאָסקווע, איינעם פון די שותפים פון דער באַרימטער קאַנטאָר אין טשער־קאַסקן געסל, ניקיפאָר איגנאַטיעוויטש כאַליביעוון. ווי גערירט וואָלט געווען דער אָרימער אַלמן נעיכענזאָן, ווען ער וואָלט גע־זען, אַז נישט געקוקט אויף אַלע צרות, אויף דער נידערטרעכטי־קייט פון מאַריופּאָלער שאַראָל, אויפן באַנקראָט פון דער ציי־טונג „דער פּראַוואָסלאַווער אַליאַרם־גלאָק". אויף אַריסטאַרכס טעמפּקייט און קאַרגשאַפט. אַז נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, אָכצט זיין פּריינט מונטער אָפּ נאָך יעדן מיט אַזוי פיל מי דער־וואָרבענעם קעלישעק! כאַליביעוו האָט איינמאָל אָפּגעגרעפּצט: דאָס האָט אים, זיכער, נעיכענזאָן צאַרט דערמאָנט. אָבער כאַליביעוון זענען נישט געלעגן אין קאָפּ קיין דערינערונגען. געלט, — דאַן פּאַריז — פּרויען — לעבן, אָדער?... אָדער וואַנצן! געלט, פּאַר יעדן פּרייז!

ער האָט אַראָפּגעשלונגען נאָך דריי קעלישקעס. מיט־אַמאָל האָט זיך אויף זיין פּעסטן. ראַסיקן נישט נאָר לויטן פּאַספּאָרט אַדעליקן פּנים באַוויזן אַן אומקלאָרער שמייכל, וועלכן מען קאָן אַנדערש נישט באַצייכענען, ווי אַ באַ־גייסטערטן.

— אַריסטאַרך! טינט! פּאַפּיר!

אויף אַ גרויי בייגעלע פּאַפּיר, אַ פּאַרשפּריצטס מיט דער

גריכישער סביבה פון די פלאַנדערקעס, מיט ברוינער טינט. צו וועלכער מען גיסט יעדע מינוט צו וואַסער, האָט כאַליביעוו געשריבן, געשריבן, אָפּרייסנדיק זיך, פאַרטראַכטנדיק זיך, צוהערנדיק זיך. די גוואַרדייער זענען שוין לאַנג שטיל געוואָרן, אין די נומערן איז געבליבן בלויז דער קלאַנג פון אַראָפּפאַלנדיקע טראָפּנס און עמעצנס אַ גלייכמעסיק כראָפּען. כאַליביעוו האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט — אַזוי כאַפּט אַ טרוימערישער דיכטער מיט אַ צוגעשפּיצט אויער דעם קאַפּריזנעם גראַם. דערנאָך האָט ער ווידער געשריבן. ער איז באמת פאַרכאַפּט געווען פון שאַפונגס-פּראָצעס. זיין, ווי באַקאַנט, נערוועזע האַנט האָט צוגעדעקט די קורצע, אָפּגעריסענע שורות. אפשר זענען דאָס געווען פערזן, געווידמעט דער עמאַלירטער יפה-פיה פון פּאָרטסיגאַר? ניין, אָנשטאָט אַ געהעריקער ווידמונג איז אויבן אויפן בויגן געווען אָנגעשריבן: „דער באַשטאַנד פון די רעזערוו-טיילן אויפן פּוילישן פראָנט".

געענדיקט שרייבן שוין אַרום סאַמע פרימאָרגן, ווען ס'האָבן זיך גענומען רודערן אין נומער יענער זעלביקער האָק און יענע זעלביקע קאַנאַפּע, און פון אָנגעשפּאָלטענעם שפּיגל איז אַרויסגעשוואומען דאָס אויסגעמאַטערטע, אָבער דורך באַגייסטערונג אויסגעלייטערטע פּנים, האָט כאַליביעוו אַרויסגענומען אַ וויזיט-קאַרטע און נישט אָן צופרידנקייט דורכגעלייענט די פראַנצויזישע אויפשריפט: „ניקיפאָר כאַליביעוו. שעף-רעדאַקטאָר פון „פּראַוואָסלאַווני נאַבאַט". „ס'איז דאָ", ווי ס'וואָלט געזאָגט דער ווייט אין מאָסקווע איבערגעבליבענער פּאָלוקס. מאָרגן דאַרף מען זיך אָפּראַזירן גלייך אינדערפרי.

הגם ס'איז שוין געווען עפּעס, וואָס האָט שטאַרק דערמאַנט אָן פרימאָרגן, האָט כאַליביעוו פונדעסטוועגן באַשלאָסן אויסצוטון זיך און דורכשלאָפן זיך אַ שעה-צוויי. אַראָפּשלינגענדיק די לעצטע פּאָנטשקע, האָט ער זיך פאַרזשמורעט פון תענוג: ס'וועט זיין אַ פרוי, אַ פוכיקע, אַ פּאָנפּאָנטשיקל! און מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט אויפן קישן אַ וואַנץ. אָבער כאַליביעוו האָט זי נישט צעקוועטשט. ער האָט

געשווּנט די וואַנץ, און נישט דערפאַר, ווייל דער מונדשטוק, וואָס איז צוגעפּאַסט געווען אויף צו פאַרניכטן דידאַזיקע באַשע־פעניש, איז אַריבערגעגאַנגען אין אַריסטאַרכס רשות, ניין — פון געלייטערטקייט, פון גערירטקייט: כאַפּט זי דער רוח! זאָל זי לעבן...

4.

## דער געשעפטלעכער פרימאָרגן פון הער אַלפרעד נעי

הער אַלפרעד נעי האָט געלייענט אַ צייטונג, אָבער ער האָט זי געלייענט אָן פּאַטאָס און אָן דער מינדסטער פרייד. דאָס איז געווען נישט דער ליבער „Journal des Débats", נאָר דער „ק־ימער קוריער", וועלכער האָט געגעבן העפלעך, אָבער גאַנץ קלאָר, מודיע געווען וועגן די דערפאָלגן פון די רויטע אויפן פראָנט.

— כ'האָב דאָך זיי געשריבן! מיר פטרן אומזיסט אומנישט געלט. זיי גלייבן נישט. זיי זיצן אין פּאַריז און מיינען, אַז דאָ קומט פאָר אַ געוויינלעכסטע, אָנשטענדיקע מלחמה! דאָ איז נישט קיין מלחמה, דער טייוול ווייסט, וואָס דאָ קומט פאָר! דאָ קומט פשוט פאָר אַ געשלעג פון משוגע־געוואָרענע הינט. ביז זיי וועלן אַלע נישט איבערבייסן איינער דעם צווייטנס האַלז, האָבן מיר דאָ נישט וואָס צו טון.

אַזוי האָט געוואָרטשעט דער הער נעי. דידאָזיקע וואָרטשע־ר האָט איבערגעריסן זשאַננאַ, וועלכע איז שטיל אַריינגעקומען אין קאַבינעט און האָט צערטלעך אַ קוש געטון דעם פאָטערס פליך.

— אַ גוטן מאָרגן, מיין מיידעלע! די געשעפטן זענען אויף צרות. אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום וועלן מיר זיך, וואָרשיינ־לעך, רירן קיין פּאַריז. דו פרייסט זיך?

אָבער זשאַננאַס פנים האָט נישט אויסגעדריקט קיין שום

פרייד. פאַרקערט, אירע שוואַרצע פון דער שלאָפלאָזער נאַכט מיט בלוי אַרומגעראַמטע אויגן, האָבן געקוקט אויפן פאָטער עפּעס מיט אַ נייעם בליק: טרויעריק און פאַרלוירן. דאָס האָט אַ ביסל פאַרוואונדערט דעם הער נעי.

— וואָס איז דיר, קינדעלע? ביסט אפשר קראַנק? דו זעסט שלעכט אויס. אפשר רופן דעם דאָקטאָר?

— ניין, כ׳בין געזונט.

— וואָס־זשע איז געשען?

— פּאַפּאַ, כ׳האָב אייך דאָס אַליין געוואָלט זאָגן. מיר איז אָבער שרעקלעך שווער צו רעדן. וואַרט צו, כ׳וועל באַלד זאָגן! מיט מיר איז געשען עפּעס שרעקלעכס. כ׳וועל, וואָרשיינלעך, אומקומען.

זשאַננאַ האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. הער נעי איז אומרויִק געוואָרן נישט אויף קאַטאָוועס. מאַלע וואָס עס קאָן זיך טרעפן מיט אַ יונג מיידל אין דאָזיקן ווילדן לאַנד? זשאַננאַ האָט נעכטן שפּאַצירט איינע אַליין, זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים שפּעט, זיך פאַרשלאָסן, זי איז אפילו צום אָוונט־טיי נישט אַרויסגעקומען. וואָס באַדייט דאָס אַלץ?

— פּאַפּאַ, איר מוזט מיך פאַרשטיין! כ׳ווייס אַליין נישט, ווי דאָס איז געשען. מיר דאַכט זיך, אַז... כ׳בין פאַרליבט!

— וואָס הייסט, ביסט „פאַרליבט״? פאַרשטייסט דען אַליין וואָס דו רעדסט? ענטפער מיר! האָסט אָפּגעטון עפּעס אַ נאַרישקייט?

— כ׳האָב גאָרנישט געטון. כ׳זאָג אייך אָבער: כ׳האָב ליב. דאָס איז שרעקלעך! כ׳קאָן איצט טון אַלץ!

— נישט וועגן דעם פרעג איך דיך. דו פאַרשטייסט נישט? ווי זאָל איך דאָס זאָגן... נו, למשל, ער האָט דיך געקושט?

— איין מאָל, די האַנט.

הער נעי האָט זיך תיכּף באַרויִקט. ער איז אפילו פריילעך געוואָרן. ס׳איז נישט לייכט פאַר אַן איינזאַמען אַליין צו דערציִען אַ טאָכטער, דערצו נאָך דאָ, אין דאָזיקן באַרבאַרישן

לאַנד. אָבער גוט, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט! דער געטרייסטער פֿאָטער האָט אַפֿילו אָנגעהויבן אויסצופּייפֿן עפּעס שפּילעוודיקס פֿון „קאַרמען". און זשאַננאַ האָט כּסדר געוויינט. אַ קוק טוענדיק אויף דער טאָכטער, האָט הער נעי זיך דערמאָנט אירע ווערטער און איז ווידער אין כּעס געוואָרן.

— זיי אַזוי גוט און לאָז אָפּ זידאָזיקע פֿלירטן מיט ווילדע! אָט, מיר וועלן קומען קיין פּאַריז, דאַן... ווער איז ער, דערדאָזיקער מחוצף?

— ער? ער איז געווען אַ סטודענט, און איצט.. איצט איז ער...

ניין, דאָס האָט זשאַננאַ נישט געקאָנט אַרויסרעדן! אַ גאַנצע שעה האָט זי הער נעי געפֿאָרשט, אָבער ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט דערוויסן.

— אפשר איז ער אַן אָרימאַן? איצט זענען דאָך דאָ אפילו אָרנטלעכע מענטשן געוואָרן אָרימעלייט. פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו מיר נישט? דו ווילסט מיך טויטן מיט דיין עקשנות! וואָס־זשע איז ער — אַ גנב?

— ניין! ניין! פּאַפּאַ, איר דאַרפֿט נישט זיין אין כּעס אויף מיר! אָבער ער... ער איז אַ באָלשעוויק! ניין, רעדט נישט, ער איז נישט קיין מערדער, ער איז אַן אַנדערער באָלשעוויק, אַ גוטער!

דאָס האָט שוין הער נעי בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. זיין פּליך האָט באַרעדעוודיקער פֿאַרן כריפּ און דעם פֿאַרהאַקטן אָטעם עדות געזאָגט, אַז ער קאָן גלייך אויפֿן אָרט שטאַרבן. די אומדאַנקבאַרע טאָכטער! ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, שטיקנדיק זיך האָט ער אָפּגעשפּיליעט דאָס וועסטל. ער איז ענלעך געווען אויף אַ העלד פֿון אַן אַנטיקער טראַגעדיע. ער איז שוין גרייט געווען צו פֿאַרשעלטן זיין טאָכטער, אָבער מיטאַמאָל, קומענדיק צו זיך, האָט ער זיך באַקלערט: זי איז דאָך פּשוט אַ נאַרעלע! נו, איינמאָל אַ קוש געטון די האַנט — ס'איז נאָך אַ קנאַפּ אומגליק, גוט אָנשרייען — און אַלץ וועט מאָמענטאַל פֿאַרשווינדן.

אין הער נעי האָט אָנגעהויבן נישט שרייען, נאָר ברילן, אַזוי אַז ס'האָבן גענומען ציטערן אַלע יאַפּאַנישע וואַזעלעך פון קאַראַאַים סאַרום וועלכער איז אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— ער וויל דיך שענדן! פאַרשטייסט דאָס? ווי אַ פשוטע דינסט

— ניין, נישט אמת! ער האָט מיך אויך ליב. ער קאָן ווערן מיין מאַן.

דאָ האָט הער נעי זיך נישט איינגעהאַלטן: ער האָט אומנאַטירלעך, ווי אין אַן אָפּערע, זיך פונאַנדערגעלאַכט. זיין פּליך האָט גענומען רויט־ווערן, און מען האָט געמוזט ערנסט מורא האָבן פאַר זיין געזונט.

— אַ מאַן? אוודאי! צי דען קאָנען באָלשעוויקעס זיין מענער? דאָס זענען נישט קיין מענער! דאָס זענען... דאָס זענען... קעמלען! דאָס זענען ערגער פאַר קעמלען — דאָס זענען אַפּאַשן! כ'וועל דיך איינשליסן! זאָל ער נאָר פּרווון אַריינשטעקן דאָ די נאָז. כ'וועל אים אַרעסטירן! כ'וועל אים אויפהענגען! כ'וועל אים...

ס'איז פאַרבליבן נישט־אויפגעקלערט, וואָס נאָך דער אויפגעבראַכטער פאָטער האָט זיך געקליבן טון דעם חוצפהניק. דער דינער וואַניאַ האָט שוין פון לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר פון קאַבינעט, אָבער דעם הער נעיס ברילעריי האָט פאַרהילכט אַלע איבעריקע קלאַנגען. דידאָזיקע ברילעריי איז דערגאַנגען אויך אין פאָדערצימער, וואו אַ געוויסער באַזוכער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט פאַר שרעק. לסוף, ווען ס'האָט אים דערעסן צו קלאַפּן, האָט וואַניאַ אויפגעעפנט אַ ביסל די טיר און אין דער שפּאַרע איז אַדורכגעקראָכן זיין חוזקדיק נעזל. דאָסדאָזיקע נעזל איז געווען דער אַלגעמיינער וואוילטוער: עס האָט איבערגעריסן דעם שווערן שמועס, עס האָט, אפשר, געראַטעוועט דעם הער נעי פון אַפּאָפּלעקציע. וואַניאַ האָט דרך-ארצדיק דערלאַנגט זיין באַלעבאָס אַ וויזיט־קאַרטע, אויף וועלכער ס'איז צוגעשריבן געווען מיט בלייַשטיפט: „אין אַ זייער וויכטיקער און סעקרעטנער אַנגעלעגנהייט“.

אין דער טיר פון קאַבינעט האָט זיך זשאַננאַ צונויפגעשטויסן מיטן באַזכער, וועלכער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי כאַליביעוו, ווי נישט איז אויסגעפוצט און נאַר־וואָס אָפּגעגאָלט. די באַגעגעניש האָט אויף ביידע געמאַכט הגם אַ פאַרשידענעם, אָבער גלייך־שטאַרקן רושם. זשאַננאַ האָט אַ טראַכט געטון: סאַראַ עקלהאַפטע פיזיאָנאָמיע! און דידאָזיקע בראָדעווקע אויף דער באַק... בררר! — געוויס, אַזאַ אָפּשאַצונג איז געווען אַ ביסל סוביעקטיוו: נישט געקוקט אויף דער בראָדעווקע האָט כאַליביעוו געהאַט דערפאָלג ביי פרויען.

כאַליביעוון, פאַרקערט, איז זשאַננאַ געפעלן געוואָרן: אַן אַפּעטיטלעך מיידעלע! אפילו די טרערן און די צעשויבערטע האָר האָבן אים גיכער מילד געשטימט. לויט כאַליביעווס מיינונג קליידט אַ געוויסע אויפגערעגטקייט יונגע פרויען, זי מאַכט זיי צוציענדיקער.

אויף כאַליביעווס אומגליק האָט דידאָזיקע באַגעגעניש געדויערט נישט מער ווי אַ רגע. זשאַננאַ איז שנעל פאַרביייגעלאָפן צו זיך.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, געזעגענענדיק זיך מיטן הערנעי, האָט כאַליביעוו גאַנץ דרייסט געזאָגט:

— כ׳האָב דאָ געזען אַ באַצויבערנדיק פריילין. דאָס איז, דאַכט זיך, אייער טאָכטער?

— יאָ, דאָס איז מיין טאָכטער.

— אפשר וועט איר מיך ביי אַ געלעגנהייט באַקענען מיט איר?

הער נעי האָט מיט פאַרדרוס אַ הוסט געטון:

— ביים געשעפטלעכן כאַראַקטער פון אונזער באַקאַנטשאַפט האַלט איך דאָס פאַר לחלוטין איבעריק.

כאַליביעוו האָט שוין געשפרייזט איבערן ים־ברעג, און הער נעי האָט נאָך אַלץ אונטערגעהוסט פון אויפגעבראַכטקייט. דאָ זענען נישטאָ קיין ערלעכע מענטשן! מיר האָבן געהאַט קאַרנאָן. דאָ זענען בלויז אַפּאַשן און קיין איין פּאַטריאָט נישט. אַזאַ פאַרשוין בין איך גרייט צו באַצאָלן, אויב ס׳וועט אויסקומען, אפילו

גוט באַצאָלן. אָבער באַקענע אים מיט זשאַנגאַן ? ניין, בנאמנות, מען דאַרף וואָס גיכער אָפּפאָרן קיין פּאַריז !

שפּרייזנדיק איבערן ים־ברעג האָט זיך כאַליביעו געפּעסט : ער פאַררייסט די נאָז ! דאָס מיידעלע איז, אמת, אַן אָנגענעמע. געוויס, אַזאַ קאָסט טייער : פראַנקן, וואַליוטע. און דער דאָזיקער פּאַפּאַשאַ וועט צוואַרפן אַ צענדליק „גלעקעלעך", און פאַרטיק. סאַ פּאַסקודנער ! די באָלשעוויקעס זענען פּאָרט וואוילע יאַטן, ברעכן די ביינער דידאָזיקע פראַנצויזישע פּאַסקודסטוואַ ! זשאַבעס ! מיר וועלן זיי נאָך ווייזן, וואָס אַזוינס רוסלאַנד איז ! אָבער בעסער פאַר אַלץ איז אַריבערקלייבן זיך קיין פּאַריז. כ'וועל קריגן וואַליוטע. דאַן היט זיך !... אויך דערדאָזיקער פּאַפּאַשאַ וועט, אפשר, נעמען זינגען גאָר אַנדערש. אָבער ס'מיידעלע איז זייער אַן אָנגענעמע, גישטאָ וואָס צו רעדן. אָבער דער עיקר — געלט !

5.

## וועגן וואָס האָט געזונגען דער אַלטער אַכמאַ־שולי

אין אַכמאַ־שוליס קאַפעהויז, וועלכעס ס׳איז לייכט געווען צו געפינען אויפן מאַרק־פּלאַץ צוליב דעם אָריגינעלן שילד, וואָס איז געווען ספק דער נאָמען פון דעם קאַפע, ספק זיין דעוויז — געמעלעך: „האַלט איין פערד״ — איז געווען נישקשהדיק באַלעבט. אַכמאַ־שולי גופא, אַ מעלאַנכאָלישער טאָטער, פלעגט יעדע ווײַלע צוטראָגן צו די שיפּעדיקע קוילן אין אײַוועלע אַ קופּערנעם קאַווע־טשײַניק מיט אַ פּיטשינק קעפּעלע אויף אַן אַרשיניקן גוף. די דינסט, די רוסישע פּויערטע פּעסיאַ, פלעגט אָנגיסן טיי מיט אַ נעבעכדיקן גענעץ. עס האָבן זיך דאָ נאָך געפונען האַרטע בולקעס און שמאַלציקע „טשעבורעקעס״, געפילטע, לויט די אָפּרופן פון די קאָנקורענטן, מיט הינטישער כראָמסקע.

ווען אין קאַפע איז אַרײַנגעקומען דער רײַכער טאָטער אָס־מאַן סעידול, דער באַלעבאָס פון די בעסטע פרוכט־סעדער אין אַטוזי, האָט אַכמאַ־שולי אַוועקגעוואָרפן אַלע געסט : ריטועל שאָק־לענדיק זיך, האָט ער גענומען צוגרייטן פון ספּעציעל־געמאָלטע קערנער און קאָזענע מילך „קאַווע אויף סולטאַניש״. אַלע איבע־ריקע באַזוכער האָבן געקאָנט בחינם אַרײַנאָטעמען דעם מחיהדיקן ריח פון דאַזיקן געטראַנק. זיי האָבן טאַקע אַזוי געטון. אָבער אפילו דאָס האָט זיי נישט פרײַלעך געמאַכט. די שטימעס, נישט

די ווערטער, וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווייל די באַזוכער פון קאַפע „האַלט איין פערד" האָבן גערעדט לכל הפחות אויף פינף פאַרשידענע שפּראַכן, — ניין, דער טעמבר פון די שטימעס האָט עדות געזאָגט וועגן דער אַלגעמיינער באַטריבט־קייט. שווערע צייטן!

דער טאָטער פון דאָרף „קאַזי" האָט אַרויסגעגעבן פון זיך באַזונדערס טרויעריקע קלאַנגען. דאָס איז געווען דער זעלבער טאָטער, בײַ וועלכן די פרייליכע גוואַרדייער, די איינוואוינער פון האָטעל „קרים", האָבן נעכטן געהאַט צוגענומען אַ פעסעלע וויין. אָבער אויך די קאָקטעבעלער בולגאַרן האָבן געהאַט דאָס פולע רעכט צו זיין אומצופרידן: מען האָט זיי געצוואונגען צו פירן אומזיסט האָלץ פאַר די מיליטער־לייט. דער גריך פון אַרמאַטלוק האָט זיך געקלאָגט אויף די אינגושן, וועלכע זאָגן, אַז זיי כאַפּן עפעס „גרינע", און אינדערנאַכטן שרעקן זיי נאָר די גריכישע מאַמעס און פרעסן גריכישע הינער. די אָטוזער דייטשן האָבן פעדאַנטיש פאַראורטיילט די אַלגעמיינע אומאָרדנונג: ביקסן זע־נען נישט געמאַכט געוואָרן אויף דעם, מען זאָל אינמיטן העלן טאָג שיסן אין דייטשישע מילך־קי. די זעלנער פון פרידריך דעם גרויסן האָבן אַזוי נישט געהאַנדלט! וואָס שייך די רוסן פון סולטאַנאָווקע אָדער נאַסיפקאַי, האָבן זיי זיך אויף גאָרנישט נישט געקלאָגט. שוויצנדיק פון פעסיאַס טיי האָבן זיי זיך אָדער גע־שמאַק גערידלט אָדער ביטער געזיפצט. ס'איז קלאָר געווען, אַז זיי זענען גוט באַקאַנט די עוולות פון דידאָזיקע פאַרשידנשפּראַ־כיקע מענטשן, אָבער אַז צו אַלץ קומט נאָך צו בײַ זיי נאָך איין עוולה, אַן עיקרדיקע און מיט קיין שום ווערטער נישט אויס־צודריקנדיקע ס'טוט ווי אָט־אָ־דאָ, וואו — איז נישט באַקאַנט געווי, אָבער ס'טוט זייער ווי!... אפילו דער רייכער טאָטער, וואָס האָט געזופט די באַרימטע „קאַווע אויף סולטאַניש", אויך ער האָט זיך נישט געפרייט נישט מיט דער זיסקייט, נישט מיטן אַראָמאַט פון געטראַנק. וואָס גייט אים אָן די קאַווע! וואָס גייען אים אָן אַלע מאָרעלן־ביימער פון אָטוזי, ווען זיין איינציקער זון, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אין די בערג צו די „גרינע", האָבן געטויט

שלעכטע, פון דער פרעמד געקומענע מענטשן ? פאַרשאָלטענע צייטן !

בלויז צוויי מענטשן, אויסערלעך ענלעכע אויף קליינע מאַרק־הענדלער, וועלכע האָבן רואיק געטרונקען אין ווינקל קאַווע האָבן נישט גענומען קיין שום אָנטייל אין דאָזיקן קלאָגן זיך. ווייזט אויס, אַז די פּאָליטיק האָט זיי ווינציק־וואָס אינטערעסירט. זיי האָבן גאַנץ אָפט געקוקט אויף דער טיר, אָפּוואַרטנדיק עמעצן, אפשר אַ שפּעקוליאַנט, וואָס קויפט צונויף געשנורעוועטע שטיוול און וואַרעמע קעמלנע לייבלעך, וועלכע די נאַאיווע שעפן פון דער אַלפרעד נעי האָבן געשיקט אַהער קיין פעאָדאָסיע.

אַ קוק געטנדיק אויף זיי איין מאָל, האָט דער אַלטער צכמאַ־שולי אַ טראַכט געטון: „נו, אָט־אָ־די מאַכן דאָס ביטעלע!"

אַכמאַ־שולי האָט אַ טעות געהאַט, אָבער זיין טעות קאָן מען אים פולשטענדיק מוחל זיין. צי דען האָט זשאַננאַ נעכטן נישט אָנגענומען אַנדרעיען פאַר אַן עכטן אָפיציר ? ווען דאָס מיידל זאָל זיך היינט געפינען אין דאָזיקן קאַפעהויז, וואָלט זי, אפשר, אויף אַן אמת באַשלאָסן, אַז אַנדרעי האַנדלט אויפן שכנותדיקן מאַרק מיט געגנבעטער אַמוניציע. דאָס איז אַ שבח פאַר אַנדרעיס קונסט; ער איז געווען אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר. איצט וואָלט קיינער אין אים נישט געוועסט דערקענען דעם דרייסטן פאָרוטשיק, וואָס איז פרימאָרגנצייט געקומען צו רייטן פון אַטוזי. געזעסן מיט אים צוזאַמען איז ניקיטאַ, אַ מאַטראָס פון שוואַרצן ים, אַ דעזערטיר, אַ מענטש אַ דרייסטער און אַ מענטש אָן אַ גאַל. איינמאָל, אויסבאַהאַלטנדיק זיך, האָט אַנדרעי פאַרבראַכט מיט אים אַ וואָך צייט אין דער נאָענט פון אלושטאַ, אין די בערג. און דאָרט האָבן זיי געשלאָסן חברשאַפט. זיי האָבן אָפּגעוואַרט... וועמען־זשע האָבן זיי אָפּגעוואַרט ? עמעצן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, צוליב וועלכן אַנדרעי איז פאַרבליבן אין פעאָדאָסיע, הגם ער האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין קערטש.

און באמת, אינגיכן איז אין קאַפע אַריינגעקומען אַ יונ־

גינקע בחורל און אויפגערקואַם, אַדורכקוקנדיק אַלע טישלעך, איז ער צוגעקומען צום ווינקל, וואו עס זענען געזעסן די מענטשן, וואָס האָבן אויף אים געוואַרט. דאָס איז געווען וואַניאַ, געוועזענער דינער, וועלכער האָט היינט אינדערפרי געראַטעוועט זיין באַלעבאָס פון אַפּאָפּלעקציע. אַ מאָדנער צונויפפּאָר — אַנדרעי און עמעץ פון דאָרטן, — פון דער ווילע „איבראַגיאַ", וואו ס'ווינט די באַליידיקטע דורכן פאָטער, די אויסגעפּייניקטע דורך איר ליבע — זשאַננאַ. אָבער וואַניאַ האָט נישט איבערגעגעבן קיין רירנדיק-צונויפגעקנייטשט צעטעלע. אַנדרעי האָט דאָס גאָרנישט דערוואַרט. זיי האָבן געהאַט גאַנץ אַנדערע ענינים. פּעסיאַ האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גלאָז טיי און דאָס באַגלייט מיט אַ פּאַריא'שטן גענעץ. ביים טישעלע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שושקעריי: זיכער, מען פאַרקויפט לייבלעך!

וואַניאַ האָט שטיל-שטיל איבערגעגעבן:

— וויכטיקע דאָקומענטן... כ'האָב אַלץ געהערט... עפּעס אַן אויסוואורף האָט פאַרקויפט...

אַנדרעי איז אַנגעכמורעט געוואָרן.

— מען מיז אָפּנעמען.

— יאָ, אָבער היינט ביינאַכט. מאָרגן גייט דאָך אָפּ די דיפּלאָמאַטישע פּאָסט.

ניקיטאַ האָט בלויז געפרעגט:

— די טיר וועסטו אונז עפענען?

וואַניאַ האָט זיך געאיילט: מען האָט אים געשיקט אויף איין מינוט אין זעזאָנס געשעפט נאָך אַ ציטרין. הער נעי, אָפּגעשוואַכט דורך דעם פרימאָרגנדיקן שמועס מיט דער ווידערשפּעניקער טאָכטער, האָט באַשלאָסן צו קרעפטיקן זיך מיט אַ גלאָז גוטן גראָג.

ווען וואַניאַ איז אַוועקגעגאַנגען האָט אַנדרעי, קווענקלענדיק זיך אַ ביסל, געזאָגט:

— הער נאָר, ניקיטאַ, באַמי זיך, דאָרט זאָל זיין טרוקן. הרגענען וועלן מיר דאָך נישט?

ניקיטאַ האָט זיך פאַרוואונדערט. די גאָמבע אפילו גענומען קראַצן.

— דאָרט זענען דיינע קרובים, וואָס?

— ניין ווי קומט! דאָס ווייב מיינס איז אין מאָסקווע, און ווייטער האָב איך קיינעם אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער קיינעם.

— נו, נישט קיין קרובים, אפשר באַקאַנטע? וואַניאַ האָט געזאָגט, אַז דאָסדאָזיקע פראַנצויזל האָט אַ וואוילע טאָכטער. ביסט אפשר מיט איר?...

— כ'האָב זי אפילו אין די אויגן נישט געזען. כ'זאָג סתם, אַז ס'לוינט נישט אָנרירן: נעמען ס'פּאַפּירל — און אַן עק.

דאַכט זיך, אַז ניקיטאַ האָט אַ שמייכל געטון: ער איז געווען נישט יונג, האָט אַ סך אַרומגעשוואומען און אַ סך געזען. ער האָט געקענט די מענטשן. ס קאָן אָבער זיין, אַז דאָס האָט זיך אַנדרעיען בלויז אויסגעדאַכט, און ניקיטאַ האָט גאָרנישט געשמייכלט. אדרבה, פאַרקערט. דאַכט זיך, ער האָט טרויעריק געזונצלט דעם פאַרווינטיקטן שטערן. יעדענפאַלס, ביים זעגענען זיך האָט דער מאַטראָס געזאָגט:

— הייסט עס, אַ זייגער צוויי ביי דער וואַסערלייטונג? אָנרירן וועלן מיר קיינעם נישט, בלויז דעם דאָקומענט וועלן מיר אָפּנעמען.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט שוין פון דער טיר.

— אפשר ווילסטו נישט גיין? דאַרפסט דאָך זיין אין קערטש. טאָ זאָג, כ'וועל זיך איינער אַליין אַן עצה געבן.

— ניין, וואָס רעדסטו! הייסט עס, אַ זייגער צוויי.

אַנדרעי איז געבליבן איינער אַליין. ער האָט באַשטעלט נאָך אַ טעפּעלע קאַווע. וואָס איז פאָרגעקומען אין אים? אַ קאַמף? פרייד פון דערפילטן חוב? מורא צו פאַרלירן דאָס געליבטע מיידל? ניין, אַנדרעי איז געווען צו יונג, צו זאָרגלאָז, כדי צו טראַכטן וועגן דעם. ער האָט געטון דאָס זייניקע. ער האָט גע־ראַטעוועט דאָס לעבן אַ שונא. געראַטעוועט דערפאַר, ווייל דאָס

איז זשאַננאַכ פאַטער — און דאָס איז אַלץ. און זשאַננאַן קאָן ער נישט פאַרלירן. זי איז אַרויסגעגאַנגען פון זיך אַליין, ווי ס'גייט אַרויס אַ מזלדיקע קאָרט. זי איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק, ווי די זון, ווי דאָס געזונט, ווי די רעוואָלוציע. האָבן דאָך אַנדערע געלעבט זייער גאַנץ לעבן אָן רעוואָלוציע. ס'זענען דאָ לענדער, וואו אַנשטאָט זון איז הײַלער נעפל. ס'זענען דאָ בעלי־מומים אָדער בלינדע. ס'איז אויך דאָ לעבן אָן ליבע. אָבער אַנדרעי? אַנדרעי איז געבוירן געוואָרן, כדי צו זיין גליקלעך!

ער איז לאַנג געזעסן אין פינסטערן ווינקל. עס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ריכטיקער, פונאַנדערגעפאָרן זיך איבער זייערע אָטוזיס און נאַסיפּקאָיס די באַליידיקטע, טרויעריקע מענטשן, פונאַנדערגעפאָרן זיך אין טרייסטלענדיקע פורן, וועלכע האָבן, דאַכט זיך, געזאָגט, טראַסקענדיק: „צייטן אַ ביסל, פאַרשאָלטענע צייטן!"

דער אַלטער אַכמאַ־שולי האָט אָנגעהויבן זינגען, וואַרעמעדיק די אויסגעטריקנטע פינגער אויף די קוילן פון דער קיך: די געסט זענען דאָך אַוועקגעגאַנגען, און קיינער האָט שוין ביי אים נישט באַשטעלט קיין קאַווע. ער האָט געזונגען צעצויגן, טרויעריק, ער האָט לאַנג געזונגען, אפשר אַ שעה, אפשר נאָך מער. פעסיאַ האָט אפילו צו גענעצן אויפגעהערט; איינגעוויגט איז זי איינגעשלאָפן זיצנדיקערהייט. אַכמאַ־שולי האָט כסדר געזונגען. דער טאָטער דער חכם האָט געוואוסט, אַז עס זענען נישטאָ נישט קיין פאַרשאָלטענע, נישט קיין געבענטשטע צייטן, אַז אין אַלע צייטן האָבן מענטשן אָדער געוויינט, אָדער געלאַכט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער יונגער גאַסט, וואָס זיצט אין ווינקל, וואָס קוקט אַזוי אַרויספאָדערנדיק, אַזוי זאָרגלאָז אין דעם בלויגעוואָרענעם פענסטער, וואָס טרוימט, זיכער, וועגן אַ שיינער פרוי, וועגן רום, וועגן גליק, — קאָן ווערן טרויעריק, ער קאָן אפילו זיך פונאַנדערוויינען, ס'וועט אָבער פאַרגיין אַ שעה אָדער אַ יאָר און ער וועט ווידער פריילעך ווערן. ער האָט אויך געוואוסט, אַז קיין שום זאַך קאָן שוין נישט פריילעך מאַכן דעם אַלטן אָסמאַן סעידול פון אָטוזי, וועלכער פאַרמאָגט אַ סך מאַרעלן, וועלכער האָט שוין

אָבער נישט מער דעם איינציקן זון. אויך האָט ער געוואוסט, אַז אינגיכן וועלן קיין שום קוילן נישט קאָנען אָנוואַרעמען זיינע פרירנדיקע פינגער. און דאָס ווייסנדיק, האָט ער באַזונדערס טרויעריק געזונגען. זיין געזאַנג איז געווען אַזוי טרויעריק, אַז אַנדרעי אפילו האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַ זיפץ געטון. דערדאָזיקער זיפץ — בלויז אַ זיפץ, קיין ווערטער זענען נישט געווען — איז איבער עפּעס אַרויסגעקומען ענלעך אויף דעם ליבן פרעמדלענדישן נאָמען.

אָבער אַרויסקומענדיק אויפן פּלאַץ, וואו ס'איז געווען אַ סך געזאַלצענער ווינט, שטימען פון פאַרבייגייער, און העכער — אויסערגעוויינלעך העלע, ווי דורכן ווינט פונאַנדערגעבלאָזענע שטערנס, האָט אַנדרעי מער נישט געדענקט אָן יענער, צו וועלכער ער האָט אינגיכן געדאַרפט קומען אַלס אומגעבעטענער-שרעקלעכער גאַסט. ער האָט סתם ברייט געשפרייזט, זיך איינגעהערט צו זיינע אייגענע טריט און געשמייכלט.

6.

## נאָרד-אָסט

צו נאַכטצייט האָט גענומען בלאָזן אַ נאָרד-אָסט, גענומען בלאָזן מיטאַמאָל און אכזריותדיק. אין איין פערטל שעה האָט דער ווינטער ווידער דעראָבערט פעאָדאָסיע. שנעל זענען ליידיק געוואָרן די גאַסן. אויב אַ וועלכעס נישט איז קליינע שפּעקוליאַנטל, באַהערשט פון פאַרלאַנג אומבאַדינגט צו קויפן ביי די ענגלישע מאַטּראָסן, וואָס זענען אָוונטצייט אָנגעקומען אין שטאָט, די געוואונטשענע פונטן, האָט זיך באַשלאָסן אַרויסצושטעקן די נאָז, איז די דאָזיקע נאָז, די שפּיציקע, אונטערנעמערישע נאָז פון שפּעקוליאַנט מאָמענטאַל געוואָרן ליליאַ. אין דער פינסטער האָבן יאָמערלעך געקלאַפּט לאָדנס. ס'האָבן געוואָיעט אויף זייערע דינסט-פּאָסטנס די הויף-הינט. שרעקלעכער פאַר די הינט האָט געוואָיעט דער הויפּט-שולדיקער פון אַלע שטאָטישע אומגליקן, דער ערשט שטאַרק-ווערנדיקער נאָרד-אָסט. ס'איז אים ווינציק געווען דער פינסטערער ים מיט די פעלוגעס*), וואָס וואַרפן זיך ווי די הינער איבערן הויף, ס'איז אים ווינציק געווען די פינסטערע מערדערישע וועגן, וואו די טרויעריקע באַזוכער פון קאַפּע „האַלט איין פערד" האָבן, צעברעכנדיק אַ ראָד, געקאָנט ציטערן פון

*) צווי-מאַסטיקע טערקישע רודער-שיפלעך. — גיבערז.

קעלט און שרעק ביזן פרימאָרגן, ס'זענען אים ווינציק געווען די פּעאָדאָסיער גאַסן, די געזער פון די שפּעקוליאַנטן, די זשאַלוזן און די הינט. ער איז פרעך פאַרקראָכן אין די שטיבער, אין די אויסגעריבענע, שוין לאַנג נישט רעמאָנטירטע הייזער פון דער אָרימער שטאָט.

ווער ס'האָט געהאַט האָלץ האָט געהייצט די אויוונס, ווער ס'האָט געהאַט טרוקענע צווייגן — צונויפגעקליבענע אין די אַרומיקע וועלדער — האָט פונאַנדערגעבלאָזן די רויכערדיקע אייוועלעך. די, וועלכע האָבן נישט געהאַט נישט קיין האָלץ, נישט קיין שפּענדלעך אפילו, האָבן זיך פּשוט געטוליעט איינער צום צווייטן, באַמיענדיק זיך מיט דער שוואַכער מענטשלעכער וואַרעמקייט כאָטש אַ ביסל צו מילדערן דעמדאָזיקן אָטעם פון שנייאיקן רוסלענדישן סטעפּ.

הער אַלפרעד נעי פלעגט באַקומען געהאַלט אין פראַנקן. פאַרשטייט זיך, אַז האָלץ האָט ער געהאַט וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט, און וואַניע האָט אינאָוונט איינגעהייצט דאָס אייוועלע. צי האָט אָבער דער קאַראַאים סאַרום שלעכט געבויט זיין ווילע, אָדער דער ווינט איז געווען צו שטאַרק — אפילו דאָס אייוועלע האָט נישט געהאָלפן. אונטערהייבנדיק די פענסטער־גאַרדינען האָט דער נאָרד־אָסט געבלאָזן אויף הער נעיס פנים, וואָס איז מאַט געווען פון דער אויוון־וואַרעמקייט און גראָג, מיט אַן אייזיקן אָטעם.

הער נעי איז געווען נערוועז. דאָסדאָזיקע שרעקלעכע וואָיען האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער איז גרייט געווען אַליין אָנהויבן צו וואָיען, ווי ס'האָט געוואָיעט דער אַלטער הונט אין הויף פון דער ווילע „איבראַגיאַ". ער האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אויסצוטון זיך און אויסלעשן דאָס ליכט: אַלצאיינס וועט דער ווינט נישט לאָזן איינשלאָפן. שוין בעסער אָנשרייבן בריוו קיין פאַריז — מאָרגן גייט דאָך אַוועק די פּאָסט.

אָבער אָנשטאָט אַ בריוו קיין פאַריז האָט הער נעי קודם־כל גענומען אַ קאָנווערט. ער האָט אויפגעשריבן אַן אַדרעס. ביים

אָנשרייבן דאָס וואָרט „פּאַריז“, האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס הענטל. זיינע נערוון האָבן זיך באמת צעשפּילט. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטאַרקער פילבאַרקייט, וואָס איז נישט דערלויבט פאַר אַ מיטגליד פון אַן אָפיציעלער מיסיע.

אַחוץ דעם נאָרד-אָסט איז אין דעם שולדיק געווען אויך זשאַננאַ. אין אָוונט נאָכן נאַכטעסן, בעת וועלכן זיי האָבן ביידע געשוויגן, האָבן זיי זיך איבערגעבעטן. ווי צונויפגערעדט, האָבן זיי גאָרנישט דערמאָנט וועגן פרימאָרגנדיקן שמועס. הער נעי האָט דערציילט דער טאָכטער וועגן לואַרעט, וועגן זיין פאַרשטאָרבענעם ווייב. ווי גוט זיי האָבן דאַן געלעבט! אומקערנדיק זיך פון דער פריער מעסע, פלעגט פרוי נעי מיטברענגען אַ גרויסן בוקעט גליציניעס אָדער אַסטרעס. דערנאָך פלעגן זיי טרינקען קאַווע אויף דער וועראַנדע. דאָס הייסט טרינקען פלעגט נאָר הער נעי. פרוי נעי האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ, און דער דאָקטאָר האָט איר פאַרווערט דעם געליבטן געטראַנק. זי פלעגט זאָרגעוודיק פרעגן: „איז זי גענוג שטאַרק, מיין פריינט?“ זיי פלעגן קוקן אויפן ברעג פון דער לואַרע, איבער וועלכן ס׳פלעגן שפּאַצירן אַרומגענומען די לואַרעטער מיידלעך, אַזעלכע שלאַנקע און ליבלעכע, אין גרויסע, אומגעלומפּערטע סאַבאָ׳ס*). אַמאָל פלעגט פרוי נעי זיך קלאָגן אויפן האַרץ. דאַן פלעגט זי צודריקן צו זיך דאָס קליינינקע, שטיפערישע מיידעלע און עס שטיל איינוויגן: „Dodo, ma petite Jeannette!“ דאָס אַלץ האָט זיך דערמאָנט הער נעי, און נישט נאָר זשאַננעטע, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסע, טרויעריקע זשאַננאַ, האָט גענומען וויינען, צודריקנדיק זיך צום פאָטערס אַקסל, ניין, די קורצזיכטיקע — אָן פענסנע — פאַרלוירענע אויגן פון מיסיע-מיטגליד זענען אויך טריב געוואָרן, ווי ס׳ווערט טריב אַ שפּיגל פון מענטשלעכן אָטעם.

נאָכן דאָזיקן שמועס איז הער נעי אַריבערגעגאַנגען אין קאַבינעט אַ געריכטער און צערודערטער. דאָרט האָט אים שוין

*) הילצערנע שיך. — איבערז.

אינגאַנצן פאַרענדיקט דער נאָרד-אָסט. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט שרייבן געשעפטלעכע בריוו? „פאַריז"! צי וועט הער נעי. ענדלעך, אַריינפאַלן אַהין? ער פילט די עלטער. עס דערגייען די יאָרן די אַלטע ווייטיקן אין לעבער. צי דען דער טויט אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם לאַנד? פאַריז! אפילו דער בית-הקברות פער-לאַשעז מיט די פלאַטאַנענע אַלייען איז אים איצט פאַרגעקומען ווי דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. ער האָט געקאָנט גלייך אויפן אָרט נעמען וויינען. און דער נאָרד-אָסט האָט ווייטער געטון זיין פינסטערע אַרבעט.

לסוף האָט הער נעי אַ ביסל צונויפגענומען די כוחות. ער האָט אַרויסגענומען פון פאָרטפעל דאָס בייגעלע פאַפיר, וועלכעס ער האָט באַקומען פון רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „פראַוואָסלאַווני נאַבאַט", ער האָט עס אויפמערקזאַם איבערגעלייענט. פאַראַכטנדיק כאַליביעוון האָט הער נעי גישט נאָר זיך נישט געמאַכט קיין פאָרוואורפן פאַרן געשלאָסענעם געשעפט, נאָר זיין האַנדלונג האָט ער באַטראַכט פאַר אַזאַ, וואָס פאַרדינט דעם גרעסטן כבוד. ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דערדאָזיקער פאַרשוין — אַ רוס. פאַר פינף-און-צוואַנציק פראַנק, לויטן היינטיקן קורס, האָט ער פאַרקויפט זיין היימלאַנד: צווישן די רוסן זענען נישטאָ קיין פאַטריאָטן! די ווייסע זענען אויך אַפאַשן. ער האָט שוין געשריבן וועגן דעם קיין פאַריז. ער אָבער, אַלפרעד נעי, היט אָפ די אינטערעסן פון פראַנקרייך. שפיאָנאַזש איז אַ הויכער, חשובער עניין, געוויס, אויב ער איז נאָר געווענדט צו באַשיצן די גערעכטיקייט און די מאָראַל. אָט דעם יינגערן ברודער פון הער אַלפרעד נעי, דעם הער ריימאָנד נעי — ווי אַלע שעצן אים אין פאַריז! ער איז דער גרינדער פון דער בעסטער אין דער וועלט קאַנטאָר פון פריוואַט-דעטעקטיוון. ער שטייט אויף דער וואַך פון אייגנטום און פאַמיליע. הער אַלפרעד נעי פירט איצט אויס נאָך אַ העכערע אַרבעט — ווי אַ זעלנער פון דער גרויסער אַרמיי, שטייט ער אינמיטן דאָזיקן ווילדן לאַנד אויף דער וואַך פון דעם שיינעם פראַנקרייך!

„פראַנקרייך" — און הער נעי האָט ווידער פאַרגעסן די

גראַגן פון פליכט און הויכער פּאָליטיק, שמעקנדיקע גליצינייעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין מוח, ווי זיי פלעגן זיך אַמאָל אַריינרייסן אין די פענסטער פון הייזל ביי דער לואַרע. דאָס ווייב! איוּאַננאַ! ווי ענלעך זשאַננאַ איז צו איר! ווי ענלעך! מען דאַרף איר זאָגן..

אָבער זיין געדאַנק האָט הער נעי נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. אַ קוק טוענדיק פאַרוואונדערט אויף דער טיר, פונוואַנען ס'האָט זיך אַריינגעריסן אין קאַבינעט דער טריאומפירנדיקער נאַרד-אָסט, האָט ער קודם-כל דערזען צוויי, אויף אים אָנגעשטעלטע רעוואָלווער לופעס.

— זייט אַזוי גוט און גיט אונז אָפּ די מיליטערישע דאָקומענטן, וועלכע איר האָט היינט דערוואָרבן.

— באַלד...

אַנדרעי האָט מיט פאַרלייכטערונג אָפּגעזיפצט: אַלץ איז אַדורך בשלום. הער נעי האָט געעפנט דעם רעכטן שופלאָד פון שרייבטיש. אין זיין קאָפּ זענען געווען: קאַרנאָ, פּאַטריאָט, פראַנקרייך, די רוסן — פחדנים, ניין, נאָר קיין פאַל נישט!... ערגעץוואו האָט זיך דערהערט אַ שורשעריי פון לייכטע טריט. ניקיטאַ האָט זיך אומגעקוקט. אין דער זעלבער רגע איז געפאַלן אַ שאָס: אַרויסכאַפּנדיק שנעל פון רעכטן שופלאָד אַ רעוואָלווער האָט הער נעי אַנידערגעלייגט טויט ניקיטאַן. תיכף האָבן אַנדרעיס פינגער, נישט דער קאָפּ — איז דען געווען צייט אויף געדאַנקען? — בלויז די פינגער געענטפערט מיט דעם זעלבן. קוים אַ געשריי-טוענדיק איז הער נעי אַראָפּגעקראָכן אויפן טעפּיך.

דאָס אַלץ האָט געדויערט בלויז אַן אויגנבליק. ווען אַנדרעי איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען צוויי בר-מיננס, און אין דער טיר — זשאַננאַן. זי האָט געטראָגן אַ נאַכט-העמד ביז די פיענטעס, אין וועלכן ס'איז פאַרזונקען געווען איר קליינער קערפּער. די אויגן זענען געשטאַנען, ווי ס'שטייען די ווייזערס אויף אַ ציפער-בלאַט פון אַן אויסגעמאָלטן זייגער. קיין אָטעם האָט זי נישט געהאַט. אין גרויסן קאַבינעט זענען ווי נישט געווען קיין

מענטשן, פאַר אַלעמען האָט געוויינט, האָט זיך געשלאָגן על-חטא, האָט געשאָלטן דער גאַרד-אָסט.

און דערזעענדיק זשאַננאַס אויגן האָט דער זאָרגלאָזער אַנדרעי זיך צונויפגעקאָרטשעט. איז פאַרגליווערט געוואָרן, האָט תיכף פאַרלוירן זיין גאַנצע קראַפט. ער איז גרייט געווען אַ פּאַל צו טון אויפן דאָזיקן טעפּיך אַלס דריטער בר-מינן. ער האָט נישט געקאָנט לעבן. ער האָט נישט פּרובירט נישט רעדן, נישט רירן זיך פון אָרט. ער האָט געקוקט אויף זשאַננאַן, ער האָט זי אָבער נישט געקאָנט זען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויך טויט און בלויז צופעליק שטייט ער נאָך.

דאַן האָט זיך דערהערט זשאַננאַס קול. דאָס איז נישט געווען דאָס קול פון אַ קליין מיידעלע אין אַ קינדיש העמדעלע ביז די פיענטעס, וואָס האָט מיט אַ שעה צוריק מיט טרערן זיך דערמאָנט ווי די מאַמע האָט איר געזונגען "dodo". דאָס האָט גערעדט אַ פרוי, אַ דערוואַקסענע פרוי, וואָס איז געווען קליגער מיט איר אומגליק פאַרן מענטש, וואָס האָט איבערגעלייענט אַ כך ביכער, און שטאַרקער פאַר אים — מיט איר ליבע.

— אַנטלויפט! אַנטלויפט גיכער!...

פאָלגנדיק דאָסדאָזיקע קול, נישט דערוועגנדיק זיך אַ קוק צו טון אויף זשאַננאַן. שרעקנדיק זיך פאַר איר'ע אויגן מער ווי פאַרן טויט, האָט אַנדרעי זינלאָז גענומען שפּרייזן, ווי אַ מעכאַניש זעלנערל. ער איז אַרויס אויפן ברעג, וואו ס'האָט שוין געוואַרט אויף אים דער הילכיקער גאַרד-אָסט.

## ז.

## צוויי זשאַננאַס

זשאַננאַס צושטאַנד קאָן מען בלויז פֿאַרגלייכן מיט דער פֿאַרטראַגנקייט פֿון אַ שווער-קראַנקן, וועלכער ליגט וואָכנלאַנג מיטן פּנים צו דער וואַנט. ער אָטעמט, ער שלאָפֿט, ער עסט אין געוויינלעכן צימער, אין זעלבן, וואו ער האָט פֿריער געלעבט. אָבער זיין וועלט איז אַן אַנדערע. דידאָזיקע וועלט באַשטייט פֿון אַ ריזיקער היץ-פֿאַנטאַזיע, פֿון אומדערטרעגלעך-באַקאַנטע קווייטן פֿון די טאַפּעטן, וואָס האָבן זיך אויף אייביק באַזעצט אין די אַנטצינדעטע אויגן, פֿון דער טעמפּעראַטור-ליסטע, פֿון מעת-לעתן, וואָס ווערן מער נישט פֿונאַנדערגעריסן דורך גאָרנישט אויף שעהן אָדער אויף טאָג-נאַכט, פֿון אַ פֿאַרטויבנדיקער שטילקייט און צוזאַמען דערמיט פֿון אַזאַ ווימלונג פֿון שרייאיקע געדאַנקען, אַז דער קאָפּ הודיעט פֿון זיי, ווי אַן אָנגעפּראָפּט זיבנשטאָקיק טעאַטער.

עפּעס ענלעכס האָט דורכגעלעבט איך זשאַננאַ. אמת, זי איז נישט געלעגן אין בעט, און מען האָט איר נישט געמאָסטן די טעמפּעראַטור. ניין, זי האָט אונטערגעשריבן די רעכנונגע פֿון די באַגרעבעניש-ביוראָען, זי האָט יעדן פֿרימאָרגן פּינקטלעך פֿאַרבעט דאָס בעט און געטרונקען קאַווע, זי האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט די עמפּערונגען און מיטלייד-געפֿילן פֿון די מיטגלידער פֿון פֿאַרשידענע מיסיעס.

צי קאָן מען אָבער איבערגעבן יענע אָפּגעשיידטקייט, יענע גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער זי האָט אויפגענומען די גאַנצע אָרדנונג פון דאָזיקן לעבן, צונהייבנדיק פון די דרך-ארצדיקע זיפצן פון די מיסיע-מיטגלידער ביז דער זון, דעם ווינט, דעם ים, וועלכע האָבן ווי פריער דיזשורירט הינטער די פענסטער פון „איבראַגימאַ"? זי האָט געלעבט מיט אַן אַנדער האַלב-לעבן. אין אַזאַ עקזיסטענץ איז געווען אַן אייגענע אָרדנונג, אייגענע שווערע זאָרגן. אַמאָל פלעגט די אילוזאָרישע וועלט ווערן אויף אַזוי פיל רעאַל, אַז זשאַננאַ נעי, די, וועלכע פלעגט אויפנעמען די וויזיטיאָרן און אונטערשרייבן רעכנונגען, פלעגט בולט אַ טראַכט טון, צולייגנדיק צום שטערן אַ דלאָניע: „כ'גיי, וואָרשיינלעך, אַראָפּ פון זינען". אָבער אויך דערדאָזיקער געדאַנק האָט זי נישט געשראָקן.

אין דאָזיקן לעבן האָט זיך זשאַננאַ די גאַנצע צייט געטאָפּלט. דאָ פלעגט איר זיך אויסדוכטן, אַז זיי זענען צוויי שוועסטערס, הגם זשאַננאַ האָט קיינמאָל קיין שוועסטערס נישט געהאַט. די עלטערע שוועסטער פלעגט אַמאָל אַרויסקוקן פון שמוציקן שפיגל אין קאָרידאָר, פאַרביי וועלכן זשאַננאַ פלעגט דורכגיין, זי האָט געהאַט פוסטע אויגן, ווי אין שוי-פענסטער פון אַן אָפּטישן מאַגאַזין. דאָ פלעגט זי פילן, אַז זי לעבט גלייכצייטיק אַלס פאַרשידענע: אַלס קליין מיידעלע, וועלכער מען בינדט נאָך אונטער ביים מיטאָג אַ סערוועטקע, און אַלס צווייטע, נישט קיין דערוואַקסענע, נאָר אַן אַלטע, אַזאַ אַלטע, אַז ס'איז שרעקלעך אַ קלער צו טון, עלטער, ווי ער איז געווען, אָט ווי די באָבע אין לוואַרעט; אויב מען זאָל הויך אַ טראַסק טון מיט דער טיר — קאָן זי שטאַרבן.

די גאַנצע צייט זענען געווען צוויי זשאַננאַס. איינע פון זיי האָט געלעבט מיטן פּאַפּאַ, נישט מיט דעם, וואָס ליגט ערגעץ-וואו אין פייכטן ליים-זאַמד, — מיטן לעבעדיקן. ער איז אין שטוב, אָט דאָ, דערלעבן. „גוט מאָרגן!" זשאַננאַ פלעגט אויפעפענען די נומערן פון „Journal des Débats" וואָס פלעגן

אָנקומען ווי פריער. ער נעמט די צייטונג. ער איז גרייט צו שמייכלען. פּאַריז! אינגיכן קיין פּאַריז!...

און די צווייטע... אָבער מיט וועמען ס'האָט געלעבט די צווייטע, וועגן דעם האָט מען אפילו נישט געטאָרט אַ קלער טון: יענע, די ערשטע, וואָלט נישט איבערגעטראָגן דעם בלויזן געדאַנק דערפון.

ווער האָט דאָס אויפגעשריבן אין געלינקן ביכעלע, אַז ליבע איז — גליק? ווער האָט אויסגעטראַכט דעם ווילדן פריילינגדיקן טאָג, ווען זשאַננאַ איז געגאַנגען איבער דער איטאַליענישער גאַס, ביזן ברעג אַ פולע מיט קינדישע נאַרישקייטן וועגן גליק, וועגן אַ מאַן? ווען איז דאָס געווען? ניין, נישט ווען, נאָר ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט זיין?

איצט האָט זשאַננאַ געוואוסט: דאָס איז ווי די צרעת אין די אַלטע לעגענדעס, ווי דאָס קדחת און די היץ־רייד פון די אומגליקלעכע טיפוס־קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויף די פּעראָנעס פון ראָסטאָוו. דאָס איז — ווי דער טויט. און אין שטוב פלעגט זיך אַריינרייסן יענער, וועמענס נאָמען זי האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אפילו איבערצוחזרן אין זיך. ער איז געווען אין אַ שרעקלעכער פאָרמע: אַ פרענטש, אָבער אַ רויטער אין מיט דערווידערדיקע בלויאינקע מוסטערן, ווי אויף די טאַפּעטן אין קאַבינעט. ער האָט אַלעמען געשטאָכן מיט אַ קאָלון. (זשאַננאַ האָט נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס איז אַ קאָלון. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז ענלעך אויף אַ ריזיקער שפּילקע.) אין קעלער ליגט דער געהרגעטער פּאַפּאַ. ער איז ענלעך אויף אַ קליין מיידעלע, אויף יענער, וועלכע מען האָט געפונען אין ראָסטאָוו. פּאַפּאַ, דער גוטינקער, אַלטינקער פּאַפּאַ! ווי מ'פלעגט אים דאָס לייגן די וואַרעם־פלאַש, ווען די לעבער פלעגט אים וויי טון! ווי ער פלעגט אַרומגיין אין די פרימאָרגנס אין אַ מאָדנעם ליליאַ־כאַלאַט און, לייענענדיק די צייטונג, פלעגט ער ענטפערן נישט צו דער זאַך, פלעגט אַליין לאַכן פון זיך: „שוין אַלט געוואָרן, כ'הער שלעכט". און די וואַטע, די וואַטע אין אויער! דאָס ליבע אויער! אָבער ניין, דאָס

אויער איז פֿאַרשוואונדן. נישטאָ דער קאָפּ. ער האָט אים דורכ־געשטאָכן מיט אַ קאָלון. ער וועט ווידער קומען! זי קאָן אים נישט זען. קיינמאָל נישט! אויב זי וועט אים נאָר דערזען — וועט זי שטאַרבן. און וואָס אויב ער וועט פֿאָרט קומען?... דאַן... דאַן... געוויס, זי וועט אַריינלאָזן!

און די צווייטע זשאַננאַ, די עלטערע שוועסטער, די אַל־גיטשקע, וואָס איז ענלעך אויף דער באָבען אין לוואַרעט, פֿלעגט מיטאַמאָל פֿאַרדראָסיק אַוועקפֿירן מיט דער האַנט די ערשטע. ס'פֿלעגט זיך באַווייזן אַ שאַרפֿער, ווייבערשער מיטלייד. זי פֿלעגט כּסדר זען, ווי אַזוי ער שטייט אין קאַבינעט, אַן אומגליקלעכער אַזאַ, אָן ווילן, אָן לעבן. אַן אָרימינקער! אַ ייִנגל! זי דאַט אים אַזוי באַדויערט, ווי מען וואָלט גאָר אים דערהרגעט. בעסער וואָלט געווען צו טויטן אויך זשאַננאַן. אָדער דאַן זיינטערן קאַ־ראַנטין — פֿאַרוואָס איז זי נישט אומגעקומען פֿון דעם קיילעכ־דיקן באַראַנקאָוון היטל? צוואָס איז ער געקומען? זשאַננאַ האָט פֿאַרבראַכט מיט אים נישט מער ווי אַ שעה, און ס'דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע לעבן, אפֿילו דאָרט, אין לוואַרעט... זשאַננאַ, דו דערוועגסט דיך אַזוי צו טראַכטן? און דער פּאַפּאַ? דאָס איז נישט ער! ער האָט נישט געוואָלט. דאָס איז פּשוט אַ ציפֿאַל. בלויז איין שעה! ערגעץ־וואו האָט זי געלייענט: דער דורכ־שניטלעכער דויער פֿון אַ מענטשלעכן לעבן איז — אַכט־און־דרייסיק יאָר. שרעקלעך פֿיל!

און אַ שעה איז בלויז — זעכציק מינוט, ציילן ביז דריי טויזנט, און אַ סוף — צען, עלף, צוועלף... דערנאָך איז — אויס. און אָן אים איז אפֿילו קיין אָטעם נישטאָ. זשאַננאַ האָט זיך אויף אַן אמת געשטיקט. זי פֿלעגט אָפּגעריסן אָטעמען, פֿלעגט גיריק פֿאַרבייסן די לופֿט, וועלכע האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט אָנזע־טיקן די לונגען. זי האָט דערמאָנט אַ פֿיש מיט אַ פֿיינלעך־צע־עפֿנט מויל. אָבער באַמערקנדיק די אויסערלעכע אומאָרדנונג, פֿלעגט זי שנעל אַראָפּשלינגען אַ גלאָז וואַסער, כּדי ווידער צו ווערן זשאַננאַ נעי, וואָס איז פּעאיק צו רעכענונגען און אויפֿנאַמעס.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען וואָכן. דאַכט זיך, אַז ס׳זענען פאָרגעקומען געוויסע געשעענישן, זיי זענען אָבער געווען מחוץ זשאַננאַן. ס׳האָבן ווידער גענומען אַריינקומען צו איר די מיטגלידער פון די מיסיעס, זיי האָבן מיט מיטלייד געזיפצט און איינגערעדט זשאַננאַן צו פאָרן מיט זיי קיין פאַריז. זשאַננאַ האָט זיך נישט געאַמפּערט, זי האָט אין אַלץ מסכים געווען מיט זיי, אָבער יעדעס מאָל. אַ טאָג פאַרן אָפּגיין פון דאַמפּער, פלעגט זי קראַנק ווערן. דאָס איז נישט געווען קיין סימולאַציע, דאָס איז אָבער אויך נישט געווען קיין אמת: זשאַננאַ וואָלט געהאַט כּוחות צו מאַכן וואָסער רייזע דאָס זאָל נישט זיין. נישט קיין קראַנקהייט האָט זי אָפּגעהאַלטן, זי האָט געפילט, אַז פון פעאָדאָסיע קאָן זי נישט אָפּפאָרן. איין זשאַננאַ האָט געזאָגט: אַ פייכטער ליים-זאַמד, אַ קאַבינעט, יענער פּאָטעל, יענער טעפּיך און דאָס ברוינע פלעקעלע אויף אים, ווי אַ געבורטוואָרצעלע אויף דער באַק — צי קאָן מען דאָס פאַרלאָזן? — די צווייטע אָבער האָט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען, זי האָט מורא געהאַט צו פאַרשטיין, זי האָט מורא געהאַט אַ טראַכט צו טון, אַז זי וויל נישט אַוועקפאָרן פון דערדאָזיקער שרעקלעכער שטאָט בלויז דערפאַר, ווייל אַרום איר, ווייל אין איר, ערגעץ וואו אין די בערג, אויף די שטאָט-עקן, איבער די אָטוזיס, נאָסיפקאָיס, יעדן טאָג זיך איבערטוענדיק, ענדערנדיק נישט נאָר די בגדים, נאָר דאָס פּנים, די נשמה, דאָ אַלס מילד קינד, דאָ אַלס שרעקלעכער מערדער מיט אַ קאָלון, בלאָנדזשעט אַרום, ווי דער נאָרד-אָסט, דערזעלבער, נישט אויף פרייד ליב געקריגענער שאָטן.

3

## די אויערן און דאָס האַרץ פונם חבר זאַכאַרקעוויטש

אַלץ אָפטער האָט מען געשאָסן הינטער די ברייטע פענסטער פון דער ווילע „איבראַגיאַ“. שוין לאַנג ווי ס'האָבן אויפגעהערט צו באַזוכן זשאַננאַן מיטגלידער פון פאַרשידענע מיסיעס. זיי זענען, זיכער, געווען ווייט, אין פּרעכטיקן פּאַריז. אַ פּייַנלעכער קאַמף איז פאָרגעקומען נישט נאָר אין זשאַננאַס האַרץ, נאָר אויך אין דער פינסטערער, הונגעריקער, פאַרפּייניקטער שטאָט. לסוף איז צוגעפאַלן אַן אָוונט, ווען אין די צימערן פון „איבראַגיאַ“ איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט. ס'איז געווען זייער שטיל. אפילו שיסן האָט מען אויפגעהערט. פּונקט ווי אין יענער נאַכט, וועלכע זשאַננאַ געדענקט אַזוי גוט, האָט געבושעוועט אַ נאָרד־אָסט. איבער דער גרויסער ווילע פון קאַראַאים סאַרום, וועלכע ער האָט אויסגעבויט פאַר אויפנאַמעס און פייערלעכקייטן, האָט אַרומגעבלאָנקעט די איינזאַמע זשאַננאַ. זי איז געווען איינע אַליין: וואַניאַ האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן די שטעלע, און די דינסט מאַשאַ, איבערגעשראָקן פון דער שיסעריי, האָט זיך זייט נעכטיקן אָוונט אויסבאַהאַלטן ביי דער שוועסטער אין קעלער. זשאַננאַ האָט זיך צוגעהערט צום ווינט. עס איז געווען אַ סך, אַ סך לופט, אַבער נישט געקוקט אויף דעם האָט איר אויסגעפעלט אָטעם.

טיף אין דער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ טראַסק, אַ הויכער

און אַ בולטער. דערדאָזיקער קלאַנג אין דער שטילקייט איז געוועז שרעקלעך. זשאַננאַס האַרץ האָט אָפּגעענטפערט אויף אים מיט אַ ווילדן קלאַפּ: ער! הייסט עס — דער טויט. מילא, אפשר איז דאָס נאָסע ליים־זאַמד לייכטער... זשאַננאַ איז הכנעהדיק אַריין אין פּאָדערהויז, האָט אויפגעעפנט די טיר. כ'האָט זי גלייך אַרומגעכאַפּט דער נאָרד־אָסט. זי האָט גאָרנישט געזען. די טיר האָט זיך צוגעמאַכט. ס'איז געוואָרן, ווי פריער, שטיל, פינסטער. לסוף איז אַרויסגעפלויגן אַ קליין איבערגעשראָקן פייגל פון אַ שוועבעלע. אַ מענטש. אַ פרעמדער מענטש. אַ קלייניקער דאַרער ייד, מיט אַזעלכע גרויסע אויערן, וואָס פירן, דאַכט זיך, אַ זעלבשטענדיק לעבן. אַז ער זעט אויס ווי אַ זומערפייגעלע, וואָס האָט פונאַנדערגעשפּרייט די פליגעלעך. וואָס טוט ער דאָ? טויטן? פאַרפייניקן?

שווייגנדיק איז דער מענטש אַרויף אינדערהויך, האָט זיך געזעצט אין פאָטעל פון פּאָדערצימער, האָט אויפגעשטעלט דעם קראַגן פון מאַנטעלע, ווייל אין לאַנג נישט געהייצטן הויז איז געווען אַ פראָסט, און, לסוף, האָט ער פאַרלעגן אַרויסגערעדט:

— איך בין — זאַכאַרקעוויטש. כ'וועל דאָ בלייבן.

זשאַננאַ האָט נישט געפרעגט, ווער ער איז, צוּוואָס ער איז געקומען. אויב נישט ער, איז — אַלץ איינס.

אפשר — טויטן, און אפשר — בלויז דורכנישטערן דאָס גאַנצע הויז, ווי דאָס האָבן געטון אַ סך מאָל פרעמדע מענטשן אין פּאַפּאַכעס. ביזן פרימאָרגן האָט זי אַרומגעבלאָנקעט איבער די פינסטערע פוסטע צימערן, און דער מענטש, וואָס האָט זיך אָנגערופן — זאַכאַרקעוויטש, האָט זיך געלייגט אויפן דיל, האָט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ דעם אַלבאָם פון קאַראַאים סאַרום און איז גלייך איינגעשלאָפן.

אינדערפרי האָט ער זאַכלעך געפרעגט זשאַננאַן:

— וואו געפינט זיך, חבר, די „מאַנגאַלקע"?

— „מאַנגאַלקע"? וואָס איז דאָס? איר ווילט געלט? אָט, נעמט,

אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט האָט זאַכאַרקעוויטש ערגעץ־וואו געשאַפן שפענדלעך און אויפגעקאָכט וואַסער. ער האָט זשאַנגאַן געבראַכט אַ טעפעלע טיי.

— טרינקט, חבר.

זשאַנגאַ האָט זיך פאַרלוירן. צום ערשטן מאָל זינט די לאַנגע וואָכן פון פּראָצעס צווישן פאַפאַ און אַנדרעיען, האָט זי פאַראינטערעסירט עפּעס זייטיקס, וואָס געפינט זיך מחוץ דערדאָזיקער וועלט פון פּראָצעס. אַדורכלאָזנדיק אַלע קאַמפן דאָס אַוועקגיין פון די ווייסע, דאָס קומען פון די רויטע, איז זי מיטאַמאָל געבליבן שטיין, דערשטוינט פאַר אַן אומפאַרשטענדלעכער געשעעניש: ווער איז דערדאָזיקער מענטש? וואָס טוט ער דאָ? ער איז געקומען ביינאַכט, ווען ס'האָט געבלאָזן אַן אכזריותדיקער נאָרד־אָסט, האָט נישט געהרגעט, נישט גענישטערט אין די קאָמאָדן, נישט גענומען קיין געלט, געשלאָפן אויפן דיל, איצט האָט ער זשאַנגאַן געבראַכט טיי — וואָס באַדייט דאָס? און באַמערקנדיק איר שטוינונג, האָט זאַכאַרקעוויטש באַשלאָסן צו רעדן, הגם ער האָט מער פאַר אַלץ אין דער וועלט, מער פאַר מאַרקסן, מער פאַר זיין טעכטערל געללאַ, ליב געהאַט דאָס שווייגן.

— האָט נישט קיין מורא, חבר. כ'וועל אייך גאָרנישט טון. איצט איז אַזאַ איבערגאַנגס־צייט. אונזערע רעגולערע טיילן זענען נאָך נישט אַריין אין שטאָט. דאָסדאָזיקע הויז האָט אַ שלעכטן שם: סאַרום איז אַ באַקאַנטער עקספּלואַטאַטאָר, דערנאָך — די פראַנצויזישע מיסיע... ס'קאָנען פאָרקומען פאַרשידענע עקסצעסן. וועל איך דאָ דערווייל בלייבן, כדי קיינער זאָל אייך נישט טון קיין שלעכטס.

אָבער זאַכאַרקעוויטשעס ווערטער האָבן זשאַנגאַן נישט באַרואיקט. פאַרלוירן האָט זי געקוקט אויפן דאָזיקן אומגעבעטענעם פאַרטיידיקער. עפּעס אַ פרעמדער, לחלוטין פרעמדער מענטש מיט אָפּשטייענדיקע אויערן, וועלכער רופט זי „חבר”, איז מיטאַמאָל דערשינען אינמיטן נאַכט, כדי אָפּצוהיטן און ראַטעווען. ניין, דאָס קאָן נישט זיין! דאָס טרעפט בלויז אין די

געלינקע ליבע־ביכעלעך, זשאַננאַ אָבער ווייסט איצט גאַנץ גוט, אַז די ביכער זאָגן ליגנט.

— אָבער פאַרוואָס ווילט איר מיך ראַטעווען? איר קענט מיך נישט. ווער האָט אייך געקאָנט זאָגן וועגן מיר?

— אַזוי, צופעליק געהערט. כ׳בעט אייך, חבר, רעגט זיך נישט אויף. כ׳וועל דאָ בלייבן בלויז אַ טאָג דריי. כ׳וועל שלאָפן אָט אין יענעם צימער. און איר לעבט זיך, ווי כ׳וואָלט גאָרנישט געווען.

זשאַננאַ האָט אים מער נישט אויסגעפרעגט. זי האָט אפילו געפֿוווּט אַ שמייכל טון. אָבער דער שמייכל איז אַרויסגעקומען — אַ העויה. דערפאַר האָט זי פלייסיק אויסגעטרונקען די טיי. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געוואָלט פאַרשטיין דידאָזיקע מאָדנע, פון הימל אַראָפגעפאַלענע צאַרטקייט. און נישט געקאָנט מיטאַמאָל, ביינאַכט, האָט זי זיך געכאַפּט: דאָס איז דאָך אַ באָלשעוויק. הייסט עס, אים האָט געשיקט — ער. דערדאָזיקער געדאַנק איז געווען אי אַ פריידיקער, אי אַ פינסטערער. זי איז ענלעך געווען אויפן קלאַפּ אין טיר אין יענער נאַכט. זי איז אַריינגעלאָפן אין פאָדערצימער, וואו ס׳איז פעסט געשלאָפן דער מאָדנער גאַסט. און האָט אים פונאַנדערגעטרייסלט.

— הערט! אייך האָט געשיקט אַנדרעי?

— וואָסער אַנדרעי? כ׳קען נישט קיין שום אַנדרעי.

דאָס איז געווען אַ באַרויִקונג. דאָס איז אָבער אויך געווען אַ פאַרלוסט פון דעם טייערן אומרו. מען קאָן ווידער שטיל שטאַרבן.

— מען רופט אים אַנדרעי. ער איז אויך אַ באָלשעוויק.

— נו, חבר, מיר. באָלשעוויקעס, זענען אַ סך. גאַנץ רוסלאַנד זענען באָלשעוויקעס, אפילו אַ העלפט אייראָפּע זענען אויך באָלשעוויקעס. און מיך האָט צו אייך קיינער נישט געשיקט. כ׳בין אַליין געקומען. שלאָפט געזונטערהייט.

אַזוי האָט זיך זשאַננאַ אומגעקערט אין איר וועלט, ווידער שטיקנדיק און טאָפּלענדיק זיך. אָבער עפּעס האָט זיך איבערגעביטן אין איר, און — ס׳איז מאָדנע צו זאָגן! — די סיבה

פון דערדאָזיקער ענדערונג איז געווען דאָס מענטשעלע מיט די קאָמישע אויערן, וואָס האָט, ווי פריער, גענעכטיקט אין פאָדערצימער. ער איז אין זשאַנגאַס וועלט אַריין שטיל, פאַרשעמט. דורך עפעס כמעט אומדערקלערלעכע קלייניקייטן. דאָס, ווי אַזוי ער האָט געשמייכלט, דערלאַנגענדיק זשאַננאַן אַ טעפל טיי, דאָס, ווי אַזוי ער פלעגט, נישט אָנקלאַפנדיק, נאָר גיכער הינטיש דראַפענדיק זיך אין דער טיר פון איר צימער. פרעגן אינדערפרי צי זי איז גוט געשלאָפן; זיין פאַרלאַטעט רעקל, זיינע גוטע, בלינדלעכע אייגעלעך. ענלעכע אויף די אויגן פון אַ מעוברתער ציג, וועלכע פלעגן זיך נעמען ליכטן, ווען ער פלעגט דערמאָנען וועגן זיין בעלעבאַן, ווי די פענסטער פון אַ קליין קרעמעלע אין אַ מיט שניי־פאַרשאָטן געסל, אפילו די אויערן, די שרעקלעכע אויערן — דאָס אַלץ האָט ביסלעכווייז גענומען אַרויסרופן ביי זשאַננאַן אַ געפיל פון געריריטקייט. אין אירע טעג איז אַריינגעטרעטן עפעס פשוטס, מענטשלעכס. אויף זאַכאַרקעוויטשעס צאַרטקייט האָט ער אָנגעהויבן צו ענטפערן מיט צאַרטקייט. ס האָט זי שוין נישט געשראָקן, נאָר גערירט דידאָזיקע זינלאָזע פאַרבינדונג פון די צוויי ווערטער: „חבר זשאַננאַ".

די דריי טעג זענען שוין פון לאַנג פאַרגאַנגען. ס׳זענען שוין אַריבער העכער דריי וואָכן. זאַכאַרקעוויטש פלעגט פרימאָרגנס אַוועקגיין אין עפעס אַ רעוולאָם צו דער אַרבעט. צוריקקומען פלעגט ער שפעט, אַמאָל נאָך האַלבער נאַכט. זשאַננאַ פלעגט וואַרטן אויף אים. זשאַננאַ, וועלכע האָט זיך דערוואוסט, וואָס אַזוינס ס׳איז אַ „מאַנגאַלקאַ", פלעגט אָנהאַקן קינעלעך און אים אויפקאָכן טיי. יענער טאָג, ווען זשאַננאַ האָט דערזען, ווי זאַכאַרקעוויטש פּירירט און נעמט צונויף, ווי אַ שלאָפראָק, די פאָלעס פון פאַלטנדל, און האָט מיט אַ שמייכל גענומען אַ נאָדל און דורכגעפירט דעם נויטיקן רעמאָנט, קאָן באַטראַכט ווערן אַלס טאָג פון איר געזונט־ווערן. ביין, זי האָט גאָרנישט פאַרגעסן. אָבער דער אַלטער אַכמאַ־שולי, וואָס האָט טרויעריק געזונגען איבער די קוילן פון קיך, איז געווען גערעכט: די יוגנט האָט געמאַכט דאָס, וואָס נאָר יוגנט קאָן מאַכן — זי האָט געצוואונגען

זשאַננאַן, ווי אַ רעקאָנוואַלעסצענטקע, הגם זעלטן, הגם ווי פאַרשולדיקט, אָבער פאָרט — שמייכלען. און מיט יעדן טאָג האָט זיך זשאַננאַ אומגעקערט צום לעבן.

זי האָט שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דער צוקונפט. זי לעבט — הייסט עס, אַז מען דאַרף לעבן, הייסט עס — פּאַריז. דאָרט זענען די קרובים: אַ פעטער, אַ קוזינע. זיי וועלן העלפן; דאָרט איז אַלץ פאַרשטענדלעכער, לייכטער. דאָ איז דאָך בלויז איין זאַכאַרקעוויטש, די ליבע אויערדיקע ניאַניע. וועט זאַכאַרקעוויטש אַוועקפאָרן, איז אַ סוף צו זשאַננאַן. און אַנדרעי?.. אָבער אַנדרעי איז נישט קיין מענטש, דאָס איז נאָר אַ ווייטיק. זשאַננאַ וועט אים נישט אויפהערן ליב צו האָבן. אויפהערן ליב האָבן קאָן מען נישט. אַ צווייטער פרילינגס-טאָג, מיט אַן אַנדערן — דאָס אַלץ איז אויסגעשלאָסן אויף אייביק. וועגן אַנדרעיען אָבער דאַרף מען נישט טראַכטן, ס׳איז גענוג צו וויסן: ער איז דאָ. טראַכטן דאַרף מען אָבער וועגן לעבן, מען דאַרף זיין אַ דערוואַקסענע, דער פּאַפּאַ איז נישטאָ, זי איז דאָך איצט איינע אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. און זשאַננאַ האָט איינמאָל אַ זאָג געטון זאַכאַרקעוויטשן:

— כ׳וויל קיין פּאַריז צו די קרובים. כ׳גלויב, אַז געלט אויף דער רייזע וועט קלעקן. אָבער ווי אַזוי דערשלאָגט מען זיך?

זאַכאַרקעוויטש האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון. ער האָט זיך צוגעוואוינט צו זשאַננאַן. ער האָט זי ליב באַקומען, ווי אַ ניאַנקע, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט אַ שוואַך, קרענקלעך קינד. חוצדעם איז זאַכאַרקעוויטשעס האַרץ אַזוי געבויט געווען, אַז עס האָט געמוזט אויסטיילן צאַרטקייט. זשאַננאַ האָט אים פאַרביטן בעללאַן. ווען נישט זשאַננאַ, וואָלט מען געמוזט זאָרגן וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן דעם, למשל, אַז דער סעקרעטאַר פון רעווקאָם זאָל צו דער צייט מיטאָג עסן. און דער סעקרעטאַר פון רעווקאָם וואָלט זיכער נישט פאַרשטאַנען זאַכאַרקעוויטשן. איצט פאָרט זשאַננאַ אַוועק. אָבער זאַכאַרקעוויטש האָט זשאַננאַן גאָרנישט

געזאָגט וועגן זיין טרויער. וועמען קאָנען דען אינטערעסירן זאַ־באַרקעוויטשעס געפילן? מ׳דאַרף קענען שווייגן.

— מהיכי־תיתי, מען קאָן דאָס איינאָרדנען. כ׳וועל באַקומען פאַר אייך אַ פּאַס. אַהער, דאַכט זיך, וועט איינגיכן אָנקומען אַן איטאַליענישער דאַמפער. וועט איר דערפאָרן ביז קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, און פון דאָרט קיין מאַרסעל.

אָט איז שוין אַלץ דערליידיקט. אָט ליגט שוין דער פּאַס אויף זשאַנבאַס טישעלע.

שפּעט אינאָוונט איז זאַכאַרקעוויטש געקומען פון אַ פּאַר־צווייגענער זיצונג וועגן פאַרגרעסערן דעם זיי־פּלאַן. אַ דרעמ־לענדיק אין דער טיר, איז ער אַריינגעקומען זאָגן, אַז דער דאַמפער גייט אָפּ איבערמאָרגן אינדערפרי. דערנאָך האָט ער, ווי תּמיד, צוגעגעבן: „שלאָפט רואיק”, ער איז אָבער נישט אַוועק־געגאַנגען. ער האָט זיך אפילו צוגעזעצט אויפן ברעג פון פּוף, וואָס ער פלעגט דאָס קיינמאָל נישט טון. זשאַננאַ האָט פאַרכמורעט געקוקט אויף אים. אין די־דאָזיקע לעצטע טעג האָט ער איר גע־נומען פאַרקומען באַזונדערס ליב. אפילו די אויערן. נישטאָ דערין קיין שום לעכערלעכס. ס׳זענען דאָ פאַרשידענע אויערן, און ער האָט אַזעלכע. און אויב ער איז אַ ליבער, זענען אויך די אויערן ליב. וואָלט ער כאָטש איינגיכן געפאָרן קיין מאָסקווע, צו דער פרוי, צו בעללאַן. אַנישט ווי־זשע וועט ער. נעבעך, איינגאַנצן אַליין. אפילו אַ קנעפּל צוצונייען איז נישטאָ ווער. זאַכאַרקעוויטש איז געזעסן אויסערגעוויינלעך טרויע־ריק. כדי אים ווי־נישט־איז צו טרייסטן האָט זשאַננאַ געזאָגט:

— אָט וועט איר איינגיכן זען בעללאַן.

אָבער דאָס מאָל האָט זאַכאַרקעוויטש קיין שמייכל נישט געטון, זיינע אויגן זענען נישט באַלויכטן געוואָרן, ווי די פענ־סטער פון אַ קרעמעלע

— חבר זשאַננאַ, כ׳דאַרף אייך זאָגן עפּעס אַנדערש. נישט וועגן זיך. בכלל קאָן איך נישט רעדן. און דאָס דאַרף מען זאָגן

גוט. אַט פֿאָרט איר אַוועק. ווער ווייסט, קאָן זיין, אַז אויף שטענדיק...

— אייך איז טרויעריק צו שיידן זיך מיט מיר?

— ווער רעדט וועגן מיר? דאָס איז קיינעם נישט אינטערעסאַנט. בקיצור, מיט אייך וויל זיך געזעגענען ער.

דער נאָרד־אָסט קאָן שטיל ווערן. ער וועט זיך אָבער ווידער אומקערן רייסן לאָדנס און פּאַרקלעמען הערצער. ס'קאָן זיין קאַלט אויף די בערגלעך הינטערן קאַראַנטין, די זון וועט זיך אָבער באַווייזן. זשאַננאַ קאָן אַוועקפֿאָרן צום פּעטער קיין פּאַריז, אָבער די ליבע, די ליבע בלייבט, און צו יעדער צייט, ביי טאָג אָדער ביינאַכט, מיט אַ שמייכל אָדער מיט אַ קאָלון, ווען ער וועט אָנקלאַפּן, וועט זשאַננאַ, אָן אָטעם, עפענען. אַט איז שוין נישטאָ נישט דער דאַמפּער, נישט דער פּוף, נישט דער גוטער זאַכאַרקעוויטש, נאָר בלויז אַנדרעי. זשאַננאַ וועט אים זען. סאַראַ ווייטיק דאָס איז!

זשאַננאַ פֿאָרט קיין פּאַריז. זשאַננאַ מוז לעבן. האָט־זשע מיטלייד מיט איר, זי האָט אַזוי פֿיל געליטן אין דער פֿינסטערער ווילע „איבראַגיאַ"! אָבער די ליבע — נישט זאַכאַרקעוויטש, וועלכער איז גרייט אַליין פֿונאַנדערצווויינען זיך, זעענדיק זשאַנאַס פּיין, — די ליבע שווינט נישט.

דאָן, אין קאַבינעט, האָט ער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דערין איז געווען דער חסד פֿון גורל. רעדן מיט אים קאָן נישט זשאַננאַ. רעדן איז — פּלעכטן. און איצט דאַרף מען האַקן, ווי מיט אַ קאָלון. איבערמאָרגן וועט דאָך דער גורל אַלץ דורכהאַקן, ער וועט אַראָפּנעמען די טרעפּלעך פֿון דאַמפּער, וועט צעשניידן זשאַננאַס האַרץ, וועט איר איבערלאָזן פּונקט אַזוי פֿיל, וויפֿיל ס'איז נויטיק, כּדי צו דערפֿאָרן ביז פּאַריז, כּדי צו וואוינען ביים פּעטער, אַרבעטן, ביינאַכט וויינען אַמאָל אין קישן אַריין, שטיל שטאַרבן.

זי וועט אַוועקפֿאָרן און אים מער נישט זען. אפֿילו פֿאַרמשפּטע טוט מען דאָס צוליב... פֿונדערווייטנס דערזען, אַוועקפֿירן, האַלטן אין האַרצן, ווען דער דאַמפּער וועט אַ פֿייף טון.

און געפינען אין פייכטן קישן פון פעטערס הויז. ניין, אַזוי קאָן זי נישט אַוועקפאָרן ! זי מוז אים זען.

— גוט. זאָגט אים אָבער, ער זאָל שווייגן.

זאַכאַרקעוויטש ווייסט, אַז בעסער פאַר אַלץ איז — שווייגן. זאַכאַרקעוויטש וועט אים זאָגן.

די זעאונג איז באַשטימט געוואָרן נישט אין „איבראַגיאַ", נישט ביי אַנדרעיען, נאָר הינטער דער שטאָט, אַ שעה גאַנג פון קאַראַנטין. „קאַראַנטין" — דאָס האָט געקלונגען ווי אַ בולטער אויסרייד, ווי אַ פאַרלאַנג איבערצוקליגן דעם גורל. אָבער זשאַננאַ האָט פאַרשוויגן. זשאַננאַ האָט שוין מער גאָרנישט באַגריפן. פאַר איר האָט זיך די שרעקלעכע באַגעגעניש שוין אָנגעהויבן.

זאַכאַרקעוויטש האָט געזאָגט : „שלאָפט געזונטערהייט", — און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט אים זשאַננאַ גאָרנישט געענטפערט, נישט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפ, נישט אַ שמייכל געטון. דאַן האָט ער צוגעגעבן :

— מאָרגן פרי פאָר איך אַוועק קיין מאָסקווע. נו, וואָס זייט געזונט, חבר זשאַננאַ.

און זשאַננאַ האָט מעכאַניש, קורץ אָפגעענטפערט :

— זייט געזונט.

זי האָט אים פשוט נישט באַמערקט. זי האָט איצט נישט געוואוסט, אַז ס׳עקזיסטירט אויף דער וועלט אַ מענטש, וואָס הייסט זאַכאַרקעוויטש.

און דער קליינינקער, לאַנג-אויערדיקער מענטש, וואָס איז געלעגן אין פאָדערצימער אויף דער קאַנאַפע, איז נישט אין כעס געווען אויף זשאַננאַן. ס׳איז פאַרשטענדלעך — זאַכאַרקעוויטש איז אַ גוטער פאַרטיי-אַרבעטער, אָבער ווער דאַרף האָבן זאַכאַרקעוויטשעס האַרץ ? חבר זשאַננאַ וועט אַוועקפאָרן און קיינמאָל נישט דערמאַנען זיך וועגן אים. וואָס קאָן מען מאַכן ? אַזוי פירט זיך שוין אין לעבן.

אָבער זאַכאַרקעוויטשעס האַרץ, וואָס איז קיינעם נישט נויטיק, האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דידאָזיקע אַרגו-

בלויז דאָסדאָזיקע האַרץ, דאָסדאָזיקע האַרץ האָט טרויעריק ווי געטון. מענטשן, עס האָט געוואוסט, אַז זאַכאַרקעוויטש איז נישט קיין ניאַנקע, אַז אויף קיינעם נישט, נישט אויפן סעקרעטאַר פון דעווקאָם, נישט אויפן ווייב, נישט אויפן ליבלינג בעללאַ האָט ער נישט געקוקט מיט אַזאַ צאַרטקייט, ווי אויף דערדאָזיקער פרעמדער פראַנצויזקע.

9.

# דאָס אַלץ איז נויטיק, כדי די פייגל זאָלן נעמען זינגען

סאַראַ רעגן ס'האָט געגאָסן! געגאָסן אָן אויפהער שוין דעם דריטן מעת־לעת, אַ רוישיקער, אַ צודרינגלעכער. אַלע וועגן זענען צעווייקט געוואָרן. אַ הונט, פאַרלירנדיק דעם ווידל פאַר נידערשלאָגנקייט, איז אין שרעק איבערגעלאָפן די גאַס: דער רעגן האָט געבייטשט די ביינער זייטן נישט ערגער פון אַן אַראַפּניק. ווי נעבעכדיקע שרעטעלעך האָבן זיך אונטער די שאָפּעס געגיידערט די פייגל. און דער אַלטינקער מומען, וואָס איז אַרויסגעשוואומען אין אַ ווייטן וועג נאָך אַ קוואָרט מילך, האָט נישט געהאָלפן אפילו דער באַרימטער שירעם. דער רעגן האָט איבערגעקליגט, זיך אונטערגעבויגן, פלינק גענומען פון רעכטס, פון לינקס שניידן, דורכן סאַלאָפּ, דורך דער געשטריקטער קאַצאַווייקע, די פון אַלטקייט און פייכטקייט ברעכנדיקע ביינער. אַ שרעקלעכער רעגן געווען! בלויז די ערד אַליין האָט נישט מורא געהאַט דורכגעווייקט צו ווערן; פאַר איר איז וואָס מער רעגן — אַלץ בעסער.

יאָ, דאָס איז געווען אַ רעגן, יענער, וואָס „ווי פון אַ צעבער“, יענער, וואָס גיסט פאַרן אמתן קאַלענדאַר־פרילינג.

צעטײלנדיק די צװײַגן פֿון יאַגדע־קוסט און די װאָרצעלעך פֿונעם װאָלפֿסמילך. און װײַזט אויס, אַז ס'איז נויטיק אַ סך, זײער אַ סך רעגן, כּדי דער פֿרילינג זאָל אָנקומען, כּדי די מומע זאָל, קלײַבנדיק דעם שטשאַװ, אָנװאַרעמען אירע אָרימע בײנער, כּדי די פֿײגל, צעשפּרײטנדיק די פֿעדערן, זאָלן קאָנען פֿרײלעך זיך צעזינגען!

צװישן די האַלב־צעשטערטע הײַזקעס פֿון גריכישן דאָרף אָרלוט האָט אַנדרעי אין דער באַשטימטער שעה אָפּגעװאַרט זשאַננאַן. געװאַרט האָט ער לאַנג און איז אַזױ דורכגעזאַפּט געװאָרן מיט רעגן, אַז ער האָט אױפֿגעהערט ענלעך צו זײַן אויף אַ מענטש, װעלכער קאָן אַװעקגײן, זעצן זיך בײַם פֿײַער, אויסטריקענען די שיך. קײן מענטשן זענען אַרום אים נישט געװען. נאָך פֿאַראַיאָרן װינטער איז אין דערפֿעלע פֿאַרפֿאָרן אַ שטראָף־אָפּטײלונג. די אָסעטינער האָבן פֿאַרברענט די הײַזער, צעלײגט אויף די הויפֿן די פֿרויען, און די מענער פֿאַרטריבן אין שכנותדיקן װעלדל. די מענער האָבן זיך פֿון דאָרט מער נישט אומגעקערט. און די פֿרויען, אָפּװײנענדיק זײערס, זענען אַװעק אין שטאָט אַרײַן. ס'איז פֿאַרבליבן בלויז אײן אַלטע. אין יענעם טאָג האָט אויך זי, — װײַזט אויס, שיכּורערהײט, — נישט באַקירט אײנער אַן אָסעטין. די אומגליקלעכע איז געריירט געװאָרן פֿון זינען. צונויפֿטרעפֿנדיק זיך מיט אַ מענטש, פֿלעגט זי צוערשט יאָמערלעך אַ געשרײ טון און דערנאָך זיך לײגן אויף דער ערד, צעשפּרײטנדיק די פֿיס. די סולטאַנאָװער פּויערים, װעלכע פֿלעגן פֿאַרבײַפֿאָרן אָרלוט, האָבן שרעקלעך מורא געהאַט פֿאַר דער דאָזיקער אַלטער, און דערזעענדיק פֿונדערװײַטנס אַ הינקענדיקן שאָטן, פֿלעגן זײ נעמען שמײַסן זײערע פֿערדלעך.

נישט געקוקט אויפֿן רעגן האָט זיך די משוגענע אַרומגעבלאָנקעט איבערן דאָרף. דערזעענדיק אַנדרעיען האָט זי װי תּמיד היסטעריש אַ געשרײ געטון און זיך געלײגט אויף דר'ערד, או אָנשטענדיק פֿונאַנדערגעװאָרפֿן. אַנדרעי איז אַנטלאָפֿן. דאַן, אָפּשרײַענדיק נאָך אַ געװיסע צײַט, איז די אַלטע פֿאַרשװאונדן געװאָרן הינטערן פֿינסטערן פֿאָרהאַנג פֿון רעגן.

אַ שרעקלעכע אַלטע! אַ פֿאַרשאָלטן אָרט אָרלוט! זאָט איז עס דאָס נאַקעטע וועלדל, וואו עס ווייקן זיך אונטערן רעגן די ביינער פֿון זיבן־און־צוואַנציק מענטשן, וועלכע האָבן פֿרידלעך געזעצט פֿאַמידאָרן. ס׳האָט זיך געענדיקט אויך דידאָזיקע מלחמה. איינע רעגירן איבערן לאַנד, די אַנדערע זענען אַנטלאָפֿן אויף יענער זייט ים בעטלען אָדער שיכורן. און די דריטע?... און די דריטע זענען געבליבן, ווי די אָרלוטער גריכן, אין די זאַלצגרובן פֿון פּערעקאָפּ, אין כּטעפּעס, אין טונדרעס, אויפֿן פֿאַראַדנעם מאַרס־פֿעלד אָדער אויף די אומריינע פּוסטקעס פֿון די פֿאָר־שטעט. און אַ סך מאָל מוזן נאָך, זיכער, גיסן פֿרילינגדיקע רעגנס, כּדי צווישן דידאָזיקע שטיינער זאָלן זיך ווידער נעמען רויטלען דורך מענטשן אויסגעהאָדעוועטע פֿאָמידאָרן.

אָבער נישט איצט, וואַרטנדיק אויף זשאַננאַן, האָט אַנדרעי געטראַכט וועגן דעם. דאָרט, אויף די זיצונגען פֿלעגט מען אָפֿט באַהאַנדלען די פֿראַגן פֿון אַרבעטס־פֿראָנט אָדער פֿון צוריק אויפֿשטעלן די חרובֿ־געוואָרענעווירטשאַפֿטן. איצט האָט ער גע־טראַכט בלויז וועגן זשאַננאַן. ער האָט זיך דערשראָקן אַריינגע־קוקט אין רעגן, וואָס האָט פֿאַרשטעלט דעם וועג ווי אַ פֿאָרהאַנג. ער האָט מורא געהאַט צו דערזען עפּעס זיך באַוועגנדיקס אונ־טערן רעגן, עפּעס זיך אָפּטיילנדיקס פֿון זיין געדיכטן פֿאָרהאַנג. ער האָט מורא געהאַט צו דערזען יענע, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ זומגעדולד אָפּגעוואַרט. מעגלעך, ווען זי זאָל אונטערן רעגן פֿאַרלירן דעם וועג, ווען זי זאָל גאָרנישט קומען, וואָלט ער זיך דערפֿרייט. און אויך מעגלעך, אַז דאַן, פֿאַריאושט, אָן אָטעם, וואָלט ער געלאָפֿן שלאָגן זיך דעם קאָפּ אין די אייזערנע טויערן פֿון דער ווילע „איבראַגיאַ״. דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק געווען פֿון אַ מינוט, און אַנדרעי האָט געוואוסט בלויז יענע מינוטן, וועלכע זענען שוין פֿאַרגאַנגען.

צי דען האָט ער דען געוואוסט, קושנדיק נאָך אַ ווילדער מאַזורקע אין קאָרידאָר פֿון אַ האַלב־פֿרעמדן הויז אַ ליבלעכע פּוכקע פֿריילין, אַז אין דריי וואָכן אַרום וועט ער גיין מיט איר אין צערקווע? און אונטער דער חופּה האָט ער דען געטראַכט,

אַז אינגיכן וועט ער פון אומעט און חרפה נישט קאָנען אַ קוק
טון אויף דערדאָזיקער קאַרגער, זיך אַרומקריגנדיקער קליינבי־ר־
גערטע? אַנדרעיס אַלע האַנדלונגען זענען געווען אומגעריכטע.
צו זעכצן יאָר, נאָך אַ קריגעריי מיטן אפּוטרופּות, האָט ער זיך
אָפּגעזאָגט פון דער ירושה און איז אַוועק באַגלייטן איינע אַ
בלינדע אַלטיטשקע, וואָס האָט אויסגעפירט דעם וויאָלצעווער
רעפּערטואַר, איבער די מאָסקווער הויפן. זי האָט געזונגען „מיט
אַ קוש מאַך פאַרגעסן", און ער האָט געדרייט ס'הענטל. צוואָס?
פאַרווען? ווער ווייסט אים, — ס'איז אַזוי אויסגעקומען... דער־
נאָך האָט ער זיך געזעצט צו די ביכער, אָפּגעגעבן די עקזאַ־
מענס, אַ סטודענט. אַ פאַרביילויפנדיקע באַגעגעניש מיט זשאַנ־
נאַן. דאַכט זיך — פאַרליבט. ס'האָט עפּעס געקאָנט זיין. און אָט,
אין אַ האַלב־יאָר אַרום, האָט ער נאַריש, באַנאַל חתונה געהאַט.
געלעבט האָט ער מיט אַגלאַיען (אַזוי האָט מען גערופן דאָס ווייב)
שלעכט, האַלב־הונגעריק. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל,
אָבער אין זיבן חדשים אַרום איז זי געשטאָרבן. ווען מען האָט זי
אַרויסגעטראָגן האָט דער גרויסער, ברייטפּלייציקער מאַיסביל גע־
וויינט, ווי אַ קינד. פון אומעט האָט ער גענומען שיכורן. ס'האָט
זיך אים געדאַכט, אַז אויך ער איז טויט.

דאַן איז געקומען די רעוואָלוציע. זי האָט אַנדרעיען אויפ־
געטרייסלט, זי איז געווען זיין ערשטע אמתדיקע ליבע. אין יולי
איז ער געווען אויפן ליטיינעם פּראָספּעקט, און אין אָקטאָבער
האָט ער איינגענומען דעם קרעמל. דערנאָך האָט ער זיך אַליין
געבעטן אויפן פראָנט קיין קובאַן. אין איינעם אַ קאָזאַקן־דאָרף
איז ער אַריינגעפאַלן צו די ווייסע. מ'האָט אים פאַרשפּאַרט אין
אַ שטאַל. זיך אַרויסגעראַטעוועט. ער האָט זיך געראַטעוועט אויף
אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אופן, אַז נאָך דעם האָט ער גענומען
גלויבן אין זיין גליקלעכן שטערן. ער האָט זיך אַריינגעקריגן
קיין קרים — אונטערצורייסן וראַנגעלן. און ווען אַלע פראָנטן
זענען פאַרשוואונדן, ווען מ'האָט געדאַרפט אָפּבויען אַרלויט, ווען
אויף די זיצונגען האָבן זיך באַוויזן ציפערן, איז אַנדרעי גע־
וואָרן צעטומלט. ער האָט גענומען טראַכטן: וואו גייט מען

איצט? קיין בעסאַראַביע? אויפן מערב? אַלץ איינס, אַבי ערגעץ־וואו אומלעגאַל, וואו ס'איז געפערלעכער, — אָרגאַניזירן קאַמפּס־מחנות, שרייבן פּראָקלאַמאַציעס, קעמפן, שיסן, אומקומען. די חברים האָבן געקוקט אויף אים מיט אַנטציקונג — דרייסט, איבערגעגעבן דער זאַך. — אָבער אויך מיט מורא: אַ פרעמדער. זאַכאַרקעוויטש האָט אים איינמאָל ווייך געזאָגט: „חבר, איר זענט אין עפּעס אַ פּונקט נישט קיין גאַנצער מאַרקסיסט". די חברים זענען, וואָרשיינלעך, געווען גערעכט. אַזעלכע מענטשן זענען ווי ביקסן אָדער ווי פּאַנען. מען קאָן דאָן אָבער נישט אייביק שיסן. יעדער לייוונט בליאַקעוועט אָפּ פון רעגנס און זון. אין מאָסקווע האָט מען נאָך בלויז פאַרטראַכט אַ דעקרעט וועגן פאַרבייטן די „ראַזווערסטקע" מיט אַ שטייער, און אין טויזנטער וויאָרסט פון קרעמל האָט זיך שוין אַנדרעי געפילט נישט אויפן אָרט.

אַזאַ איז געווען דער מענטש, וועלכן זשאַננאַ האָט ליב באַקומען. אומזיסט וואָלט זי דערוואַרט פון אים קלאָרקייט פון געפילן אָדער אויסגעהאַלטנקייט. אַנדרעי האָט אַליין נישט געוואוסט, אויף וואָס ער איז פעאיק. צי קאָן ער אויף אַן אמת ליב האָבן? אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון קאַראַנטין. דאָס הייסט פון יוגנט, פון זון. ווען ניקיטאַ האָט אים ביינאַכט, צוויי אַ זייגער, געטראָפן ביי דער וואַסער־פּאָמפּע, האָט אַנדרעי געשמייכלט. אונטער די פענסטער פון „איבראַגיאַ" האָט ער אייליק, צאַרט אַ טראַכט געטון: „איצט שלאָפ זי, זיכער"... אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרליבט אין זשאַננאַן, און דאָס איז געווען לייכט, פריילעך, אָנגענעם. ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן ים־ברעג אָן באַוואוסטזיין. אַלץ, הייסט עס, האָט זיך געענדערט אין עטלעכע מינוט. אַנדרעי האָט דערקענט דעם צער. ער האָט אומעטום געזוכט זשאַננאַס אויגן. די שטילקייט איז איצט פול געווען מיט אַ שטילן אויסגעשריי: „אַנטלויפט". דאָס איז נישט געווען קיין חרטה. אַנדרעי האָט אַנדערש נישט געקאָנט האַנדלען, ער האָט געמוזט אויסשיסן. אויב דאָס פּאַפּיר, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ נאַריש, איז ער נישט שולדיק, ער

האָט דאָס נישט געוואוסט. אָבער זשאַננאַ ?... וואָס־זשע איז פאָרגעקומען אין יענער מינוט, ווען ער האָט דערזען אין דער טיר פון קאַבינעט — זשאַננאַן ? אפשר, פאַרלירנדיק זי, האָט אַנדרעי באַגריפן, אַז דער טאָג הינטערן קאַראַנטין האָט באַדייט נישט נאָר פריילינג, אַז דאָס, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ פריילעכע פאַרליבטקייט, איז אויף דער אמתן געווען — ליבע ?

אין זיין לעבן איז אַריין דאָס אומגליק. ער האָט געאַרבעט. ער האָט, ענדלעך, זיך דערוואַרט אויפן קומען פון די רויטע. ער האָט זיך דערוואַרט אויפן נצחון. אַ סך וואָכן האָט ער נישט גענעכטיקט אונטער אַ דאַך. ער האָט זיך געטראָגן איבער די בערג מיט אַ קליינינקער מחנה הפקר־יונגען, ער האָט געשמערט די עוואַקואַציע פון אַ גאַנצן קאָרפּוס, — ער האָט פאַרדינט דעם נצחון ! אָבער דאָס אומגליק : דאָס קליינטשיקע מענטשלעכע אומגליק האָט נישט געוואָלט שטיל ווערן אינמיטן פון די גרויסע היסטאָרישע מעשים.

אַנדרעי האָט זייער גוט געוואוסט, אַז קיין גליק קאָן נישט זיין. דעריבער, מסתמא, האָט ער אויסגעוויילט זאַכאַרקעוויטשן, וועלכער האָט מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט ליב געהאַט דאָס שווייגן. יעדן טאָג, אין די הפסקות אויף די זיצונגען, פלעגט ער — באַמיענדיק זיך מיט דער געשעפטלעכקייט פון טאָן איינצוהילן די אויפרעגונג — פרעגן ביים שטילן לאַנגאויערדיקן מענטש : „נו, וואָס איז דאָרט ?” און יעדעס מאָל פלעגט זאַכאַרקעוויטש ענטפערן דאָס זעלבע : „נישקשה”. אַזוי איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען זאַכאַרקעוויטש האָט אַ ביסל צוגעשוויגן און צוגעגעבן צו דער טראַדיציאָנעלער פראַזע : „זי וויל פאָרן קיין פאַריז”. די זיצונג האָט זיך ווייטער געפירט. אַנדרעי האָט זיך באַמיט צו הערן די באַריכטן : ציפערן, ווערטער.

דעמדאָזיקן גרויסן, געזונטן מענטש האָט נישט געקליידט קיין ליידן, ווי ס׳קאָן נישט־קליידן צום פּנים אַ וואָסער ס׳איז פאַרב. אָבער דאָס ליידן איז פאַר אים איצט געווען פּונקט אַזאַ פאַקט, ווי דידאָזיקע ציפערן פון די צעשטערטע ווירטשאַפטן. איינהאַלטן זי ? זי זאָל זיך פייניקן ? ניין, זאָל זי פאָרן. אַנדרעי

האָט זיך דאָך אויסגעלערנט צו דרייען ס׳הענטל פון דער קאַטאַרינקע, לעבן מיט דער נישט-געליבטער פרוי, צוזען, ווי מען טראָגט אַרויס אַ קליינטשיק טרומנעלע, טויטן מענטשן און אַליין וואַרטן אויפן טויט, נו מילא, וועט ער זיך איצט אויסלערנען ליב צו האָבן אין איינזאַמקייט, ביז וואַנזיניקייט, ביז טויט.

ס׳איז געבליבן צו זעגענען זיך. אונטער אַ לאַנגן רעגן האָט אַנדרעי אָפּגעוואַרט זשאַננאַן. ס׳איז שוין שפּעט, זי וועט נישט קומען. אַנדרעי האָט אויפגעהערט צו קוקן אויפן זייגער. ער האָט מער וועגן קיין שום זאַך נישט געטראַכט. ער האָט זיך ענדגילטיק צונויפגעגאָסן מיטן רעגן. פון דאָזיקן צושטאַנד האָט אים אַרויסגעפירט אַ מענטשלעכע האַנט. אַ נאַסע פון רעגן, אַ שוואַכע, כמעט אָן אַ סימן פון לעבן, ענלעך אויף אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פון אַ יאַגדע-קוסט. דאָס איז געווען זשאַננאַס האַנט. און אַנדרעי האָט אַלס ענטפער געוואָלט אַ שמייכל טון — ער האָט דאָך דאָס פריער אַזוי גוט געקענט. אָבער דער שמייכל איז נישט געלונגען. ביידע האָבן געשוויגן. פאַר ביידע האָט גערעדט אַ שווערער רעגן, שווער ווי זייער גורל

זשאַננאַן, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ גאַנץ פינסטער לעבן אין דער לײדיקער ווילע „איבראַגיאַ״, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו פאַרברענגען די בין-השמשותן אונטער פיר אויגן מיטן פיין, האָט דאָסדאָזיקע שווייגן נישט איבעראַשט. ס׳איז געווען ווי אַ דירעקטער המשך פון אירע טעג. אַנדרעי אָבער האָט דידאָזיקע גאַנצע צייט געלעבט: געריטן, קאָמאַנדירט, געשאָסן, געאַמפּערט זיך אויף זיצונגען. זיין אימגליק האָט זיך אויף אַזאַ אופן צע־שטויבט אין אַ מבול ווערטער, אין טעמבר גופא פון געשעפטלעכן קול. איצט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט פאַר אַנדרעיען אין זיין גאַנצער שטומער ווילדער פולקייט. ס׳האָט דערפון געבראָכן דער קאָפּ. ס׳האָט זיך אים גענומען דערמאָנען די נאַכט אין קאָזאַקנדאָרף. ווי דאַן האָט ער אַ טראַכט געטון ביכלדיק: מען דאַרף צונויפדריקן די ציין. אַנדרעי האָט גוט געדענקט די ווערטער, וועלכע זאַכאַרקעוויטש האָט איבערגעגעבן, ער וואָלט גיכער געשטאָרבן, איידער גענומען רעדן.

און זשאַננאַ האָט איצט גאָרנישט בעדענקט. זי האָט נאָר געווען אַנדרעיס ליפּן, וואָס האָבן זיך צעקרימט פון ווייטיק. זי וואָלט אַלץ אָפּגעגעבן, אַבי זיי זאָלן אַ שמייכל טון. זיי פלעגן אַזוי גוט שמייכלען. זיי קאָנען נישט נישט שמייכלען. זיי מוזן שמייכלען. און זשאַננאַ האָט געזאָגט:

— אַנדרעי, רעדט.

מ׳האָט אַראָפּגעריסן די דאַמבע. ס׳האָבן זינלאָז אַ שטראָם געטון ערגעץ־וואו אין דער טיף פאַרהאַמעוועטע ווערטער. פונוואַנעט האָבן זיי זיך דערנומען? וויפיל יאָר האָבן זיי זיך געצאַפּלט אין האַרץ, כדי איצט מיטאַמאָל אויסצוגיסן זיך אין אַ פינסטערן פלייץ־רעגן? וועגן וואָס האָט אַנדרעי גערעדט מיט זשאַננאַן? וועגן זיין שולד? אָדער וועגן ליבע? ניין. זיינע ווערטער זענען געווען ווי היץ־רייד. בלויז זשאַננאַ, וואָס האָט זיך דערוואוסט ווי מ׳קאָן זיך טאָפּלען דאָס לעבן אין די שטויביקע שפּיגלען פון דער ווילע „איבראַגיאַ״, האָט זיך אין זיי געקאָנט פונאַנדערקלייבן. צוערשט איז גערעדט געוואָרן וועגן רעגן. דערדאָזיקער רעגן און אַ צווייטער. דער צווייטער רעגן האָט געגאָסן אין זומער. הייסט עס, אַז אַנדרעי, ניין, דאַן נאָך דאָס יינגל אַנדריושאַ, האָט געוואוינט אויף אַ זומערוואוינונג, — דאַכט זיך, אין ביקאָוו. שטיגליצן. דאָס זענען דאָך פייגל. אַזאַ מין. אין וואַלד זענען דאָ אַ סך פייגל. אַנדריושאַ האָט געכאַפּט אַ שטיגליצל. אגב אורחא מאָדנע איז איינגעאָרדנט די מענטשלעכע האַנט — מען קאָן זי בשום אופן נישט קאָנטראָלירן. דאָס שטיגליצל האָט געהאַט ווייכינקע פעדערלעך. אַזעלכע זענען, וואָרשיינלעך, ביי זשאַננאַן די האָר, ווען מען כאַפּט זיי אָן. איז אָט, מיט איין וואָרט, ניין, הערט זיך נאָר איין, אינמיטן העלן טאָג אויף דער זומערוואוינונג אין ביקאָוו — איז עס דערשטיקט געוואָרן! דאָס איז דאָך אַן אומגליק. און, דער עיקר, מען קאָן נישט העלפן, נישט די מוטער, נישט גאָט, קיינער נישט. אָבער טאַקע קיינער קאָן נישט העלפן. אָבער וואָס האָט דאָס צום רעגן? וועגן וואָס האָט ער גערעדט? זאָל שוין זשאַננאַ מוחל זיין: ער פּלאָנטערט זיך. נישט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן. ער פּלוידערט...

זשאַננאַ האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען, זשאַננאַ האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט קיין פֿלוידעריי. זי האָט אינגאַנצן געלויכטן פֿון אָנשטרענגונג און צאַרטקייט. ווען אַנדרעי איז שטיל געוואָרן, האָט זי מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אויפֿגעהויבן איר אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבענע האַנט און זי אַדורכגעפֿירט איבער אַנדרעיס קאָפּ. דאַן, — און דאָס איז געווען ביז גאָר וואונדערבאַר, דאָס איז געווען נאָך זינלאָזער, ווי דאָס באַווייזן זיך פֿון שטיגליץ, — קיינער האָט דאָך נישט געשאָסן, און דער רעגן, ווי באַקאַנט, טוט נישט, — דערשלאָגן פֿון דער גאַנצער וואַרעמקייט פֿון דער האַנט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די נאַסע האָר, האָט אַנדרעי אַ פּאַל געטון, אַ פּאַל געטון, ווי הער נעי אין יענער נאַכט, אַ פּאַל געטון אויף דער פֿון רעגן פֿאַרפֿלייצטער ערד. ער האָט זיך צוגעדריקט צום זוים פֿון זשאַננאַס קלייד, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַסער וואָל, און מורא, זי זאָל נאָר נישט אַוועקגיין, האָט ער אים געקושט.

— כ'האָב אַזוי... אַזוי... ליב...

אַך, ווי שנעל, ווי ווילד עס ברענט דער איטאַליענישער דאַמפּער! דאָ אָבער וועט קיין גליק נישט זיין. הייסט עס — טויט. זשאַננאַ, די דערוואַקסענע, מיושבדיקע זשאַננאַ, וועלכע דאַרף מאָרגן אינדערפֿרי אַוועקפֿאָרן צום פֿעטער, צו אַ לעבן אָן ליבע, דידאָזיקע זשאַננאַ פֿאַרשטייט מער גאָרנישט. אָבער זשאַננאַ זעט, אַז אַנדרעיען טוט וויי, און צאַרט אויפֿהויבנדיק אים, זאָגט זי:

— אויב איר ווילט, בלייב איך.

פֿאַרוואָס האָט אַנדרעי נישט אַ געשריי געטון „בלייב"? אַזוי האָט דאָך געשריגן זיין האַרץ, אַזוי האָט דאָך גערוישט דאָס בלוט אין די שלייפֿן, די פֿינגער האָבן דאָך דווקא אַזוי געקנאַקט. פֿאַרוואָס האָבן נאָר די ליפּן גאָרנישט געזאָגט? דערנאָך האָט זיך אַנדרעי געפּייניקט אָט מיט דעם: נו, ווי האָט ער געקאָנט נישט אָפּהאַלטן? אָבער אין יענער מינוט האָט ער אַנדערש נישט געקאָנט ענטפֿערן. אויפֿן העכסטן פּונקט פֿון דער ליבע איז דאָ אַזאַ דערלויכטונג, אַזאַ פֿולקייט, אַז ס'איז נישטאָ אַפֿילו דער גע-

דאַנק וועגן גליק, לייכט און פּשוט זאָגט דאָן דער מענטש: כ'האָב דיך צו ווייניק ליב (און אַליין: נאָר דו). כ'בין דיך נישט ווערט (כ'לעב מיט דיר), גיי פאַרביי (בלייב, אַנישט איז — טויט).

פאַר אַנדרעיען איז געווען אַ גליק צו ליגן אויף דער נאַסער ערד ביי זשאַננאַס פיס און וויסן, אַז דער דאַמפער וועט אָפּגיין, וועט זי אַוועקפירן צו פּרעכטיקע, לאַקריץ־זיסע רויזן, צו זון, צו אַן אַנדערן, בעסערן אַנדרעי, וועלכן מען וועט רופן „זשאַן" אָדער „פּיער", צו אַ לעבן אַ לייכטס, ווי דאָס וויגן זיך אין האַמאַק, און ער, אין ער וועט גאַלאָפּירן ביינאַכט איבער וויסטע בערגלעך, וועט הערן דעם רעגן, ערגעץ־וואו אין בעסאַראַביע, איינער אַליין, אין אַ זייט, מיטן נאַגאַן, מיט ליבע.

די נאַכט אין קאַבינעט פון „איבראַגיאַ" דויערט נאָך, זי וועט דויערן אייביק. זשאַננאַן וועט ער בלויז דערשטיקן. טאָ זאָל זי פאָרן, זאָל זי אָבער פאָרן וואָס גיכער: אַנדרעי איז דאָך אַ ווינט־קאָפּ, אַן אומזיניקער מענטש. וועט ער דען לאַנג אויסהאַלטן?

און זשאַננאַ, וועלכע האָט אַזוי גוט, אויף אויסנווייניק, געוואוסט, וואָס אַזוינס ליבע איז, זשאַננאַ, וואָס איז אינגאַנצן פול מיט גרייטקייט און צאַרטקייט, דידאָזיקע זשאַננאַ האָט גע־גלויבט אַנדרעיס ליפּן. אפשר איז שולדיק געווען דער רעגן; מיט אַ בלייערן בלאַט האָט ער צוגעדעקט אַנדרעיס אויגן, מיט אַ טעמפּן גערויש האָט ער פאַרהילכט דאָס מייזלשע וואַרפּעניש פון זיין האַרץ. מען דאַרף נישט אין כעס זיין אויף איר: זשאַנ־נאַ איז נאָך געווען אַ קינד. זי האָט געגלויבט אַנדרעיס ליפּן. זי האָט באַשלאָסן, אַז אַנדרעי האָט מורא פאַר איר, אַז פאַר אים איז זי — אַ שאָטן אין דער טיר פון קאַבינעט, אַ געשפּענסט. ער איז יונג, ער איז פריילעך, לעבעדיק. וואָס־זשע וועט ער אָנ־הויבן צו טון מיט אַ נאַריש און טרויעריק מיידעלע? ער האָט ליב די רעוואָלוציע. ער מיינט, אַז זשאַננאַ וועט אים בינדן. און אפשר איז ער גערעכט: זשאַננאַ קען דאָך אפילו נישט רייטן. אַנדרעי איז אַ העלד. ער דאַרף זיין אַליין. זשאַננאַ וועט אַוועק־

פֿאָרן. דער דאַמפּער קאָן זיך לאַדעווען. מאָרגן וועט מען אַראָפּנעמען די בריקלעך.

— אַנדרעי, דאָס איז דאָך אײַנגאַנצן, אויף אײביק?

ניין, אַנדרעי קאָן נישט הערן אַזעלכע ווערטער. אַזעלכע ווערטער זענען פּשוט אוממענטשלעך.

אַ טרייסל טוענדיק מיטן נאַסן קאָפּ, ענטפֿערט ער מיט עמפּערונג:

— ניין, זשאַננאַ, ניין. מיר מוזן זיך זען.

(פֿאַרוואָס איז דער דאַמפּער נישט אַוועק תּיכף? אַנדרעי הויבט אָן נאָכצוגעבן).

— מיר וועלן זיך אומבאַדינגט זען. כ'וועל, אפשר, פֿאָרן אַהין.

— וואוהין?

— כ'ווייס נישט. אויף מערב... קיין פּאַריז.

זשאַננאַ ציטערט אויף: פּאַריז, דעם פּאַפּאַס פּאַריז ענדערט זיך מיטאַמאָל. אַ חוץ דעם פּעטערס שטוב, אַ חוץ דער קאַנטאָר, אַ חוץ דעם קישן, דערשיינט אין אים אַנדרעי. זשאַננאַ פֿרייט זיך נישט. דאַכט זיך אָבער, אַז זי פֿאַרלירט דעם קאָפּ. און זי האָט דאָך אַזוי געוואָלט זיין מיושבדיק.

— צוואָס, אַנדרעי?

איצט וועט ער, ענדלעך, זאָגן: „כ'קאָן נישט אָן דיר“. דאַן וועט זי קאָנען פֿאַרבלייבן. דער דאַמפּער איז דאָך נאָך נישט אַוועק. אַנדרעי אָבער איז ווידער פֿעסט.

— אַרבעטן. גרייטן די רעוואָלוציע. אַזוי ווי דאָ.

דאָס קלינגט אַזוי ניי, אַזוי זינלאָז, אַז זשאַננאַ גיט אַ שטילן געשריי. פּאַריז און רעוואָלוציע — צי דען קאָן דאָס גיין צוזאַמען? דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי דער פּאַפּאַ זאָל גיין אָנשטאָט אַ האַרטן הוט — אַ פּאַפּאַכע. דאָס קאָן נישט זיין. אָבער אויב אַנדרעי זאָגט — הייסט עס, אַז דאָס וועט יאָ זיין. מיט אַ רירנדיקער שטימונג פֿרעגט זי:

— הייסט עס, דאָרט וועט זיין אַלץ, ווי דאָ?

און זשאַננאַ ווייזט אָן אויף די חורבות פון די הייזער, הינטער וועלכע עס שרייט די משוגענע אַלטע.

— ווי דאָ ? און דאָס איז נויטיק, אַנדרעי ?

— יאָ, זשאַננאַ, יאָ, דאָס איז נויטיק.

זשאַננאַ גלויבט איר. זעגען דאָך נויטיק געווען די ריזיקע נעכט אין דער ווילע „איבראַגיאַ". די חורבות פון אָרלוט, די ראַסטאָווער טיפוס-קראַנקע, דאָס גאַנצע שרעקלעכע רוסלאַנד פון דידאָזיקע יאָרן גיסט זיך צונויף אין זשאַננאַס קאָפּ מיט איר אייגענעם גורל, מיט דער ליבע צו אַנדרעיען.

— אויך איך פאַר מאָרגן (דערביי האָט אַנדרעי אַ טראַכט געטון : „בעסער צו פאָרן היינט, תיכּף, אַנדערש וועל איך נישט אויסהאַלטן"). כּ'פאָר קיין מאָסקווע, דאָרט איז דאָס ווייב, אַגלאַיאַ. איר קענט זי דאָך, דאַכט זיך ?

אַנדרעי האָט דאָס געזאָגט פּשוט, ווי געוויינלעך אין לעבן, בלויז אינסטינקטיוו האָט ער זיך אומגעקערט צום „איר". פאַר אים איז דאָך אַגלאַיאַ שוין פון לאַנג געוואָרן אַ טייל פון לעבנסשטייגער, ווי אַ נאָמען און פאַמיליע. פאַר זשאַננאַן אָבער זענען דידאָזיקע עטלעכע ווערטער געווען אַ צווייטער שאָס. נאַרישע, זי האָט נאָך געקאָנט טראַכטן : אַ מאַן. ער האָט ליב אַן אַנדערע. פאַרוואָס-זשע האָט ער אַזוי געשמייכלט דאַן היגטערן קאַראַנטין ? פאַרוואָס האָט ער אַזוי פאַרלוירן געקוקט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט ? מילא — זשאַננאַ איז אים נישט זיין ריכטער. ער האָט ליב אַגלאַיאַן, הייסט עס, ער איז נישט איינזאַם. נו, געווים, נישט איינזאַם. אַנדרעי איז דאָך נישט דער אָרימער זאַכאַרקעוויטש. זשאַננאַ פרייט זיך : איצט וועט זי קאָנען רואיק אַוועקפאָרן, נישט אומקוקנדיק זיך פון דעק אויף די אַבראַזע בערגלעך פון פעאָדאָסיע.

און שטיל האָט אים זשאַננאַ אָפּגעענטפערט, אַז זי האָט אַגלאַיאַן אַ ביסעלע געקענט, זי האָט נאָר נישט געוואוסט, אַז אַנדרעי האָט חתונה געהאַט מיט איר. ניין, דאָס האָט זי נישט געוואוסט. זשאַננאַס קול האָט דורכן רעגן געקלונגען פאַרשטיקט, ווייטלעך. אַנדרעי האָט דערשפירט, אַז שטייענדיק נאָך דאָ, לעבן

אים, גייט זי שוין כריט נאָך טריט אַרונטער אין שטאָט אַריין, אין פּאָרט, דאָרט, וואו דער דאַמפּער. זיין נאַר־וואָסיקע פעסט־קייט איז איצט פאַרביטן געוואָרן דורך יאוש, כמעט ווילדקייט. ער האָט געכאַפּט זשאַננאַס הענט און גענומען בייז, פאַרצווייפלט קושן זיי. די הענט זענען נישט אַוועקגעגאַנגען, אָבער אויך נישט געענטפערט, ס'האָט זיך אין זיי נישט געפילט קיין לעבן. דאַן, פאַראַכטנדיק זיך אַליין פאַר דער שוואַכקייט, און אפשר האַסנ־דיק אויך זשאַננאַן פאַר דער גאַנצער ליבע, האָט ער הייזעריק, פאַרשלינגענדיק די קלאַנגען, שטיקנדיק זיך מיט זיי, אַרויסגע־פּליסטערט:

— דו הערסט ?.. פאָר נישט אַוועק.

— ניין. כ'פאָר מאָרגן.

זשאַננאַ האָט דאָס געזאָגט רואיק און גלייכמעסיק, ווי אויף דער גאַס, פאַרטשעפּעט דורך אַ פאַרבייגייער.

ס'איז אָבער גוט, וואָס עס רעגנט, וואָס פון זשאַננאַס קליין היטעלע רינען שטראָמעלעך: זי קאָן וויינען, אַ סך וויינען — אַנדרעי וועט דאָס נישט באַמערקן. זי וועט נישט בלייבן. ס'איז גענוג דאָס ברוינע פלעקעלע אויפן טעפּיך אין קאַבינעט. געוויס, זי איז דאָך אַ פּשוט מיידל פון לוזאַרעט, וואָס האָט געטרוימט וועגן אַ חתן, וועגן גליק, אָבער אַגלאַיאַן וועט זי נישט טויטן.

די קאַטאַסטראָפע איז אָבער פאָרט געשען. געשען איז זי שטיל, אין דער פינסטער, אונטערן רעגן. איר באַדייטונג האָבן אין יענע מינוט נישט פאַרשטאַנען נישט זשאַננאַ, נישט אַנדרעי. דאָס איז געווען אַ קאַפּיטולאַציע פאַר דער ליבע, אָבער אַ קאַפּי־טולאַציע אַ באַהאַלטענע, אַ שעמעוודיקע, אַ פולע מיט הינטער־שפּיצלעך. זשאַננאַ איז שוין פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן ברונעם, זי האָט שוין גענומען אַראָפּגיין אונטן־צו, וואו ס'האָט זי דער־וואַרט דער איטאַליענישער דאַמפּער, ווען דאָס האַרץ האָט פּלוצלינג נישט אויסגעהאַלטן, גענומען בעטן רחמים: „נו, נישט איצט, איז איבער אַ יאָר, ווען־נישט־איז, ווען אַלץ וועט זיך ענדערן !..."

און מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט זשאַננאַ שנעל גענומען לויפן צו־ריק. שווייגנדיק האָט זי דערלאַנגט אַנדרעין, וואָס איז נאָך אַלץ

געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט, אַ פּיטשינקע וויזיט־קאַרטע.
— וואָס איז דאָס.
— דער אַדרעס. אויב דו... אויב איר...
אַנדרעי האָט איר נישט אָפּגעענטפֿערט. טרויעריק און פֿאַר־זיכטיק האָט ער אַ קוש געטון איר לייכט צעעפֿנט מויל. דאָס איז געווען די געזעגענונג.
בלײַבנדיק איינער אַליין, האָט ער איבערגעלייענט: „פּרי־וואַטע דעטעקטיוו־ביוראָ פֿון רײמאָנד נעי. גאַס טיבומערי, 17“, און ער האָט מעכאַניש אויפֿגעציטערט. מען מוז פֿאָרן הײַנט, תּיכּף, פֿאַרן דאַמפֿער!...
און זשאַננאַ האָט זיך, אַראָפּלויפֿנדיק, אָנגעשטויסן אויף דער משוגענער. די אַלטע האָט זיך געוואַלגערט אין אַ ליימיקער בלאָטע און יאָמערלעך געשריגן. זשאַננאַן איז זי פֿאָרגעקומען ווי אַ האַלוצינאַציע, ווי איר אייגענע אויסטראַכטעניש, אַלס לעצ־טער עטאַפּ פֿון דער באַגעגעניש מיט אַנדרעיען. אַנטלויפֿן, וואָס גיכער אַנטלויפֿן!...
אין דער פֿינסטערניש, איבער אַ וויסטן וועג, אונטער אַ בייזן רעגן לויפֿט זשאַננאַ. ערגעץ־וואו אונטעררייסנדיק זיך, שרייט דער דאַמפֿער. מאָרגן, פֿאַרטאָג, וועט זשאַננאַ אַוועקפֿאָרן צו אַ ליבלאָז, מאָגער לעבן. זשאַננאַ לויפֿט און וויינט.

10.

## וועגן יענעם זעלביקן טראָפּן

אַגלאַיאַ האָט אַ טראַכט געטון: „דאָס איז דער לעצטער טראָפּן, יענער זעלבער טראָפּן, וואָס מאַכט פול, ווי באַקאַנט, דעם בעכער".

פּאַריז — ער פאָרט קיין פּאַריז! מען זאָגט, אַז ס'עקזיסטירט נאָך אַזאַ שטאָט! דאָרט וואוינט אַגלאַיאַס שוועסטער, די גליקלעכע אַסיאַ, דאָרט איז נישטאָ נישט קיין פאַרשטונקען פערדנפלייש, נישט קיין רויך פון די אויוועלעך, נישט קיין רעוואָלוציע. נו, וואָס, דאָס איז מעגלעך: אָט זינגט מען דאָך אין צערקווע וועגן גן־עדן, וואו ס'איז בלויז לופט און גליק. אַגלאַיאַ איז נישט אין גן־עדן, אַגלאַיאַ איז אויך נישט אין פּאַריז. אַגלאַיאַ צעבלאָזט, זיצנדיק אויף די שפּיץ־פינגער, דאָס אויוועלע. פון די אויגן רינען טרערן פון רויך: דער ווינט שטערט אַגלאַיאַן, ער בלאָזט גלייך אין רער אַריין. פון די אויגן רינען טרערן פון צער: אַנדרעי איז נאָך־וואָס אָנגעקומען און אָט פאָרט ער שוין ווידער אַוועק.

אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן! ווען אַגלאַיאַ האָט, אַלט גימנאַזיסטקע, נאָך געוואוינט מיט דער מוטער אין דעם אָרימען דירהלע פון דראַגאָמילאָווס הייזל, פלעגט זי אָפּט אין די אָוונטן הערן מוזיק, וואָס פלעגט דערגיין פון שכנותדיקן הויז, דאָרט האָט געוואוינט דער פאַבריקאַנט גאַי. דאָס זענען געווען טאַנץ־

אָוונטן, מיט צוקערגעבעקס פון סיאו, מיט טענץ, מיט אַלע טענץ, וועלכע אַגלאַיאַ האָט געקענט נאָר לויט די נעמען: „פּאַדורס", „פּאַדעשינואַ", „מיניאָן", „שאַקאָן" און אפילו, — אָבער דאָס שוין אַרום פּרימאָרגן, ווען די אויגן פון די מאַמעס פלעגן ווערן בלייערן, — דעם פרייען קעק־וואָק. אַגלאַיאַן פלעגט מען אויף דידאָזיקע אָוונטן נישט רופן. דאָרט פלעגט מען זיך דערקלערן אין ליבע און מאָלן אין פיינע אַלבאָמען מאָנאָגראַמען. אַזוי, לכל הפּחות, פלעגן פאַרזיכערן אירע חברטעס. הערנדיק די מוזיק פלעגט אַגלאַיאַ וויינען און ספק זיך לאַשטשען צו דער מאַמען, ספק זי זידלען, שעפּטשענדיק דערביי:

— נו, צוואָס האָסטו מיך געבוירן, מכשפהלע?

דאָס איז נאָך נישט געווען קיין אומגליק: אַגלאַיאַ האָט געגלויבט, אַז זי וועט חתונה האָבן און דאַן וועט זי באַקומען אַלץ — פון דער דערקלערונג אין ליבע ביז אַ גאַנצן פוד צוערגעבעקס.

חתונה געהאַט האָט זי טאַקע אינגיכן, און אויב אַנדרעי האָט געשטאַמלט צו איר וועגן זיינע געפילן, האָט ער זי אָבער געקושט איבערגעבוג. אָבער ווען די ערשטע קושן האָבן זיך געענדיקט, האָט אַגלאַיאַ דערזען, אַז איר לעבן איז געוואָרן נאָך טרויעריקער. די מוזיק האָט ווי פריער געקלונגען נישט אין איר צימער, און צו האָפן איז שוין מער נישט געווען אויף וואָס. אַנדרעי האָט זיך באַמיט צו זיין פריינטלעך, אָבער פלוצלינג פלעגט עס זיך דורכרייסן: דאָ פלעגט ער איר צווואַרפן אַ באַליידיקנדיק וואָרט, דאָ פון פאַרצווייפלונג זיך כאַפּן ביים קאָפּ. אַגלאַיאַ האָט געזען, אַז ער האָט זי נישט ליב, זי האָט דאָס אָבער באַטראַכט אַלס עפּעס אומנאַטירלעכס, אפילו פאַרברעכעריש. איז ער אַ מאַן, טאָ מוז ער ליב האָבן! אַזוי האָבן גערעדט נישט די געזעץ־קאָדעקסן — איר האַרץ. קיין פרעמדס וויל איך נישט, מיינס וועל איך נישט אָפּגעבן! דער מאַי איז — מיינער!

ס'קאָן זיין, אַז אין בעכער זענען שוין געווען אַ סך טראָפּנס, אָבער קיינער ווייסט דאָך נישט וויפיל ס'קאָן אַריינגע־

מען אין זיך דערדאָזיקער דורך אַלעמען אַזוי אָפּט דערמאַנטער בעכער. יעדנפאַלס, דאַן איז ער נאָך ווייט נישט געווען פול.

ס'האָט אפילו אַ שיין געטון דאָס עכטע מענטשלעכע גליק: דאָס טעכטערל סאַשאַ. אַגלאַיאַ האָט אויפגעהערט צו בעטלען ביי אַנדרעיען צערטלעכקייטן. אַגלאַיאַ האָט פאַרגעסן די קלאַנגען פון „פּאַדורס". די שעהן פון זויגן, די וואָג פון קינד, דאָס קליינטשיקע וואַנעלע זענען געוואָרן פאַר איר — דאָס לעבן. און ווען זי האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן איר גורל, ווען זי האָט גענומען טראַכטן אפילו ביים לייענען טליאָזקינס ראָמאַנען אָדער באַטראַכטנדיק אין „ניוואַ" די בילדער פון פּאַלערמאָ: „אָט דאָס וועט סאַשענקאַ איבערלייענען, און דאָס וועט זי זען", — בקיצור, ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען אַ קאָקעטישע פריילין אין אַ האַווענדיק, ווינדלדיק, רעצעפּטנדיק מאַמעלע, דאַן איז סאַשאַ געשטאָרבן פון אַ מוח-אָנצינדונג.

אַ סך חדשים זענען אַריבער, ביז דאָס שאַרפע אומגליק איז געוואָרן אַ שטילס, אַ נאָגנדיקס. ס'איז אָבער פאָרט אָנגעקומען דער אָוונט, ווען ס'האָט זיך ווידער דערהערט די מוזיק הינטערן פענסטער, און ערגעץ-וואו אונטערן לעפעלע האָט זיך גענומען באַוועגן אַ דורשט, אַ פיינלעכער ווי אַ בייסעניש, נאָך מענטשלעכער צערטלעכקייט. אַגלאַיאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אַנדרעיען. פאַר איר איז אָבער געשטאַנען אַ פרעמדער, העפלעכער מענטש, וואָס האָט שוין באַוויזן אָנצופילן זיך מיט אַן אַנדער, נישט קיין היימיש לעבן. דאָ האָבן נישט געקאָנט העלפן נישט די זאָרגעוודיקייט פון אַגלאַיאַן, וועלכע האָט פאַרריכט און אויסגעבייט אַלע אַנדרעיס העמדער, נישט דער ריזיקער פּיאָלעטער הוט מיטן גאַנצן פרוכט-גאָרטן וואָס אויף איר. אַגלאַיאַ האָט געוויינט אין אַ ווינקעלע, באַשיטנדיק פלייסיק די טרערן מיט פּודער: זי האָט געוואוסט פון די ראָמאַנען, וועלכע זי פּלעגט נעמען פון דער שכנותדיקער ביבליאָטעק, אַז מענער האָבן נישט ליב קיין פאַרוויינטע באַקן. זי האָט אויסגעפּרוווט אויך אַלע אַנדערע שפּיצלעך פון דידאָזיקע פּלומרשט קלוגע ביכער. איינמאָל

האָט דער דערשטוינטער אַנדרעי דערהערט, אַז אַגלאַיאַן געפעלט שטאַרק דער שכן, דער געלוואַנסיקער באַאַמטער פון שטייעראַמט, אַז אַגלאַיאַ האָט אים גערופן צו זיך צו גאַסט, נאָכמער, אַז אויך זי אַליין קאָן גיין צו דידאָזיקע געלע וואָנסעס, צו טרינקען טיי לאָמיר זאָגן, ווייזט אָבער אויס, אַז די אויסגאַבעס פון „שיפּאָווניק“ האָבן געקאָנט זאָגן ליגן נישט ערגער פאַר די פראַנצויזישע ביכלעך אין די געלע הילעס: אַנדרעי האָט בלויז געקוועטשט מיט די אַקסלען — יעדער איינער האָט זיך זיין געשמאַק.

דער אומגעזעטיקטער בעכער האָט געפאָדערט נייע טראָפּנס. ס'איז געקומען די רעוואָלוציע. צוערשט כמעט אַן אומבאַמערקבאַרע — נו, אַ געדראַנג אויף די גאַסן אָדער נאַרישע לידער; דערנאָך אַ שרעקלעכע, מיט אויסבאַהאַלטן זיך אין די קעלערס, מיט נאַכט־רעוויזיעס, מיט „רייעס“, לסוף שוין גאָר אַן אומדערטרעגלעכע, וואָס האָט געצוואונגען צו פאַרקויפן אויפן סמאָלענסקימאַרק דאָס לעצטע ליילעך, קייען אָנשטאָט קאָטלעטן אַן אַכטלען, גיין אויף „צוואַנג־אַרבעט“, דאָס הייסט, פּראָסט־פּשוט צונויפשאַרן דעם שניי, ווי דאָס פלעגן פריער טון בלויז די קערערקעס, באַהאַלטן אין זעלנערישע וואוילאָקעס די אָפּגעפרוירענע, געשוואָלענע פיס און וויינען, וויינען פון רויך, וויינען פון צרות, וויינען פון אַלצדינג. צי קאָן מען דען איבערגעבן, ווי אַזוי אַגלאַיאַ, וואָס איז אָנפניותדיק איבערגעגעבן דעם וועלטלעכן גליק און די קלאַנגען פון די שאַקאָנעס, וואָס האָט אין אומגליק געקענט בלויז איין טרייסט — די וואַקסענע פּנימער פון די איקאָנעס, — ווי אַזוי דידאָזיקע אַגלאַיאַ האָט פיינט באַקומען די רעוואָלוציע? ווען דער רויטאַרמייער, וואָס האָט געפירט די פרויען אויף אַרבעט, פלעגט איר זאָגן „חבר“, פלעגט זי שפירן אַ פיזישע איבלקייט. זי וואָלט מסכים געווען צו ליידן אַלע עינוים פון די אורקריסטן, אַבי ער, דערדאָזיקער בעדישער טולער, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען געוואָרן אין זעלנעריי, או, אין איר פאָרשטעלונג איז ער אַ „תלין און אַ „לאַטיש“, זאָל פגרן, און מיט אים צוזאַמען די גאַנצע רעוואָלוציע!

און אפשר דערפֿאַר, װאָס זי האָט אַזוי פֿײַנט געהאַט די דאָזיקע לעבנספּעאיקע רעװאָלוציע, איז אויף איר גורל אויסגעפֿאַלן אַ טאָפּלטער נסיון: גלײַך נאָך די ערשטע מעשים־תּעתּועים איז אַנדרעי שוין געשטאַנען אויף דער זײַט פֿון די באָלשעװיקעס. יאָ, ער איז געװען מיט יענע, װעלכע האָבן רעקװיזירט דעם ראָיאַל פֿון פֿאַבריקאַנט גאַי און אויף תּמיד איבערגעריסן אַלע שאַקאָנעס, מיט יענע, װעלכע האָבן געטרײַבערט די בײנער פֿון די הײליקע, מיט יענע, װעלכע האָבן געצװאונגען אין די װילדע נעכט פֿון נײַנצענטן יאָר צו כליפּען אין קישן אַרײַן, כּדי קײנער זאָל נישט אונטערהערן, טויזנטער און טויזנטער אַגלאַיאַס. דאָס איז פֿאַר איר געװען אומבאַגרײַפֿלעך. אַגלאַיאַ האָט געװאוסט, אַז איר מאַן איז אַן אָרנטלעכער מענטש, זי האָט אויך געװאוסט, אַז ער איז אַ פּראַװאָסלאַװנער. דאַן איז איר געקומען אין קאָפּ אַרײַן אַ װײַבערישער אײַנפֿאַל: זיך אײַנגעליבט, פֿאַרפּלאָנטערט זיך מיט עפּעס אַ באָלשעװיטשקע, אפשר מיט אַ זשידאָװקע. אומזיסט האָט זיך אַנדרעי באַמיט אויפֿצוקלערן איר די גערעכטיקײט פֿון דער אידעע. אַגלאַיאַן האָט זיך געדאַכט, אַז כּדי צו שיטן איר זאַמד אין די אויגן, לײענט ער אויף אויסנװײניק אַ צײַטונג. צוליב גערעכטיקײט ריזיקירן נישט קײן מענטשן מיטן לעבן. פֿויערים זענען געגאַנגען רויבן די גיטער. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך. אָבער אַנדרעי? צװאָס דאַרף אַנדרעי האָבן די רעװאָלוציע? װײַל אַנדרעי האָט זיך פֿאַרליבט! זיך פֿאַרליבט אײַליק, װילד, װי ער האָט אַמאָל, נאָך אײן מאַזורקע, זיך אײַנגעליבט אין אַגלאַיאַן. װען זי זאָל נאָר קאָנען אויסגעפֿינען דידאָזיקע עקלהאַפֿטע פּרוי, אָנכאַפּן זי פֿאַר די האָר, אויסדראַפּען, דערשטיקן! אַגלאַיאַ אָבער האָט אפילו נישט געװאוסט דעם נאָמען פֿון דער צעשײדערין. נאָך ערגער: אויך אַנדרעי איז פֿאַרשװאונדן געװאָרן, ער איז אַװעקגעפֿאָרן רויבן ראָסטאָװ, זיכער מיט איר, מיט דער פֿרײַנדין.

אין אַ פֿינסטערער נאָרע, שלינגענדיק פֿאַרזשאַװערטן הערינג, נישט װאַשנדיק זיך גאַנצענע װאָכן צוליב קעלט, האָט אַגלאַיאַ אָפּגעװאַרט אַנדרעיען. װער האָט דאָס געזאָגט, אַז זי־

איז געווען אַ פּוכקע פריילין, אַז זי האָט אַמאָל געטאַנצט אַ מאַזורקע? ס׳איז שרעקלעך געווען אַ קוק צו טון אויף איר: אַ ביינערדיקע, ווי דער הערינג, וועלכן זי האָט אַרומגעגריזשעט, מיט טריבע הערינג־אויגן, מיט אַ פּנים, וואָס איז ווי אויפגעפּרעסן פון זשאַווער, האָט זי זיך קוים באַוועגט. גייט דורך אַ צוויי טריט, פאַרהוסט זיך און טרייסלט זיך פיינלעך, לאַנג, ביז זי שפּייט נישט אַרויס אַ שטיקל בלוטיקע פייכטקייט. אינם אַרבעטס־ביכל איז אַגלאַיאַ פאַרשריבן געווען אַלס פיר־און־צוואַנציק־יעריקע, לויטן אויסזען אָבער פלעגט מען איר געבן פערציק. פון רויך זענען שפּעדיק געוואָרן די טרערן. דער בעכער האָט אַלץ אין זיך אַריינגענומען.

וואָס האָט נאָך דערהאַלטן ביים לעבן? דאָך נישט די הערינג? ס׳איז מאָדנע אָנצווענדן אַ וואָרט, וואָס איז אויפן אָרט אין סענטימענטאַלע פערזן, צו אַ בייזער, שווינדזיכטיקער איינוואוינערין פון דער וואוינונג פיר־און־דרייסיק, מיט אַ הוסט, וואָס איז ענלעך אויף אַ בילעריי, וואָס האָט געשראָקן אַלע הויפיינגלעך, ס׳איז מאָדנע אָנצווענדן צו אַזאַ נישט מכשפהלע, נאָר אַן אמתער מכשפה, דאָס צאַרטע וואָרט „ליבע”. פונדעסטוועגן איז דאָס דער ריינער אמת: אַגלאַיאַ האָט ליב געהאַט אַנדרעיען, זי האָט אים ליב געהאַט שטאַרק, געטריי, און בלויז דידאָזיקע ליבע האָט איר געהאָלפן אַלץ איבערצוטראָגן. אַגלאַיאַ האָט געגלויבט: ער וועט איינזען, אַז אַ זונה בלייבט אַ זונה, דאַן וועט ער זיך אומקערן צוריק צום ווייב אַגלאַיאַ קאָן נישט שטאַרבן! זי מוז צוריקנעמען ביי דער גנבטע דאָס צוגערויבטע גוטס.

אַגלאַיאַ פלעגט גיין אין צערקווע, פלעגט תּפילה טון, פלעגט הערן די סודותדיקע געדערייען פון די באָביצעס. און אירע אויגן פלעגן נעמען בלישטשען צוזאַמען מיט די באָביצעס האָט זי דערוואַרט נסים, צוזאַמען מיט זיי האָט זי געגלויבט, אַז נסים זענען דאָ אַ סך: דאָ באַווייזט זיך אין אַ קעמערל אַ וואונדערבאַרע איקאָנע, דאָ צינדט זיך אָן פון זיך אַליין אַ נר־תּמיד־לעמפּל, דאָ פּגרט פּלוצלינג, פון אומבאַקאַנטע וואונדן, אַ קאָמוניסט, אַ לעסטערער פון הייליקע ביינער. אַגלאַיאַס אויגן האָבן

געבלישטשעט; נאָך דידאָזיקע אַלע נסים האָט זי געוואַרט אויף איין עיקרדיקן נס — ס'וועט זיך ענדיקן די פאַרשאָלטענע רעוואָלוציע, טראָצקי וועט שטאַרבן, די זשידאָווקע וועט מען פאַר אירע אַלע שפּיצלעך אַריינזעצן אין תּפיסה, און אַנדרעי, אַ פאַרשעמטער, אַ צאַרטער, וועט זיך בעטן צוריק צום ווייב. אַגלאַיאַ איז אַ קריסטין, זי וועט אים מוחל זיין!

און אָט, דאַכט זיך, אַז דער נס הייבט אָן מקוים צו ווערן. אמת, טראָצקי איז נישט געשטאָרבן, אָבער וואָס גייט אָן אַגלאַיאַן טראָצקי? אַנדרעי האָט זיך אומגעקערט צו איר! ער האָט אַראָפּגענומען ס'היטל. דער זעלבער, דער פריערדיקער, ער האָט אפילו פריינטלעך אַ שמייכל געטון. האָט זיך דאָס אַגלאַיאַ געפרייט! זי האָט נאָך אָבער נישט באַוויזן גענוג אָנצופרייען זיך, און ער זאָגט שוין, אַז ער פאָרט ווידער אַוועק ערגעץ ווייט, אויפן מערב, קיין פאַריז. אַגלאַיאַ האָט געפרעגט:

— און דאָס ווייב ווילסטו דאָ אַוועקוואַרפן? מיך וועסטו נישט מיטנעמען?

אַנדרעי האָט אָבער געענטפערט, אַז ער פאָרט אויף אומלעגאַלע אַרבעט, אויף געפערלעכע אַרבעט, ס'קאָן זיין, אַז אויף אַ זיכערן טויט. אַגלאַיאַ קען דידאָזיקע בבא-מעשיות: ער פאָרט מיט איר הוליען! ניין, דאָס איז, דאַכט זיך, דער לעצטער טראָפן!...

— נישקשה פון אַ מאַן! גיב נאָר אַ קוק אויף מיר! וואָס פון מיר איז געוואָרן. אויב דו ביסט שוין יאָ אַ באָלשעוויק, אויב ס'איז שוין געשען אַזאַ אומגליק, טאָ אָרדן זיך כאָטש גוט איין. האָבן זיך דאָך אַנדערע איינגעאָרדנט, באַקומען אַ קרעמל-„פּאַיאָק". אָט האָט נאַסטיאַ דערציילט, אַז די ריקס, די קאָמוניסטן פון פערצנטן נומער, פרעסן יעדן טאָג קאַוויאַר. און וואוהין טראָגט דיך דער רוח? מ'האָט שוין געענדיקט די מלחמה. זיץ דאָ!

— אַגלאַיאַ, כ'וועל דיך איינאָרדנען, וועסט אויך באַקומען אַ „פּאַיאָק".

— אויף כּפּרות דאַרף איך אים, דיין „פּאַיאָק"! וואָס וועל

איך טון אָן דיר ? דו מיט איר איבער שאַנטאַנען, און איך דאָ — דעם פּאַיאָק, דאָס באָלשעוויסטישע נדבהלע, אַ פונטל שוואַרץ ברויט ! וואָס, נישט אַזוי ? טאָ רעד מיר נישט, אַנדרעי, וועגן גערעכטיקייט ! נישטאָ אין דעם קיין שום גערעכטיקייט. דער זונה אַלץ, איר — קיין פּאַריז, איר — צום האַרץ צוטוליען. און מיר וואָס ? דעם ווייב ? וואָס, סאַשענקאַן האָסטו אפשר געהאַט פון דער באָלשעוויטשקע ? אַ גנבטע איז זי ! מיין לעבן האָט זי צוגעגנבעט ! זאָל איר...

— אַגלאַיאַ, באַרואיק זיך ! כ'פאָר איינער אַליין. באַגרייף, אַז כ'מוז פאָרן. כ'קאָן דאָ נישט פאַרבלייבן.

— דו קאָנסט נישט, און איך קאָן ? קיין האָלץ איז נישטאָ, נעכטן האָב איך גענומען ביי נאַסטיאַן פיר שייטלעך, און אָפּגעגעבן איז נישטאָ מיט וואָס. גיב בעסער אַ קוק אויף מיינע פיס ! דעם פינפטן טאָג שוין ווי מען גיט נישט אַרויס קיין ברויט. דאָס מעל איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען. טיי טרינק איך נאָר אין יום-טובים. כ'האָב שוין קיין כוח נישט ! אַ פינגער האָב איך פאַרשטאָכן — אייטערט ער. גיין איז מיר שווער. צום קלאָזעט קאָן איך נישט דערגיין. האָבן אָפּגענאַרט, די אויסוואורפן, פאַר אַ פוכאָווע קישן האָט מען געגעבן דריי פונט מעל, און דאָס אויך צוגעלעגנס...

און מיטאַמאָל האָט זיך אַגלאַיאַס שטים געענדערט — זי איז געוואָרן שטיל, צאַרט. ס'איז געווען, דאַכט זיך, די שטים פון פוכקן מיידל, וואָס האָט אַמאָל געטאַנצט מאַזורקע.

— אַנדרעי, כ'רעד נישט צו דער זאַך... ס'איז דאָך צוליב דיר... ווי איך האָב געוואַרט אויף דיר... און די ווילסט אפילו אויף מיר קיין קוק נישט טון... כ'פאַרשטיי דאָך, סאַראַ צורה כ'האָב באַקומען... כ'האָב היינט אַ קוק געטון ביי נאַסטיאַן אין שפיגל, זענען מיר די פיס געליימט געוואָרן. דו באַגרייף נאָר איינס : כ'האָב דיך ליב ! זי, קאָן זיין, איז שענער, אַ יונגינקע, זי האָט דיר דעם קאָפּ פאַרדרייט, אָבער זי האָט קיין האַרץ נישט, אָנרחמנותדיק איז זי. וואַרף זי אַוועק ! בלייב דאָ ! כ'בין דאָך דיר אַ ווייב. דאָס איז פון גאָט, דאָס ווערסטו מיט קיין שום דערקרעט

נישט אויסשניידן. כ'וועל אַזוי זאָרגן פאַר דיר! כ'וועל אַריבערגיין צו אַ דאָקטאָר, כ'וועל זיך דערהאָלן, מיר וועלן גוט נעמען לעבן... אָט וועל איך זיך צוקעמען — פונדעסטוועגן נישט אַזאַ סטראַשידלע... נאָך סאַשענקאַן... קריכן אויס די האָר...

אַגלאַיאַ האָט זיך צעיאָמערט. אַנדרעי האָט זיך געוואָרפן איבערן צימער, ווי אַ משוגענער. דאָס איז געווען אַ פייניקונג, אַ פייניקונג מיט מיטלייד. דאָ האָט ער געקושט אַגלאַיאַס פאַרגרעבטע הענט, גרייט צו פאַרבלייבן דאָ אויף אייביק, פאַרראַטן זיין אַרבעט, פאַרגעסן אַלץ, אַבי צו טרייסטן דידאָזיקע פרעמדע אומגליקלעכע פרוי, וואָס האָט געוואוסט בלויז איין וואָרט, אָבער אַ וואָרט אַ שרעקלעכס, ווי אַ השבעה: „סאַשענקאַ", דאָ האָט ער זיך געוואָרפן צום פענסטער, פון וועלכן מ'האָט געזען מאָסקווע, אַ גרויסע, ווי די וועלט, אויך אַן אומגליקלעכע, די הערצאָאישע מאָסקווע פון יענע יאָרן. זי האָט, דאַכט זיך, אָפגעוואַרט אַנדרעיען פאַר נייע קאַמפן.

ס'האָט זיך געצויגן לאַנג — סיי אַגלאַיאַס טרערן, סיי אַנדרעיס וואַרפן זיך. ס'איז שוין פון לאַנג צוגעפאַלן דער בין־השמשות. זיי האָבן מער נישט געזען איינער דעם צווייטן. מאָסקווע איז פאַרשוואונדן געוואָרן. אויך די יאָרן זענען ווי פאַרשוואונדן געוואָרן. אַנדרעיען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט אין דאָזיקן צימער, אויפן טיש, שטייט אַ קליין טרומנעלע. ער וועט פאַרבלייבן! ער וועט זיך אומברענגען, אָבער ער קאָן נישט אַוועקגיין! דאָס מיטלייד האָט אים שוין געטויט. און מיט אַנטשלאָסנקייט, גובר זייענדיק נישט נאָר דאָס אומגליק, נאָר אויך דעם עקל, האָט ער הכנעהדיק אַ קוש געטון אַגלאַיאַס טרוקענע, איינגעפאַלענע באַק. אַ ציטער טוענדיק פון אומגעריכטקייט האָט אַגלאַיאַ מיט צאָרן אַ געשריי געטון:

— און וועמען נאָך האָסטו געקושט? זאָג מיר, ווי רופמען זי, דידאָזיקע זונה?

אַנדרעי איז אָפגעשפרונגען. ער איז געוואוינט געווען צו ענלעכע פראַגן. געוויינלעך פלעגן זיי אַרויסרופן ביי אים אַן עקלדיקע שטימונג. אָבער איצט איז פאַרגעקומען מיט אים עפּע.

אויסטערלישס: ער האָט פּשוט זיך אַליין געענטפערט אויף אַגלאַיאַס פראַגע — ווער זי איז? — יאָ, געוויס, זשאַננאַ! און דאָס ליבע געשטאַלט איז תּיכף אויפגעשוואומען פאַר אים. צווישן די חורבות פון אָרלוט, אונטערן פלייץ־רעגן — אַ ברוינער געוועלבטער שטערן, אַ קוים־געעפנט מויל, אַ לאַנגער, טרויעריקער קוש. ער האָט דערפילט אויף דער ברוסט, דאָרט, וואו דאָס האַרץ, אַ וואַרעמקייט, ריכטיק, ווי זשאַננאַס האַנט זאָל אים האָבן אָנגערירט. וואָס איז דאָס? אַך, יאָ, די וויזיט־קאַרטע, דער אַדרעס!...

האַרץ, מען דאַרף נישט מאַכן קיין אָנשטעל: אַ חוץ קאַמפן און דער וועלט עקזיסטירט דאָך נאָך „זיבעצן, גאַס טיבומערי!“

פאַרכליניענדיק זיך פון הוסט, האָט זגלאַיאַ נישט אויפגעהערט צו זידלען זיך. קוים אָפּגעוואַרעמט נאָך אַנדרעיס צערטלעכקייט, האָט זי איצט חי געוואָלט רייניקן זיך פון אַלע לאַנגיעריקע באַליידיקונגען. אַנדרעי אָבער האָט זי מער נישט געהערט. איר צאָרן האָט אים אפילו הנאה געטון. אָנשטאָט דעם נאָר־וואָסיקן מיטלייד איז אין אים איצט געווען בלויז פאַרפרעמדקייט. ער האָט זי נישט ליב. ער איז נישט שולדיק דערין. ער וועט מאַכן אַזוי, איר זאָל זיך לעבן לייכטער. למשל, אַ „פּאַיאָק“. ער איז גרייט צו טון פאַר איר אַלץ, אַלץ, אַ חוץ איינס. אמת, בלויז דאָסדאָזיקע איינע איז אַגלאַיאַן נויטיק. וואָס קאָן מען אָבער טון: ליבע איז נישט קיין „פּאַיאָק“, מען קאָן זי נישט פונאַנדערטיילן אויף באָנעס.

דער ביל פון אַ פייכטער טיר האָט אין אַ שעה אַרום באַשטעטיקט: אַנדרעי איז אַוועקגעגאַנגען, אַנדרעי האָט נישט פאַרשטאַנען איר ליבע, אַנדרעי איז אַנטלאָפן מיט דער צעשיידערין קיין פאַריז. אַגלאַיאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון אין ווינקל צו די איקאָנעס. קיין נס איז אָבער נישט געשען. ס׳קאָן זיין, אַז ערגעץ וואו האָבן זיך טאַקע אָנגעצונדן געהיימנישפולע נר־תּמידס, ס׳קאָן זיין, אַז איינער אַ טשעקיסט איז טאַקע געשטאָרבן פון אומדערקלערלעכע מכּות, אָבער אַ נס, אַן אמתער, גרויסער נס, יענער נס, וואָס איז נויטיק געווען אַגלאַיאַן, איז נישט געשען. גאָט האָט זי

אָפּגעגנאַרט, ווי די מאַמע האָט אָפּגענאַרט, געבווירנדיק זי אויף דער וועלט אַן אביונטע. ווי ס׳האָבן אָפּגענאַרט די מאַטיוון פון שאַקאָן און די קושן נאָך דער מאַזורקע. צגלאַיאַ האָט געוויינט. אַגלאַיאַ האָט זיך אונטערגעריסן פון הוסט. מיט דער שפּיציקער, ווי ביינער פון אַ פיש, האַנט, האָט אַגלאַיאַ אַלעמען געדראָט. זי וועט אַלעמען דערשטיקן: אי צנדרעיס געליבטע, אי מאָסקווע פון הינטערן פענסטער, אי גאָט, אויך גאָט, וועלכער קאָן העלפן, אָבער ער וויל נישט, אַלעמען! און דערנאָך, נישט אויסהאַלטנדיק, איז זי אומגעפאַלן אויף דער פּראָסטיקער פּאָדלאָגע, וואָס איז באַוואַקסן מיט אַש און ברוד.

איז דערדאָזיקער טראָפּן געווען דער לעצטער? און צי איז ער בכלל דאָ, דער לעצטער טראָפּן? אָבער דער מענטש לעבט, דאָס אומגליק וואַקסט, ס׳וואַקסט דער בעכער, און דאָס מיטלייד?... — און קיין מיטלייד איז נישטאָ.

11.

## וואו עס געפינען זיך טאַקע מלאכים

אָ, ווען אַגלאַיאַ וואָלט געזען דאָסדאָזיקע פּאַריז, וואָלט זי זיך, זיכער, אַ ביסל געטרייסט! אָנשטאָט אַ בלייער לופט איז דאָך דאָ געהאָנגען אַ שמוציקע וואַטע פון רויך, געדיכט דורכ־געזאַפּט מיט אייל און מענטשלעכע עקסקרעמענטן. ניין, דאָסדאָ־זיקע פּאַריז איז לגמרי נישט ענלעך געווען אויף אַ גן־עדן! אַגלאַיאַס שוועסטער האָט, מסתּמא, אפילו פאַר די אויגן נישט אָנגעזען אַזעלכע גאַסן. פאַרשטענדלעך: ווען מען קאָנען צונויף מען דידאָזיקע שטינקענדיקע הייזער, באַדעקטע מיט חשודע אויסדאַמפונגען? לאָזט צורו, צי דען איז דאָס פּאַריז?

אויב מען זאָל שטעלן אַזאַ פראַגע דעם צווייפלהאַפטן פאַר־שוין אין פאַרשמאָלצענעם פראַק, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו טעמען אַ ביסל פרישע לופט, דאָס הייסט רויך, אייל און השתנה, וועט דער פאַרשוין באַליידיקט אַרויסשטעלן די גליטשיקע ליפּ, מיטן ברוינעם, צו איר צוגעקלעפּטן קערטל פון היימיש־געמאַכטן פּאַפּיראָס, און ער וועט אַרויספּאָנפען: „יאָ, מיין הער, יאָ, דאָס איז פּאַריז. אפשר ווילט איר, אגב, אָנקניפּן געווויסע קאַנטשאַפטן?" פאַר ווינציק־צוגעלאָזענע מענטשן איז בעסער נישט אָפּצושטעלן אויף דער גאַס קיין פאַרשוינען.

אָט דאָס, הייסט עס, איז פּאַריז, און נעמלעך דער פופצנ־טער פּאָליציי־צירקל. אַגלאַיאַס שוועסטער וועט אַהער קיינמאָל

נישט דערפֿאָרן, ס'וועט איר אפילו נישט איינפֿאַלן. אַזאַ זאַך. אָבער דערדאָזיקער עלעגאַנטער אויסלענדער אין מאָדערנעם קאָסטיומל מיטן ביוסט פֿון קיפּרידאַ, ווי אַזוי איז ער געקומען אַהער? אפשר איז דאָס אַ ליבהאָבער פֿון אַוואַנטורעס אָדער אַן אונטערנעמערישער טוריסט? אין דער סביבה איז דאָך דאָ נישט ווייניק קוריאָזן. אויף דער גאַס מאָריל־אַן, למשל, געפֿינען זיך די אויסגעצייכנטע שעכט־הייזער, און אַרום זיי העכער הונדערט קרעמעלעך, וואָס האַנדלען מיט ווײַן אויף גלעזער. אַהין גייען אַרײַן די פֿליישיקע פֿי־הענדלער, אין פֿאַרטוכער, באַגאָסענע מיט אָקסן־בלוט, זיי פֿאַרכליניען זיך מיט בלוטיק־רויטן ווײַן און רויט ווערנדיק שטעלן זיי אין שאָטן מיט דער פֿאַרב פֿון די באַקן זייערע פֿאַרטוכער. אויב מען זאָל זיך פֿאַרנעמען לינקס, איז נישט ווײַט אויך צום בית־הקברות. און מאַקע ווידעראַמאָל שענקלעך. די קבֿרנים אָדער, ווי מען רופֿט זיי דאָ, „מתים־גריזשערס", גריזשען פֿרײדלעך כינעזישע ניסלעך, שמעקן מיענטע־טאַבאַק, און אָננישטנדיק זיך צו זעט, טרינקען זיי לחיים מיט די ליידיקע פֿלעשער: קיין פֿרייַנט זענען נישטאָ, שוין אַ פּראָפּעסיע אַזאַ. אין אַנדערע שענקלעך, אין יענע, וואָס זענען אַ ביסל אָנשטענדיקער, פּראַוועט מען אבֿלים־סעודות, אויסגיסנדיק ווײַסן ליטער־ווײַן און צובײַסנדיק מיט קעז, וואָס שמעקט גאָרנישט ערגער פֿון זעלנערישע פֿיס. דאָס ווערט אויך באַגלייט מיט שנייצן די נאָז פֿון דער שפֿע פֿאַרשידענע געפֿילן און מיט אַראָפּבלאָזן פֿלייסיק דעם בית־הקבֿרות־שטויב פֿון די אויף כראָקאַט־גענומענע צילינדערס.

אויפֿן פּאַסטער־בולוואַר קומען זיך צונויף פֿינף אַ זייגער פֿאַרטאָג די מיסטקלויבערינס. אַמאָל, נישט קאָנענדיק אײַנטיילן זיך מיט אַ צעבראָכענעם טעלער אָדער סתּם מיט אַ נבֿלה, רײַסן זיי איינע די אַנדערע פֿאַר די שוואַרציקע האָר, פֿולע מיט גנידעס, דערנאָך לויפֿן זיי ווידער פֿינאַנדערצורוימען די מיסט פּעסלעך. אויף דער גאַס פֿאַלגיער, נומער אַכט־און־דרײַסיק, געפֿינט זיך אַ פֿריילעך הײַזל מיט שײנינקע יינגלעך. פּונקט קעגנאיבער — די פּאָליציי־וואַך. דאָ קומט פֿאָר דורך די נעכט אַן אַנדערע

עבודה, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען „טאַבאַק". וואָנסעוואַטע יונגען, אין עלעגאַנטע קעפּיס, כאַפּן אַ קאָמוניסט אָדער סתּם אַ זשוליק, שניידן אים מיט אַן אייזערנעם שטעקן דורך אַ נאַס האַנטוך. דידאָזיקע דערפינדונג איז געניאַל, און זי איז, מסתּמא, פּאַטענטירט: אין סך־הכּל בלייבן נישט קיין שום שפּורן פון באַשעדיקונגען, און דער טויט קומט צוליב נישט־אויפגעקלערטע סיבות.

דאָ זענען אויך דאָ נישט־ווינציק פּראָצענטניקעס, אַלט־וואַרג־הענדלער, וואָס אין זייער שוי־פענסטער קאָן מען באַמערקן נעבן דעם פּאָרטרעט פון דער אימפּעראַטאָרין אויגעניאַ אַן אַלטן קליסטיר; וועטערינאַרן, ראַיאַל־אַנשטעלער, פּראָסטיטוטקעס, יעגערס אויף קאָטערס, צוליבן פלייש, וואָס גיט, ווי באַקאַנט, אַן אויסגעצייכנטן ראַגו פון קראָליק־פלייש, און צוליב דער פעל, וואָס העלפט אַלטע באָביצעס ביים געלענקען־רעמאַטעס; נישט קיין דיפּלאָמירטע פּראָוויזאָרן, וועלכע היילן טריפּער־אַפּאַשן, פליי. דאָס אַלץ קריכט אַרויס אויף די גאַסן, דערליידיקט דאָ די געשעפטן, שלינגט קאַרטאָפל, וואָס קאָכט זיך אויף די אויוועלעך, טרינקט פּאַסקודנעם וויין, גלעט צעקנייטשטע פאַרפּעצטע פּראַנקען, זינגט סענטימענטאַלע — ביז טרערן — ראָמאַנסן, בקיצור — לעבט פאַרשידנאַרטיק און מונטער. אַזוי זעט אויס פּאַריז, דאָס הייסט, יענע טייל פּאַריז, וועלכע קוקס פּירערס ווייזן נישט, זיכער, די קאָרעקטע מיסיס און מיס.

אָט איבערן דאָזיקן פּאַריז איז אין אַ נעפּלדיקן נאָוועמבער־פרימאָרגן געגאַנגען אַן אויסגעפּראַנטעוועטער אויסלענדער, געגאַנגען דרייסט, אָן מורא צו פאַרבלאָנדזשען, אָדער אַרויפצוטרעטן מיט דעם פוס אויף עפּעס גאָר־גאָר נישט קיין גוטס. וואוהין־זשע איז ער געגאַנגען? ער האָט זיך נישט פאַרנומען לינקס: הייסט עס, אַז ער קלויבט זיך נישט צו באַשטעלן פאַר זיין פאַרשטאָרבענער מוטער אַ מצבה. ער האָט אויך נישט געלייגט קיין אַכט אויף די שעכט־הייזער. אַרויסקומענדיק אויף אַ קליינינקער גאַס האָט ער גענומען איינקוקן זיך אין נעפּל, אויסזוכנדיק אויף די טויערן שוואַרצע, צעפּוילטע און שטינקענדיקע, ווי די מיילער

און צאַלטיטשקע, — די פּלעטלעך מיט דער נומעראַציע. דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז דעם אויסלענדער האָט געבראַכט אַהער נישט קיין פּוסטע נייגיריקייט. נישטאָ אין דעם קיין שום דערשטוינלעכס: אין אַזעלכע הייזער געפינען זיך דאָך גאַנץ סאָלידע פירמעס, וואָס זענען צוגעבונדן צו די אַלטע ערטער דורך טראַדיציעס און פאַראַכטן די מאָדערנע בולוואַרן. אָט וועט ער באַלד בלייבן שטיין לעבן הויז נומער אַכט און וועט אַריינגיין צום פאָרשטייער פון דער .פאַבריק פון דיזשאָנער זענעפט! קאָן דאָך זיין ער זאָל דאַרפן אַ פאַרטיע זענעפט! אָבער ניין, ער גייט פאַרביי. אויב אַזוי איז נומער צען, אַ קאַנטאָר פאַרן איבערפאַרקויף פון אויבסט-גערטנער? אַפּריקאָסן זענען זייער זאַפטיקע און געשמאַקע פרוכטן, זיי ברענגען ריווח. ניין, דער אויסלענדער איז אַנטשלאָסן אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט.

מאַכנדיק נאָך עטלעכע טריט איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ גרויס טויער און ער איז מוטיק אַריין אינעווייניק, אָבער אין פינסטערן הויף, וואוהין ער איז אַריינגעפאַלן, האָט אים צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט זיין מונטערע שטימונג. נישט-ווילנדיק האָט ער צוגעטראָגן אַ נייאיקע זאַמש-הענטשקע צו דער באַליידיקטער נאָז. צוליב דער פינסטערניש איז פאַר אים געבליבן נישט אויפגעקלערט די פראַגע, וואָס אַזוינס איז פאַקטיש פאָרגעקומען אין דאָזיקן הויז: אַ רעמאָנט פון געוויסע רערן אָדער די פּראָדוקציע פון אַלוועלטלעך-באַרימטן קאַמעאַבער*). פאַריאושט, האָט ער זיך אַ שטויס געטון אין עפעס אַ טיר. אויפן בריקעלע איז געזעסן אַן צאַלטע; מיט אַ פינגער, אַ שאַרפן און לאַנגן, ווי אַ שפּילקע, האָט זי אויסגעמאַכט אַן אָקון. אויסגליטשנדיק זיך אויף די פישינע געדערים, האָט זיך דער אויסלענדער אַ וואַקל געטון, פונדעסטוועגן איז ער נישט אומגעפאַלן און נישט אַוועקגעגאַנגען צוריק. פעסט אַנטשלאָסן גובר צו זיין אַלע שטערונגען, האָט ער זיך גענומען אויפהויבן איבער שמאָלע געדרייטע שטיגן און ענדלעך דערגרייכט דעם ציל.

---

*) אַזאַ מין שאַרף-ריחדיקער קעז. — איבערז.

געעפנט די טיר האָט אים אַ העסלעכער מענטש מיט אַן איינגעפאַלענער נאָז, וואָס אונטער אירע חורבות האָבן פרידלעך געבליט געלינקע וואָנסעלעך.

— צי קאָן איך זען דעם הער נעי? — האָט דער אויסלענדער געפרעגט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט, נישט באַמערקנדיק נישט די אַלגעמיינע העסלעכקייט פון מענטש, נישט די דעפעקטן פון זיין פנים.

די איינגעפאַלענע נאָז האָט גענומען פירן דעם אויסלענדער איבער קאָנורקעס, וועלכע מען האָט קוים געקאָנט אָנרופן מיטן נאָמען — צימערן. זיי האָבן אַלע געהאַט אַן אומרעגלמעסיקע פאָרם, דאָ דרייווינקלדיקע, אָן פענסטער און טירן, דאָ ענלעכע אויף קברים. ברעטער־אָפּצוימונגען, פאַרקלעפטע מיט קאַלענדאַרן פאַר אַ סך יאָרצענדליקער און מיט בילדלעך פון זיך־באָדנדיקע יפהפיות, זענען געווען אויף אַזעלכע ערטער, וואו זיי האָבן גאָרנישט באַדאַרפט צו זיין. זיי פלעגן אויסוואַקסן גלייך אונטער דער נאָז און האָבן געמאַכט פון דער דירה אַ שרעקלעכן לאַבירינט, דער נאַסער אָפּגעשאָבענער פולאַפ האָט זיך ווי געגרייט אַראָפּצופאַלן אויף די קעפּ, און דער אויסלענדער, וואָס האָט מיט רעכט שטאָלצירט מיט זיין וואוקס, האָט זיך יעדע ווײַלע געמוזט הכנעהדיק איינבויגן. בלויז די טראַסקעריי פון אַ שרייב־מאַשין און אַ מאַסע בלויע פּאַפּקעס האָבן דערמאַנט וועגן דעם, אַז דאָ געפינט זיך, ווי־נישט־ווי, אַ קאַנטאָר. אין לאַבירינט האָבן זיך געדרייט פאַרשידענע מענטשן; אַ דאַמעלע אין פליושענעם מאַנטאָ, געפודערטע האַלבדערוואַקסענע בחורימלעך אין קאַשקעטלעך, וואָס האָבן זיך געשמאַק געשפיגן, אַ קאָרעקטער ראַנטיער, זיכער אַן ערן־לעגיאָנער, אַ פאַרשוין מיט אַ פאַרברעכעריש אויסזען אין דער באַגלייטונג פון אַ שאַרף־קוויטשענדיקער לעוורעטקע. ווער איז דאָ באַלעבאָס, און ווער די געסט, איז געווען שווער צו דערגיין. דער אויסלענדער האָט זיך דאָס גאָרנישט באַמיט צו טון. ער איז פאָלגעוודיק נאָכגעגאַנגען דער איינגעפאַלענער נאָז און בלויז אויף איין מינוט איז

ער שטיין געבליבן פאַר אַ שטיקל פון אַ שפיגל, כדי צורעכטצו מאַכן זיין אַזוי אויך פרעכטיקן שרונט.

לסוף האָט זיך געעפנט די לעצטע טיר און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צימערל מיט אַ שמאָל געקראַטעוועט פענסטערל. איר נשמה איז, אָן ספק, געווען אַ ריזיקע קאַסע. לעבן דער קאַסע איז געזעסן אַ באַלייבטער מאַנסביל פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ געדיכט-רויט פּרצוף, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין קליינע פרטים, ווי: אַ נאָז אָדער אויגן. דאָס איז טאַקע געווען דער דירעקטאָר פון דער חשובער קאַנטאָר הער ריימאָנד נעי. דער אויסלענדער האָט זיך זייער העפלעך באַגריסט, אָבער אָנשטאָט אַן ענטפער-באַגריסונג איז געשען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, נעמלעך — נישט געקוקט אויף זיין קאָמפּלעקציע איז דער דירעקטאָר אויפגעשפרונגען פון אָרט און גענומען פּאַטשן מיט די דלאָניעס.

— אַ גוט מאָרגן, הער נעי! — האָט איבערגעחזרט דער ביז-גאָר פאַרוואונדערטער אויסלענדער.

אָבער דעם הער נעי איז ער נישט געלעגן אין זינען.

— גאַסטאָן! האַלט זי! טויט זי!

די איינגעפאַלענע נאָז האָט פלינק איבערגעחזרט דעם מאַנעווער פון זיין באַלעבאָס. ערשט דאַן האָט דער באַרואיקטער דירעקטאָר געבעטן דעם גאַסט זיצן.

— זי האָט מיך באַרויבט, דידאָזיקע פאַרשאָלטענע מאָלי! אַ וואָרעמער וועסט און דער טאָכטערס ווינטערדיקע דעקע! אַנטשולדיקט, מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו רעדן?

— אייך וועט זיין אַ ביסל שווערלעך אַרויסצורעדן מיין נאָמען. דער דירעקטאָר פון דער פראַנקאָ-רוסישער עקספּאָרטגעזעלשאַפט כאַליביעוו.

ווען אַריסטאַרך, דער קאַרגער באַדינער פון די פעאָדאָסער בומערן „קרים“, וואָלט געקאָנט בייזיין דידאָזיקע סצענע, וואָלט ער, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער איינגעוואָרצלטקייט פון זיינע חסרונות, זיכער באַקומען אַ חרטה-געפיל! דאָס האָט ער דאָך נישט געוואָלט געטרויען כאַליביעוון אויף באָרג

נישטיק פלעשל בראָנפֿן. און דאָ, נישט עפּעס אין אַ פּעאַדאָסיע, 
אין פּאַריז גופא, דאָ האָט מען כאַליביעוון אָפּגעגעבן אַזאַ כבוד! 
דער קנייטש פֿון די הויזן — אפֿילו ער האָט געקאָנט באַשטע־
טיקן, אַז כאַליביעוו דאַרף זיך שוין איצט נישט וואַלגערן אַ 
גאַנצן טאָג אויף אַ פֿאַרסמאָלעטער קאַנאַפּע, אַז ער האָט ענד־
לעך גענומען גיין באַרג־אַרויף.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פֿון יענעם אָוונט, ווען ער האָט 
אַריינגעגאָסן אין זיך אַכט קעלישקעס און דערשפּירנדיק, אַז 
ס׳רוט אויף אים די באַגייסטערונג, האָט ער פֿאַרפּאַסט דאָס באַ־
קאַנטע פּאַפּירל. נאָך אַלפֿרעד נעיס „גלעקעלעך" איז געקומען 
אַ פּאָסטן, דער קאַסטן מיטן פֿאַרמעגן פֿון דער ליי־קאַסע איז ביי 
דער עוואַקואַציע אָן אַ־בעריקער מי פֿאַרוואַדלט געוואָרן אין פֿער־
זענלעכן באַגאַזש פֿון הער כאַליביעוו; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל לאָ־
טאָ־שפּיל און פֿיר גרויסע געווינסן; דאָרט טאַקע אַ מאַטניאַ אין 
קאַנאַדער דאָלאַרן פֿון איינעם אַ געמלטן און, במילא, איבערגע־
שראָקענעם סוחר, ווען כאַליביעוו האָט געדראָט צו מסרן, אַז 
ער איז דער שעף פֿון פּאָטשעפּער טשעקאַ; אין וועג אַ קאַנט־
שאַפּט מיט אַן אַלטער מיס, אַ נאַכט אין קאַיוטע און אַ סוווערניר 
אין דער פֿאָרם פֿון אַ שמאַראַגדענעם האַלז־באַנד; לסוף, אין פּאַ־
ריז — כבוד, געפּילטע הומערן ביי וואַטעלן, אַ בחורישע דירה 
און, דער עיקר, פּלענער, די דרייסטסטע פּלענער.

אויב פֿון די קאַנאַדער דאָלאַרן, שמאַראַגדן און דעם אי־
בעריקן איז געבליבן נישט קיין סך, זענען אָבער דערפֿאַר נישט 
אויסגערונען די האָפֿנונגען. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ „פֿראַנ־
קאָ־רוסישע עקספּאָרט־געזעלשאַפֿט". די ווענדקע האָט אָנגעביסן 
איינער ליורע, אַ פֿאַבריקאַנט פֿון פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. כאַליביעוו 
האָט אָפֿיציעל אונטערגעהאַלטן מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן 
קויפֿן אַ גרויסע פּאַרטיע לייכט־אונטערגענעצט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, 
דער פּרייז — פֿראַנקאָ אָדעסאַ, צושטעלן — אין אַ חדש אַרום 
נאָכן אַראָפּוואַרפֿן די באָלשעוויקעס. דאָס איז אָבער נאָר כדי 
צו פֿאַרשטעלן די אויגן, אין דער אמתן האָט סיי כאַליביעוון, 
סיי ליורען גופא אינטערעסירט פֿיל מער ווי דאָס פּאַפּיר דער

גורל פון פאַבריקאַנטס טאָכטער. דאָס געשעפט האָט זיך שוין כמעט געפונען אויף אַ דרך, אָבער פלוצלינג זענען צו כאַליביעוון דערגאַנגען קלאַנגען, אַז ליורען וועט מען היינט־מאָרגן אָפּשרייבן, אַז אויפן לאַגער ביי זיך האָט ער גאָרנישט, אַ חוץ דאָסדאָזיקע אונטערגענעצטע פּאַפּיר, און אויב מען וועט געבן דער טאָכטער דריי אַלטע קאָמבינאַציעס, וועט נאָך אויך זיין גוט. כאַליביעוו האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, אָנשטאָט דעם געווינלעכן וויזיט צום אָנגענעמען מיידל איז ער אַוועק אויף דער גאַס טיבומערי צו קאָנטראָלירן די קרעדיט־פעיקייט פונם טאַטעשי. מען האָט אים רעקאָמענדירט נעיס קאַנטאָר, אַלס די בעסטע אין פרט פון גאַראַנטירן דעם סוד. חוצדעם, דער נאָמען נעי, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט די ענדערונגען אין זיין גורל, האָט אָנגענעם געקיצלט כאַליביעווס אויער. אָט צוליב וואָסער ערנסטן ענין ער איז אַראָפּגעקומען אַהער. ס'איז קלאָר, אַז קיין שום ריחות האָבן אים נישט געקאָנט אָפּשטעלן.

— הער נעי, כ'האָב צו אייך זייער אַ דעליקאַטן ענין...

— באַשיידנקייט און טאַקט, הער כאַליביעוו, זענען אונזער פּראָפעסיאָנעלער חוב. אין דעם פרט קאָנט איר זיין פולשטענדיק רואיק.

— זעט איר, כ'וואָלט וועלן, איר זאָלט קלאָר מאַכן דעם צושטאַנד פון די פינאַנסן פון אַ געוויסן ליורע — אַ פאַבריקאַנט פון פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, גאַס ליאַסעפּעד, ניין. ער האָט אַ טאָכטער, און מיין שיפל שווימט ביז איצט איינזאַם אין שטורמישן לעבנסים. חוצדעם בין איך אַן עמיגראַנט. כ'בין געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן מיין היימלאַנד, וואָס איז פאַרכאַפּט פון באַנדיטן.

אַ בורטשע־טוענדיק מיט מיטגעפיל האָט הער נעי אַ גלעט געטון מיט דער פעטער לאַפּע דאָס ווענטל פון דער קאַסע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

— דאָס גרעסטע אומגליק! אָבער דאָ קאָנט איר זיין רואיק. דאָ איז דאָס אוממעגלעך. איר הערט, וואָס כ'זאָג: דאָ איז דאָס אַבסאָלוט אוממעגלעך. אונזער פּאָליציי איז עפּעס ווערט.

— אַזוי אַרום האָב איך פאַרלוירן מיין היימלאַנד. די באַנ־

דיטן האָבן אָפּגענומען מײנע שטאָם־גיטער אין אָרלאָווער גובערניע. כ'בין, צום באַדויערן, געצוואונגען צו וואַרטן אויף אַ געזעצלעכער רעגירונג. צום גליק איז מיר געלונגען, אַ דאַנק דער פּרײַנטלעכקייט פון דער פראַנצויזישער מאַכט, אַרויסצופירן געוויסע ווערטזאַכן. אגב, האָט איר אַמאָל נישט געהאַט קיין קרובים אין רוסלאַנד, הער נעי?

דערהערט דאָס וואָרט „ווערט־זאַכן", האָט הער נעי נישט אויסגעהאַלטן און זיס אַ שמייכל געטון. ער האָט אָבער גלייך דערמאָנט, אַז ס'רעדט זיך דאָ וועגן עפּעס טרויעריקס, און זיין קויקאַרטיק געזיכט האָט זיך באַמיט דורך אַן איבערגרופירונג פונם פּעטס אויסצודריקן אַ נאַסיקן טרויער.

— אַ ברודער, אָרימער אַלפרעד, זיי האָבן אים געטויט, די ווילדע!

— כ'האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען אײַער פאַרשטאָרבענעם ברודער, דאָס איז געווען אַ מענטש פון זעלטענער איידלקייט. כ'בין געווען באַפרײַנדעט מיט אים. מיר זענען געווען גרויסע פריינט. מיר האָבן געמיינזאַם אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו ראַטעווען מיין אומגליקלעך היימלאַנד. ער איז אומגעקומען אויף זיין פּאָסטן. אַ סך זענען אומגעקומען, הער נעי. אָבער די, וואָס זענען געבליבן גאַנץ, דאַרפן לעבן. אַזוי איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור. נישט אמת, הער נעי? נו, אויב איר וועט דערלויבן, קער איך זיך אום צום ענין. ס'זענען מיר געבליבן געוויסע אָפּשפּאָרונגען אין דער פאָרם פון זייער ריווחדיקע אַקציעס פון די אַזערביידזשאַנער נאַפט־פעלדער. די עקספּלואַטאַציע קומט פאָר אונטערן שוץ פון די ענגלענדער. אַ געהעכערטע פּראָדוקטיווקייט. און די דיווידענדן... איר ווייסט דאָך נישט, וואָס אַזוינס ס'איז אַזערביידזשאַן!

און דער פאַרשיכורטער כאַליביעוו האָט נישט ערגער פאַר שעכעראַזאַדאַן גענומען דערציילן דעם אַלץ מער און מער פון אויפרעגונג רויט־ווערנדיקן הער נעי וועגן אַלע וואונדער פון לעגענדאַרן מזרח. אַ וואונדערלעך לאַנד אַזערביידזשאַן, יאָ, דאָס איז נישט דער פופצנטער צירקל פון פּאַריז! פון אונטער דער

ערד ממש שלאָגט אין אים גאָלד! דער הער נעי האָט זיך אַ ביסל געוואונדערט, פאַרוואָס כאַליביעוו רעכנט אויס אַלע הכנסות אין קאַנאַדער דאָלאַרן. אָבער כאַליביעוו האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אפילו אויסגעדריקט זיין אויפגעבראַכטקייט: וואָס הייסט? הער נעי ווייסט דאָס נישט? ער איז אַ געשעפטס-מאַן און ווייסט נישט, אַז דער אַזערבייִדזשאַנער נאַפט גייט טאַקע קיין קאַנאַדע? כאַליביעוו האָט גערעדט באַגייסטערט. די בילדער, מאָמענטאַל געבוירן אין זיין קאָפ, האָבן שרייעריש פאַרפולט דעם גאַנצן קאַבינעט. בנאמנות, דערדאָזיקער מענטש וואָלט געקאָנט זיין אַ דיכטער און דערפירן אין אַ וואָסער ס'איז מאָסקווער קאַפע די אָקסן-אויגיקע נאַרינטעס ביז עקסטאַטישן אָנמאַכט. ווי ער האָט דאָס גערעדט! מיט יעדן וואָרט, מיט יעדער ציפער, האָט ער איינגעוויגט דעמדאָזיקן האַרטן, גיריקן מענטש, וואָס האָט קיינמאָל ביז איצט נישט איבערגעלעבט דעם כישוף פון דער קונסט. ער האָט פאַרגעסן וועגן דעם ערשטן ציל פון זיין וויזיט. דער פאַבריקאַנט פונם אונטערגענעצטן פאַפיר האָט אים מער נישט אינטערעסירט. נישטאָ קיין רויך אָן אַ פייער: אין ליוורעס טיר קלאַפט שוין אָן דער עקזעקוטאָר. און דאָ — סאַראַ רחבות! ווי ריירנדיק ס'איז דערדאָזיקער שוטה, וועלכער הערט, מיט אויפגעשטעלטע חזירישע אויערלעך, די מעשהלעך וועגן נאַפט! מיט איין ברודער האָט אָפגעגליקט, פאַרוואָס-זשע זאָל נישט אָפגליקן מיטן צווייטן? אין דער פאַרשיווער קאַנטאָר, הינטער אַלע חשודיקע ריחות, האָט כאַליביעוו דערשפירט דעם אָנגענעמען ריח פון געלט. דאָס געשעפט איז גרויס, דאָס קאַפיטאַלכל איז צייטיק געוואָרן, ווי אַ זאַפטיקע באַרנע, און וואַרט בלויז מען זאָל עס אַראָפרייסן. טאָ אייל זיך צו, כאַליביעוו! פאָלוקסעס שאָטן פון טשערקאַסקן געסל גיט דיר אַ ברכה.

הערנדיק כאַליביעוון האָט אָבער הער נעי נישט נאָר אָנגעשטעלט די אויערן, נאָר אויך אַן אַרבעט געטאָן מיטן מאַרק. אויך ער האָט געהאַט פלענער! דער רייכער אויסלענדער וויל חתונה האָבן. אַ רייכער — דאָס איז אָנגענעם. אַן אויסלענדער — הייסט עס, אַ פרייער, און אַן עכטן פראַנצויז איז גאַנץ

לייכט אים צו פירן פאַר דער נאָז. קאַנאַדער דאָלאַרן זענען אַ ביסל ערגער פאַר די געווינלעכע, — עלף פאַר אַ דאָלאַר. ס'איז אָבער פאָרט געלט, און גרויסע געלטער! הער נעי האָט ווידער אַ גלעט געטון זיין קאַסע.

ער האָט ליב געהאַט געלט, ליב געהאַט מיט איבערגעבנקייט, צאַרט, מען קאָן זאָגן, אומאייגננוציק. דאָס איז געווען אַ מיסטיש געפיל פון אַ פאַרקאָכטן קאָלעקציאָנער. פאַר זיין ליבע האָט ער מקריב געווען אַלץ. ליידנדיק פון קעלט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט געקויפט קיין נייע וועסט, אָנשטאָט דער אויפגעפרעסענער דורך דער מערדערלעכער מאָל. אַ וועכט האָט געקאָסט ניינציק פראַנק. הער נעיס קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן אַנדערטהאַלבן מיליאָן. אָבער צי דען רעכנט זיך די ליבע מיט די אַרגומענטן פון פאַרשטאַנד? דעריבער, ווען מען פלעגט אין געפלדיקע טעג מוזן באַלויכטן די קאַנטאָר מיט צוויי גאַז־לעמפּעלען, איז הער נעי געשטאַנען ביים ציילער און געקרעכצט:

— בהמות! ווי געפעלט אייך, זיי האָבן שוואַכע אויגן!

דעריבער פלעגט מען די אַלטע פעדערס נישט אַרויסוואַרפן, נאָר צונויפקלויבן אין אַ ספּעציעל שעכטעלע, און מען פלעגט זיי אָפּפרישן לויט אַ רעצעפּט, וועלכן הער נעי האָט אויסגעלייענט אין אַ פּרייס־קאַלענדאַר. דעריבער האָט הער נעיס טאָכטער אויפגעהערט צו שפּילן פידל. צוויי יאָר האָט זי געלערנט אָן געלט עפּעס אַ משונהדיקער פאַרשוין פון דער אונטערשטער דירה. דערדאָזיקער פאַרשוין איז אָפּגעפאָרן קיין אַלזשיר. געוויס, הער נעי האָט ליב געהאַט זיין טאָכטער, אָבער פונוואַנעט האָט ער געזאָלט האָבן מיטלען, כדי צו דערפילן אַלע אירע קאַפּריזן?

דאָס איינציקע, וואָס הער נעי האָט אָנערקענט, אַ חוץ געלט, איז געווען — עסן. אָבער נישט דאָס רעסטאָראַן־עסן, דאָס רויבערישע, מיט די סאָוסן, פאַר וועלכע מען שינדט די הויט און מיט וועלכע מען קאָן זיך סיי־ווי נישט אָנזעטיקן, — ניין, דאָס היימישע, פאַרשטאַנדיקע און ממשותדיקע. מער פאַר אַלץ האָט ער ליב געהאַט צוויי געריכטן: אויסטערן אַ לאַ בורגונד און געשמאָלצענעם שפּעק, מיט אַן איינציינדלדיקן צעבראָכענעם

גאָפּל פלעגט ער אַרויסשלעפּן אַ שנעקע און אויב זי פלעגט זיין פעט, פלעגט ער פון תענוג צומאַכן די אויגעלעך. שפּעק פלעגט ער עסן אָן ברויט, אַ טעלער אויף אַ מאָל. ס׳פלעגט זיך אים צמאָל גלוסטן נעמען נאָך אַ טעלער, אָבער, דערמאָנענדיק זיך וועגן יקרות, פלעגט ער שנעל אונטערדריקן זיינע תאוות.

דער קאַפּיטאַל איז געוואַקסן, פּאַמעלעך, אָבער כסדר. דאָס הייסט ניִשט, נאַטירלעך, אַז ער דאַרף תמיד וואַקסן פּאַמעלעך. ווען עס זאָל זיך געפינען אַ פּאַסיקער שותף, וואָלט ער זיך תיכף געקאָנט פאַרטאָפּלען, אפילו פאַרדרייפאַכן. הער נעי האָט זיך געהאַט זייער פּלענער. ניין, הערנדיק כאַליביעוון האָט ער ניִשט נאָר אָנגעשטעלט די אויערן !...

— ס׳פרייט מיך זייער צו באַקענען זיך מיט אייך, הער כאַליביעוו. מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט אייער ענין. כ׳האָב מורא צו זאָגן פאָראויס, אָבער... אָבער.. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, די פייגל אויף די דעכער וויסן שוין. כ׳האָב עפּעס געהערט וועגן דאָזיקן ליורע. איר זאָגט, אַ פּאַרטיע אונטערגעגעצט פּאַפּיר ? יאָ, יאָ ! מיר איז זייער ניִשט אָנגענעם צו פאַרשאַפן אייך עגמת־נפש, טייערער הער כאַליביעוו, אָבער דער אמת איז קודם־כל. איר זענט דאָך געקומען אַהער נאָכן אמת. אַך, אין פּאַריז נאַרט מען אַזוי אָפט שענדלעך אָפּ גרויסמוטיקע אויסלענדער ! כ׳האָב מורא... כ׳האָב מורא... כ׳האָב מורא, אַז ביים דאָזיקן פאַבריקאַנט איז די רעפּוטאַציע, כאַ־כאַ, אויך אַ שטאַרק אונטערגעגעצטע, ווי זיין פּאַפּיר. פאַרשטייט זיך, מיר וועלן אַלץ גענוי אויפקלערן. מיין קאַנטאָר — נעמט עס ניִשט אָן פאַר אַ באַרימעריי, — איז די ערשטע אין פּאַריז. בלויז די אָפּטיילונג פון פראָטאָקאָלירן מאָטיוון פאַר אַ גט ברענגט איין ביז צוויי מאָל הונדערט טויזנט אַ יאָר. מיר האַנדלען ערלעך. אַנדערע קאַנטאָרן נעמען תיכף אַוואַנסן סיי ביים מאַן, סיי ביי דער פרוי, און דערנאָך פירן זיי אַרום ביידע פאַר די נעזער. מיר אָבער, אָדער מיר באַהאַלטן אויס, כאַ־כאַ, דאָס זינדעלע, אָדער מיר שטעמפּלען עס, ווי ס׳געהער צו זיין, מיט עדות. אָ, פּאַריז קען אונז גאַנץ גוט ! איר האָט געזען גאַסטאָנען — יענער, וואָס

האָט אײך געפירט צו מיר ? דאָס איז נישט קײן אַגענט -- דאָס איז לעבעדיק געלד, דאָס איז ענלעך צו אײער נאַפט. ער איז װי אַרויסגעגאַנגען פון אונטער דער ערד, כדי מיך רײך צו מאַכן.

איצט איז געקומען די רײע פון הער נעי צו פאַרנעמען זײן גאַסט מיט מעשהלעך. כאַליביעװ אָבער איז נישט צעקראָכן געװאָרן, אָנגעשפּיצט, װי אַ שאָך-שפּילער, האָט ער אָפּגעװאַרט דעם װײטערדיקן גאַנג פון קעגנער.

— גלויבט מיר, מיר װעלן טון אַלץ, װאָס מיר װעלן קאָנען. כ׳פאַרשטײ אײערע געפילן. אַ מענטש איז נויטיק אַ הײם. איך בין, צום אומגליק, שוין לאַנג אַן אַלמן. כ׳לעב מיט מײן טאָכטער און בלויז פאַר דער טאָכטער. יאָ, יאָ, כ׳פאַרשטײ אײך גאַנץ גוט ! אַן אײדעלן מענטש איז שװער חתונה צו האָבן, בפרט אין דער פרעמד.

— כ׳דאַנק אײך, הער נעי, כ׳בין אַזױ גערירט ! כ׳בין אַזױ צופרידן, װאָס כ׳האָב זיך געװענדט גראָד צו אײך ! אײער ברודער איז געװען מײן בעסטער פרײנט. װען נישט די מורא פאַרצוקומען צודרינגלעך, װאָלט איך אײך געבעטן װעגן גליק פאָרצושטעלן מיך אײער טאָכטער.

— הם, געװיס. אָבער זעט איר, די זאַך איז אַזױ... כ׳דאַרף אײך װאָרענען... מײן טאָכטער האָט אַ װאונדע־באַרן כאַראַקטער. דערבײ איז זי זײער שײן ! װאונדערט זיך נישט, כאַ-כאַ, זי איז נישט געראָטן אין מיר, נאָר אין דער מוטער. אָבער די אָרימע לײדט שטאַרק. זי האָט אַ געבוירענעם דעפעקט. אגב, ס׳קאָן זײן, אַז דאָס איז טאַקע די סיבה פון איר גוטסקײט. כ׳מײן, אַז מענטשן מיט אַזאַ פעלער זענען זײער באַקװעם פאַר די נאָענטע. דאָס לעבן איז אַזױ פינסטער, אַז ס׳איז באמת בעסער עס נישט צו זען. די אָרימע גאַבריעל, זי װעט זײן אַן אידעאַל װײב ! מען האָט זי געװאָלט אויסהײלן, דאָס װאָלט אָבער געקאָסט אַ ריזיקע סומע, און בײ מיר איז דער גאַנצער קאַפּיטאַל אין אומזאַך.

— אַנטשולדיקט, הער נעי, דערלויבט־זשע מיר צו פֿרעגן, אויף וואָס אייגנטלעך ליידט אייער טאָכטער?

— אָ, קיין שום בייז! זי... זי...

הער נעי האָט נישט באַוויזן צו דערפֿירן ביזן סוף זיין פֿיינלעכע דערקלערונג. ס'האָט זיך אויפֿגעעפֿנט אַ קליינע טיר, וואָס האָט געפֿירט פֿון קאַבינעט אין נעיס דירה, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ יונג מיידל אין אַ העסלעך ציצן קלייד.

מען דאַרף נישט מיינען, אַז מלאכים געפֿינען זיך בלויז אין הייליקע ערטער, אַז אין פּאַריז קאָן מען זיי געפֿינען בלויז ווייט פֿון דער גאַס טיבומערי, אין דער געגנט פֿון סאַן־סיולפּיס, אין די שויפֿענסטער פֿון קירכע־כּלים, וואו זיי דערלאַנגען, שמייכלענדיקע, האָסטיע־האַלטער, וואו זיי עפֿענען־אויף די בריוו פֿון די אַפּאָסטאָלן, וואו זיי פֿאַלן צערעמאָניעל כּורעים פֿאַר דער הייליקער מאַריאַ אָדער היטן אָפּ דעם זיכערן שלאָף פֿון די ברייטהאַרציקע נדבנים פֿאַר די קאַטוילישע סעמינאַרן. ניין, אין יענע שויפֿענסטערס זענען די מלאכים געמאַכט פֿון גיפּס און באַגילדט מיט אַ בראָנז־פּראָשעק. דאָ אָבער, אין דער שטינקענדיקער קאַנטאָר, אין דעם פֿאַרשאָלטנסטן אָרט פֿון פּופּצנטן פּאָליציי־צירקל, ווייט פֿון דער קירכע סאַן־סיולפּיס און פֿון די איבעריקע הייליקע ערטער, האָט זיך באַוויזן אַ לעבעדיקער, אַטעמענדיקער, שמייכלענדיקער מלאך.

דערזעענדיק דאָס פּנים פֿונם מיידל מיט די גרויסע, שוין אפֿשר צו גרויסע העל־בלויע אויגן, אירע פֿונאַנדערגעלאָזטע גאָלדענע האָר, האָט כאַליביעוו אַ טראַכט געטון: יאָ, באמת שיין, אָבער דאָס קלייד... אַ שלומפּערל!

דאָס מיידל האָט זיך אַ וואָרף געטון צום פֿאָטער, און ווען ס'איז געזעסן הער נעי, איז צוגעפֿאַלן צום פֿאָטערס קני און גענומען באַ[?]עקן זיין פֿעטע האַנט מיט קושן.

— גוט מאָרגן, פֿאָטער!

זי האָט געהאַט אַ טיפֿע ברוסט־שטימע, אַן אומגעריכטע,

וואָס איז, דאַכט זיך, געקומען פונדערווייטנס און אָנגעיאָגט דעם מענטש.

הער נעי האָט זי געוואָלט באַקענען מיטן אַפּעטיטלעכן אויסלענדער, אָבער אין דעם מאָמענט איז אין קאַבינעט אַריינגעלאָפן די איינגעפּאַלענע נאָז, דורך עפּעס קענטיק אַן אויפגערעגטער.

— וואָס טוט מען, הער נעי? כ'האָב געקריגן פאַרן דאָזיקן סאַלפּעטיער אַ שיינע פאָטאָגראַפיע: דאָס ווייב מיט איר פריינט אין בלויזע וועש. מען האָט געמוזט באַצאָלן דער באַלעבאָסטע פון האָטעל טאָפּלט. איצט פאָדער איך פון אים אַ הוספה, און ער וויל בכלל גאָרנישט צאָלן. זיצט און ריטשעט, ווי אַ קעלבל.

— גייט תיכף אַריבער צו אים. מאָנט אויף אַלץ, גנישט — דורכן געריכט. יאָ, איר פאָרט דאָך אַהין מיטן אויטאָבוס? פאַרגעסט־זשע נישט צו נעמען פאַרן בילעט!

דאָס מיידל אָבער האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט דידאָזיקע שמועסן. טוליענדיק זיך צום הער נעי, האָט זי געשעפּטשעט:

— פאָטער, מיר האָט זיך געחלומט אַ שרעקלעכער חלום. איר האָט געשריגן, ווי אַ קינד, און דערנאָך איז געווען אַ גלאָקנקלאַנג, ווי אויף אַ לוויה.

הער נעי האָט געגלעט אירע גאָלדיקע האָר.

— חלומות זענען נאַרישקייטן, גאַבריעל, חלומות זענען פאַר קליינינקע קינדער. דו אָבער ביסט שוין אַ דערוואַקסענע. ביסט שוין אַ כלה־מיידל. אָט באַקען זיך: דאָס איז הער כאַליביעוו, ער איז געווען דער בעסטער פריינט פון אָרימען פעטער אַלפרעד.

דאָס מיידל האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעצויגן פאָראויס די הענט און קוקנדיק אויף כאַליביעוון מיט די בלויע אומבאַוועגלעכע אויגן, האָט זי געזאָגט:

— פאַרוואָס אָטעמט ער אַזוי הויך? אפשר איז דאָס אַ

צעגער אָדער אַ פֿאַרברעכער ? פֿאָטער, זאָגט, וואָסערע הענט האָט
ער ? כ׳האָב מורא פֿאַר אים.

און כאַליביעוו האָט נישט אויסגעהאַלטן— פֿול מיט אָבער-
גלויבערישן פחד האָט ער אַ געשריי געטון :

— זי איז דאָך אָבער אַ בלינדע !

12.

## װעגן אַלע פּריװילעגיעס פון בלינדקייט

כאַליביעװ האָט זיך גלייך פאַרנומען צו גאַבריעלס צימער. עס זענען סך־הכּל פאַרבײַ דרײַ װאָכן זינט דעם טאָג פון זײַן ערשטן װיזיט צום הער ריימאָנד נעי, אָבער דרײַ װאָכן איז נישט קיין קליינע צײַט, בפרט פאַר אַ טאַלאַנטפולן מענטש. לויט דעם, װי ז׳כער ער האָט זיך באַװעגט איבערן לאַבירינט, װי יראת־הכּבֿודיק און גלײַכצײַטיק פאַמיליער ס׳האָט זיך באַגריסט די אײַנגעפאַלענע נאָז, װי ס׳האָט זיך צעגאָסן אין אַ שמייכל דאָס פּעטס פון הער נעי גופא, לויט דעם אַלעם און לויט אַ סך אַנדערע סימנים איז קלאָר געװען, אַז דער אַזערבײַדזשאַנער נאַפּט האָט געטון זײַנס.

— ער װעט חתונה האָבן מיט גאַבריעל און ער װעט ארײַנלייגן דעם גאַנצן קאַפּיטאַל אין מײַן געשעפט, — האָט געטראַכט, גלעטנדיק די קאַסע, דער צופרידענער כאַטעשי.

— ער, בלויז ער איז, אפשר, פּעאיק מיך איבערצוכיטרעװען, — האָט געזאָגט צו זײַן פרוי דער שטאָלץ און דער זייל פון קאַנטאָר — דער אַגענט גאַסטאָן.

— ער װעט אײַנגיכן װערן אונזער באַלעבאָס, — האָבן געסקריפּעט די אָפּגעפרישטע, לויט הער נעיס רעצעפּט, טעמפּע, פאַרזשאַװערטע פּעדערס.

כאַליביעװ האָט זיך נישט געאײַלט. מיט פריידיקער האַרץ

קלאַפּעניש האָט ער זיך געגרייט, ווען ס'וועט קומען די צייט, אויסצוטרייבערן דעם שטאָלענעם בויך פון דער מיסטישער קאַסע. בלויז דער געדאַנק וועגן גאַבריעל האָט אים אַ ביסל געשטערט. מ'וועט פאָרט מוזן התונה האָבן מיט: דאָזיקן בלינדן באַשעפעניש. דאָס שליסעלע צו דער קאַסע ליגט אונטער דעם קישן פון דעם חופּה-בעט. התונה האָבן איז, נאַטירלעך, נישט שווער. האָט ער דאָך אָפּגעאַרבעט אַ נאַכט אין קאַיוטע מיט דער ענגלענדערין, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ פליכעוואַטן שטשור. מיטן מיידל וועט ער זיך אויך אַן עצה געבן. וואָס שפּילט אַ ראָלע ביי אים, דעם פאַרפירער פון גרויסוועלטישע לייבינס, איינצוליבן אין זיך די דאָזיקע אומגליקלעכע אידיאָטקע? זי דאַרף האַלטן פאַר אַ הימלישן חסד זיין בלויזע באַרירונג. דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, ריכטיק. און פונדעסטוועגן האָט כאַליביעוו געמוזט פאַר זיך אַליין מודה זיין, אַז ער האָט נאַריש, שענדלעך מורא פאַר עפּעס אַ בלינד מיידל. ווען זי קוקט אויף אים מיט די בלויע אומבאַוועגלעכע אויגן, ווערט אים אומהיימלעך, הויבט ער אָן צו ווערן נערוועז, צו דרייען זיך אויף דער שטול אָדער אויסצובאַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס. אַן עקלהאַפטע קליינמוטיקייט! שוין צייט, סוף-כל-סוף, זי גובר צו זיין.

און אָט היינט אינדערפרי, זיצנדיק אין פאָטעל פון פריזיר-אַנשטאַלט און זשמורענדיק די אויגן פון תענוג, בעת דער מייסטער האָט געפירט איבער זיינע איידעלע באַקן דאָס ווייכע, פון דאַקס-האָר אויסגעאַרבעטע פענזעליקל, האָט כאַליביעוו באַקלערט דעם פּלאַן פון אָנגריף. ווי ציקאַדעס האָט אָנגענעם געטראַסקעט דאָס שערל, דער אָדעקאָלאָן האָט דערמאָנט אַ טראָפּיש רעגנדל, און די פייערלעכקייט פון פריזירער, וואָס האָט מיט אַ וואַקס-ליכט אונטערגעסמאַליעט די שפּיצן פון כאַליביעווס זיידיקע האָר, האָט ווי אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט, די גאַנצע סובטעלקייט פון קליענט. אין אָוונט איז פאָרגעשטאַנען אַ פּיקאַנטער אָוונטברויט מיט טאָנעט פון „Folies-Bergeres“. נו, צי דען איז נישט שיין דאָס לעבן? אָבער בלויז די בלינדע. ניין, מען דאַרף זיך אַנטשליסן! און ווען דער באַגייסטערטער פריזירער איז צו-

געטראָגן אויסצוגלעטן מיט אַ ספּעציעל בערשטעלע די מאַיעסטעטישע ברעמען פון רוסישן פּרינץ, האָט שוין כאַליביעוו פעסט געוואוסט, אַז היינט וועט ער פאַרענדיקן דעם ענין.

אַנטשלאָסן איז ער אַריין אין גאַבריעלס צימער, די בלינדע האָט אים ווי אָפּגעוואַרט. זי האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַרן דאָזיקן וואוילן אויסלענדער, וועלכער פלעגט יעדן טאָג קומען צום פאָטער, פלעגט קלינגעוודיק, גוטמוטיק לאַכן, פלעגט שענקען גאַבריעלן שאָקאָלאַד, איז נישט געווען נישט קיין נעגער און נישט קיין פאַרברעכער, נאָר דעם פאָטערס אַ פריינט, דעם פעטערס אַ פריינט, דער גוטער מלאך פון דער פאַמיליע נעי. איר איז געפעלן געווען כאַליביעווס קול, אַ ברייטס און פולס, ווי אַ מאַיאָקער זאַרגלאָזער דונער. טרעפנדיק זיך מיט אים פלעגט זי צוטרוילעך, קינדיש שמייכלען. דאַנקענדיק אים פאַר צוקערלעך, פלעגט זי זאָגן: „איר זענט אַ גוטער, איר זענט פון אַ מעשהלע“.

פון שרעק פון דער ערשטער באַגעגעניש איז געבליבן איינס: גאַבריעל האָט מורא געהאַט פאַר זיינע שאַרפע און קלאַמערנדיקע הענט. איינמאָל, באַגריסנדיק זיך, האָט כאַליביעוו אַ ביסל איינגעהאַלטן גאַבריעלס האַנט. נישט אויסהאַלטנדיק איז זי מיט אַ געשריי אַרויסגעלאָפן פון צימער. האָט זי היינט געוואַרט אויף אים? ווען ס'האָבן זיך דערהערט זיינע פעסטע, צודרינגלעכע טריט, האָט זי אינגאַנצן אויפגעלויכטן פון פרייד.

ווי שיין זי איז, דאָסדאָזיקע בלינדע מיידל פון דער גאַס טיבומערי! כאַליביעוו אָבער איז לחלוטין נישט גענייגט צו אַנטציקן זיך מיט איר. צונויפדריקנדיק פון האַס די ציין, דערלאַנגט ער דעם מיידל אַ גרויסן בוקעט רויזן.

— וואָס איז דאָס? דאָס שמעקט.

— דאָס זענען בלומען, דאָס זענען די שענסטע, די טייערסטע בלומען, דאָס זענען רויטע רויזן. כ'האָב זיי געבראַכט פאַר אייך, גאַבריעל.

גאַבריעל ווייסט נישט, וואָס אַזוינס איז „שיינע“, אָבער, בנאמנות, נעמענדיק דעם בוקעט, ווערט זי נאָך שענער. זי פאַר-

שטייט נישט, וואָס ס'באַדייט דאָס וואָרט „רויטע", אָבער פון אויפרעגונג ווערט זי רויט.

— דאָס איז פאַר מיר? דאָס אַלץ איז פאַר מיר? איר זענט נישט קיין מענטש. אַ פּרינץ זענט איר.

אָרימע גאַבריעל! קיינער האָט איר נאָך קיינמאָל נישט געבראַכט קיין רויזן. זי האָט געקענט בלויז די קאַנטאָר, וואָס שמעקט מיט שוויס און ברען-גאַז. זי האָט געטראַכט, אַז בעסער פאַר דער קאַנטאָר קאָן זיין בלויז אַ כּישוף-פּאַלאַץ. דער פּאָ-טער און גאַסטאָן מיט דער איינגעפאַלענער נאַז זענען איר פאָר-געקומען ווי די וואונדערלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע, האָט איר אַ שכנטע פאָרגעלייענט פעראָס מעשהלעך. מער האָט זי אין לעבן קיין זאַך נישט גע-דענקט. און אָט איצט איז געקומען דאָס גליק. ווי שווער זי אָטעמט! ווי זי שטעכט מיט די דערנער די פאַרלוירענע פינגער!

— גאַבריעל, כ'וויל זיך דורכשמועסן מיט אייך. מיין לעבן איז טרויעריק. כ'בין איינזאַם. כ'בין לחלוטין איינזאַם — איר האָט אַ פאָטער, וועלכער האָט אייך ליב. איך האָב קיינעם נישט, קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט.

ניין, כאַליביעוו איז באמת אַן אַרטיסטישע נאַטור! ער וואָלט געקאָנט זיין נישט נאָר אַ דיכטער, ניין, אין אים גייט נאָך פאַרלוירן אויך די הייליקע באַגאַבונג פון אַן אַקטיאָר. הערט זיך נאָר צו, ווי עס ציטערט זיין קול! גאַבריעל פאַרנעמט אין אים נייע קלאַנגען, ריכטיק ווי עמעץ זאָל אָנקלאַפּן מיט אַ מעסערל אָן אַ גלאָז. זי ווייסט, אַז אַזוי רעדן מענטשן, ווען ס'וויל זיך זיי וויינען.

גאַבריעל איז דערשיטערט. זי האָט נישט גערעכנט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ אומגליק. ס'האָט זיך איר אפילו אויסגעדאַכט, אַז זי איז אום ליקלעך, ווען מ'האָט אָפּגענומען ביי איר די פינגער. סאַראַ נאַרישע זי איז געווען. אָט ער איז אומגליקלעך! ער האָט נישט קיין פאָטער. ווען גאַבריעל זאָל אים נאָר קאָנען העלפן. אָבער זי קאָן בלויז וויינען. פון די בלויע אויגן רינען טרערן, און די

ריינע אומבאַוועגלעכע אויגן קוקן גלייך, אָן אַ געדאַנק, אָן אַ ציטער, אויף כאַליביעוון. גאַבריעל שטייט אויף. גאַבריעל גייט צו אים.

כאַליביעוו האַלט נישט אויס, ער טרעט אָפּ הינטער זיך. צום טייוול, ביז ווען וועט ער מורא האָבן פאַר דערדאָזיקער אידיאָטקע? נו, גוט, אַ בלינדע, איז ערגער פאַר איר! קיין שום שרעקלעכס איז דאָ נישטאָ. ס'איז צייט צו פאַרענדיקן די קאָמעדיע!

כאַליביעוו גייט אַליין דעם מיידל אַנטקעגן.

— גאַבריעל, כ'האָב אייך נישט געזאָגט דאָס וויכטיקסטע. כ'האָב אייך געט אָפּן. איר האָט באַלויכטן מיין לעבן. איר זענט איצט פאַר מיר, ווי דידאָזיקע רויזן.

גאַבריעל דערשרעקט זיך. גאַבריעל ציטערט. וואָס הייסט? זי, דאָס נעבעכדיקע, נאַרישע מיידעלע, פון וועלכן ס'לאַכן די יינגלעך פון דער אויבערשטער דירה, די בלינדע גאַבריעל, זי קאָן זיין ווי דידאָזיקע בלומען? יאָ, אויב אַזוי, אז ער אַ כישופמאַכער, ער האָט זי אָנגערירט מיט זיין צויבער־שטעקעלע! און אפשר וועט ער פלוצלינג מאַכן, זי זאָל מער נישט זיין בלינד?

— גאַבריעל, איר זענט איצט פאַר מיר אַלץ. כ'וועל אייך אָנטרויען דעם סוד פון מיין האַרץ: כ'האָב אייך ליב. בלויז אייך!

סאַראַ נייע און שרעקלעכע ווערטער דאָס זענען! ווי שווער עס איז צו פאַרשטיין אַלץ מיטאַמאָל! אפשר זענען טאַקע די יינגלעך גערעכט: זי איז אַ קריפּל. זי פאַרשטייט גאָרנישט. דאָס איז זיכער דערפאַר, וואָס זי איז אַ בלינדע. דער פאָטער זאָגט, אַז זי האָט אַנדערע אויגן, ווי אַלע.

גאַבריעל שווייגט. זי קאָן גאָרנישט ענטפערן. כאַליביעוון איז אָבער דערעסן געוואָרן דאָס וואַרטן. מיטן דאָזיקן שוטהלע דאַרף מען זיך אַנדערש אויסטענהן. ער גייט צו האַרט צו איר. איין מינוט לאַנג איז ער אפילו מקנא איר בלינדקייט: ס'איז גוט אַמאָל נישט צו זען, וואָס מען טוט, למשל, פאָרצושטעלן זיך, אַז דאָס איז — די לאַכעדיקע טאָנעט פון ‚Folies Berge-

פאַרשווּרענדיק די אויגן קושט ער דאָס מיידל אין די ליפּן "„צש, ביין, עקשנותדיק.

גאַבריעל טוט אַ געשריי. דערנאָך שמייכלט זי. אָבער די טרערן הערן נישט אויף צו רינען, זיי זענען אפילו, ווי ס׳שיינט, מערער געוואָרן, דידאָזיקע שנעלע און גרויסע טרערן. זי הויבט עפּעס אָן צו פאַרשטיין. בלויז די אויגן אירע זענען דאָך אַנ־דערש ווי ביי אַלע, און אַ חוץ אויגן זענען נאָך דאָ וואַרעמע ליפּן, וועלכע האָבן איצט באַגריפן, צוואָס זיי לעבן אויף דער וועלט, ס׳איז דאָ אַ האַרץ, וועלכעס וועט איצט אין דער פינ־סטער, אָן אַ פירער, טרעפן דעם וועג צום צווייטן האַרץ, ניין, גאַבריעל קאָן ליב האָבן! זי פליסטערט:

— כ׳בין אַ שרעקלעך נאַרישע. דער פאָטער זאָגט, אַז כ׳פאַל צו לאַסט. ביז אייך האָב איך ליב געהאַט בלויז דעם פאָ־טער און די פידל. די פידל האָט מען אָפּגענומען, איר זענט אַ הויכער. איר רעדט, ווי דער גרויסער זייגער אין פעסטונג, ווען ער שלאָגט אויס די שעהן. איר זענט אַ רוס. איר זענט — די ליבע. כ וועל זיך מיט אייך לערנען. כ׳וועל דאָך פאַרשטיין אַלע ווערטער. כ׳וועל פאַרשטיין, וואָס ס׳באַדייט דאָס וואָרט „שיין". מיר דאַכט זיך, אַז כ׳פאַרשטיי דאָס שוין. דאָ איז דאָך שיין? אמת? אָבער ווען איר זענט געקומען, איז געוואָרן נאָך שענער. אויף די ווענט זענען, זיכער, רויזן, אַ סך רויזן; כ׳הער, ווי זיי שמעקן. גאַסטאָן האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ ים. ווען דער פאָטער שמייכלט, ווערן זיינע באַקן לעבעדיק און זיי גייען! דאָס איז, וואָרשיינלעך, ענלעך צום ים. איר הערט? דאָס לאַכט אין קאַנטאָר גאַסטאָן. ער איז אַ גלעקל, אָבער אַן אָרים גלעקל, תמיד צוגעקילט. כ׳בין אַזוי גליקלעך מיט אייך!

מיט עקל הערט כאַליביעוו דידאָזיקע זיבן־זאָגע ווערטער. ער קוקט אויף די שמוציקע אָפּצוימונגען — נישקשהדיקע רויזן! און דעם פאַפּאַשאַס גאָמבע? און דאָס פאָנפעוואַטע געלעכ־טערל פון דער איינגעפאַלענער נאָז? ס׳ווילט זיך אים אַ שפּיי טון, אָבער ער האַלט זיך איין און מורמלט צאַרט:

— איר זענט גערעכט. ווען מען האָט ליב זעט אַלץ אויס

ווי אַ גן־עדן. און איך האָב אייך ליב. כ'וויל, איר זאָלט זיין מיין ווייב.

— כ'וועל זיין אייער אַלץ. כ'קאָן שטריקן. כ'וועל מאַכן פאַר אייך אַ קיילעכדיקע היטעלע פון וואָל. כ'וועל וואַשן דעם דיל. ווען מיינע אויגן וועלן ווערן ווי ביי אַלע, וועט איר מיך אַוועקפירן צום ים. כ'קאָן איצט שטאַרבן פון גליק. מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי שרעקלעך. כ'האָב אָבער מורא פאַרן טויט — ס'קלינגט דאַן אַזוי שרעקלעך. כ'וויל איר זאָלט מיר נאָכאַמאָל אַ קוש געבן.

נישטאָ וואָס צו מאַכן. כאַליביעוו האָט דאָך באַשלאָסן פאַר קיין זאַך זיך נישט אָפּצושטעלן. ער נעמט אַרום גאַבריעל. אָבער דאָ קומט פאַר עפּעס אומגעריכטס פאַר ביידע: די בלינדע שפּרינגט אָפּ און שרייט:

— נאָר נישט מיט די הענט! כ'האָב מורא פאַר אייערע הענט!

און גלייך פאַרשעמט זי זיך. וואָס הייסט? זי האָט מורא פאַר זיינע הענט? דאָס קאָן נישט זיין! דאָס איז מיאוס! די ייִנגלעך זענען גערעכט: זי איז אַ שרעקלעכער קריפּל. גאַבריעל לויפט צו צו כאַליביעוון, שטעלט זיך פאַר אים אויף די קני און הויבט אָן הכנעהדיק צו קושן זיינע שנעלע, פלינקע הענט! זייט מיר מוחל! דאָס וועט שוין מער קיינמאָל נישט פאָרקומען. כ'וועל נעמען אייערע הענט מיט זיך. כ'וועל אַרומגיין אַרום זיי. כ'וועל זיי ליב האָבן.

כאַליביעוו איז באַפרידיקט. די אומאָנגענעמסטע טייל פון דער פּראָצעדור איז פאַרענדיקט. איצט קאָן מען אין דער היים זיך איבערטון און גלייך — צו טאַנצן. אין דער פּערספּעקטיוו: אַ נאַיווער טאַטעשי, אַ חתונה־קאָנטראַקט, אַ קאַפּיטאַל און — אַדיע, זוך אַ נעכטיקן טאָג. איצט בלייבט איבער אַוועקצוגיין, אָבער אַזוי, עס זאָל זיך פילן דער גאַנצער טרויער פון זייער צעשיידונג.

— ליבע גאַבריעל, צום באַדויערן מוז איך גיין! געשעפטן, פאַרשאָלטענע געשעפטן! אָבער אינגיכן וועלן מיר זיין

צוזאַמען, צוזאַמען טאָג און נאַכט, צוזאַמען דאָס גאַנצע לעבן. מיין ליבסטע, צום ווידערזען! ביז מאָרגן!

ער פאַרנייגט זיך, אָבער ביים פאַרנייגן דערמאַנט ער זיך, אַז די בלינדע קאָן נישט אָפּשאַצן נישט זיין פאַרנייגונג, נישט דעם טרויער אויפן פּנים.

און גאַבריעל שטייט נאָך אַלץ אויף די קני און שמייכלט אַ גליקלעכע. ניין, קיין שום מלאך אין די פענסטערס פון קוואַרטאַל סאַן־סיולפּיס קאָן נישט אַזוי צאַרט, אַזוי רירנדיק שמייכלען! כאַליביעוון אָבער ערגערט דערדאָזיקער שמייכל, ס'ערגערן אים די בלויע אויגן. זי זעט דאָך נישט! טאָ פאַרוואָס זשע קוקט זי אויף אים אַזוי? ער קאָן נישט פאַרטראָגן דידאָזיקע אויגן!

— זיי געזונט, מיין טייבעלע!

און קוקנדיק אויף די אומדערטרעגלעך־בלויע, אומבאַוועגלעכע אויגן, שטעקט ער אַרויס חוצפּהדיק פון כעס און מורא זיין גרויסע, רויטע, פליישיקע צונג.

13.

# אָט זענען מיר שוין אין דער היים

פאַריז האָט באַגעגנט דאָס נייע יאָר, באַגעגנט פריילעך און רוישיק. נאָכן הייסן זומער איז געווען אַ סך ווייַן. נאָכן נצחון איז געווען אַ סך פרעמדע קוילן. נאָך לאַנגע יאָרן מלחמה איז געווען אַ סך אומגליק. פאַריז האָט געוואוסט, אַז אויב מען זאָל אָנצינדן אַלע לאַמטערן פון די גרויסע בולוואַרן, אויב מען זאָל אויסקאָרקעווען אַלע פלעשער מיט שאַמפּאַניער, בורגונדער, באָרדאָער, סאָמיורער, טורענער, וואָוורעער ווייַן, אויב מען זאָל דאָס אַלץ טון, וועט דאָס אומגליק, זאָל זיין, אַז נאָר אויף איין נאַכט, אַוועקגיין פונדאַנען הינטער די אַלטע פאָרטיפ־קאַציע-וואַלן, ערגעץ־וואו קיין צפון, וואו עס שוואַרצן זיך נאָך די חורבות פון די פיקאַרדישע שטעטעלעך.

אין די גרויסע קאַפע־הייזער האָבן געברומט די דזשאַזבאַנד-פויקן, ס'האָבן געשאָסן די פראָפּנס, די סמאָקינגס פון די מאָגערע פראַנטן האָבן זיך געקלעפט ווי שוואַרצע פלאַסטערס צו די לאַקס-קערפערס פון די יפהפיהס, וואָס זענען געשוואומען אין פאָקס-טראָט. וואַנדערנדיקע פידלערס און שלינגערס פון ברענענדיק פאַפּיר האָבן פריילעך געמאַכט די קליענטן פון די קלייניקע באַרן. כישופדיק האָבן געבלישטשעט די גאַז-לעמפּלעך פון די גאַס-געצעלטן, וואו מ'האָט פאַרקויפט זיסן נוגאַט, קנאַלערס און ניצער פייַלכלעך. אַ גאַנצע נאַכט זענען איבער דער שטאָט אַרומ-

געלאָפן די טראַמווייען. די הענדלער, וואָס האָבן געהאַלטן וויך אויף די גאַס־ראָגעס, פלעגן נישט באַווייזן אויפצושנײַדן די גרילעכע מושלען פון די פאָרטוגאַלער אויסטערן. די קינדער האָבן באַקומען גרויסע מילגרוימען און אײַנשלאָפנדיק נאָך אַלץ געפיקט די אומצייליקע קערנער. אַלע האָבן זיך געפרייט. אפילו אַ נישט־דיפּלאָמירטער פּראָוויזאָר האָט אין דערדאָזיקער נאַכט געטאַנצט שימי און גערעדט וועגן ליבע. אפילו די מיידן פון דער גאַס טיבומערי האָבן אָפּגעוואַשן די פּיס, אָנגעטון ריינע יאַקעלעך און געשמייכלט ווי אינסטיטוטקעס.

צי דען איז נישט קיין פרייד צו זען פּאַריז גראָד אין אַזאַ נאַכט? צי דען איז נישט קיין פרייד אַרײַנצופאַלן גלייך פון ווילדן לאַנד פון נאָרד־אָסט און פּאַפּאַכעס אויף דידאָזיקע בולוואַרן?

אָבער קוקנדיק דורכן פענסטערל פון דעם געדונגענעם קעטשל אויף די קנוילן עלעקטרישע רעקלאַמעס, אויף די קאַוואַלקאַדעס פריילעכע לייט, וואָס האָבן געוואַנדערט פון באַר צו באַר, אויף די גאַווהדיקע פּאַפּירענע רויזן, מיט וועלכע ס'האָט באַצירט איר וועגל די וואָנסעדיקע אַפּעלסין־הענדלערין, — קוקנדיק אויף דאָס אַלץ האָט זשאַננאַ נעי נישט געפילט קיין פרייד. פאַרקערט, וואָס ווייטער דאָס קעטשל איז אָפּגעפאָרן פון ליאָנער וואָקזאַל, אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער איז געוואָרן זשאַננאַ, וואָס איז ענדלעך אָנגעקומען צו זיך אין היימלאַנד.

אַ סך חדשים זענען אַריבער זינט יענעם טאָג, ווען דער איטאַליענישער דאַמפער האָט צום לעצטן מאָל באַצויגן מיט רויך דעם לעדערנעם העלם פונם רויטאַרמייער, פון די זיך־שפּילנדיקע טאָטערלעך, דעם זעגלער מיטן רויטן פענדעלע, דעם פרעמדן הימל.

אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז זשאַננאַ קראַנק געוואָרן. מען האָט זי אַרײַנגענומען אין שפּיטאָל ביים קאַטוילישן קלויסטער. מען האָט בײַ איר געפונען אַ קרופּיקע לונגען־אָנצינדונג. דער אויסגעשעפּטער אָרגאַניזם איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך. און ווען זי האָט אין האַרבסט באַשלאָסן אומבאַדינגט צו

פאָרן ווייטער, איז נישט געווען קיין געלט. דריי חדשים האָט זשאַננאַ געלעבט אַלס באָנע ביי עפעס אַ וואַנסעדיקער גריכין, וועלכע האָט געוואָלט, אַז איר טאָכטער זאָל אומבאַדינגט אַרויסרעדן דעם „ר“ אויפן פאַריזער שטייגער. לסוף האָט זי צונויפגעקליבן זיבנהונדערט פראַנק, און זשאַננאַ האָט פאַרלאָזט קאָנסטאַנטינאָפאָל, די שטאָט פון זשאַסמין און ט״ערן.

דאָס אַריבערפאָרן פון ליאָנער וואָקזאַל צו דער גאַס טיבומערי איז געווען ווי אַ המשך פון לאַנגן וועג, און דערדאָזיקער וועג איז זשאַננאַן פאָרגעקומען נישט ווי אַ וועג אין ליבן פאַריז, נאָר ווי אַ פאַרשיקונג, ווי אַ פאַרטרייבונג, ווי אַ שווערער וועג פון אַנדרעיען. דערזעענדיק ענדלעך דעם איילבירטיקן, וואַרעמען, רוישיקן מאַרסעל, האָט זי נישט דערשפירט קיין פרייד, נישט דאָ האָט זי דאָך געטראָפן אַנדרעיען. זי איז געבליבן גלייכגילטיק דערהערנדיק די פראַנצויזישע שפראַך: נישט אויף דערדאָזיקער שפראַך האָט אַנדרעי גערעדט מיט איר. ער האָט געזאָגט צו איר: „הערסט, פאָר נישט אַוועק“. אויף פראַנצויזיש וואָלט דאָס געווען אַ העפלעכער זאַץ, אָבער אויף אַנדריעס שפראַך האָט דאָס גערוישט און געטראָגן אונטערגאַנג, ווי דער נאָרד-אָסט.

ער האָט געזאָגט: „פאָר נישט אַוועק“. פאַרוואָס-זשע איז זי אַוועקגעפאָרן? פאַרוואָס האָט זי אַזוי לייכט, אַזוי הכנעהדיק אָפגעטרעטן דאָס לעבן, ווי אַן אָרט אין דער רייע, אַ פרעמדער פרוי, וועלכע מען רופט אַגלאַיאַ? זשאַננאַ האָט נישט געדענקט, ווי ס'קוקט אויס דידאָזיקע אַגלאַיאַ. ס'האָט זיך איר אָבער געדאַכט, אַז אָפנעמען ביי איר אַנדרעיען האָט בלויז געקאָנט זייער אַ פריילעכע, זייער אַ שיינע און זייער אַ שלעכטע דאַמע, אין אַ שוואַרץ רוישנדיק קלייד, אַן ענלעכע אויף דער דאַמע פיק. זשאַננאַ ווינטשט איר נישט קיין שלעכטס. זאָלן זיי זיין גליקליך. אָבער ווער ווייסט, ווי שווער עס איז צו צוואַנציק יאָר אָפצוזאָגן זיך פון לעבן! און דאָס לעבן איז דאָך געבליבן דאָרט, אין רוסלאַנד. און מיט טרויער האָט זיך זשאַננאַ דערמאָנט אַלע קלייניקייטן; אַפילו די פאַפאַכעס זענען איר איצט פאָרגעקומען ליב.

דאָ איז פֿרייליך און רויִק, דאָ זענען דאָ אַ סך פֿייערן; דאָרט איז געווען בלויז איין לאַמטער אויפֿן ים-ברעג, און אויך יענע איז שוין פֿון לאַנג געווען אויסגעלאָשן. אָבֿער צי קאָנען דען דידאָזיקע קאַפּע-פֿענסטער אַזוי לויכטן, ווי ס'האָבן געלויכטן די אויגן פֿון חבֿר זאַכאַרקעוויטש, ווען ער פֿלעגט, קומענדיק פֿון אַ נאַכט-זיצונג, אַריינגיין צו זשאַננאַן? דאָ זענען פֿידלען, פֿלייטן און אַ שרייִיקער דזשאַזבאַנד, אָבֿער צי דען וועט זיי אַלע ניט איבערשרייען דער נאָרד-אָסט? וואָלט דען אַנדרעי געקאָנט רייטן גאַלאָפּ איבער דידאָזיקע גאַסן נאָך אַ געלונגענעם צוזאַמענשטויס? דאָ איז ענג, ענג און שטיקנדיק. און אַראָפּלאָזנדיק דאָס פֿענסטערל פֿון קעטשל, כּדי אויסצולאָדן אַ ביסל דידאָזיקע שטיקעניש, האָט זשאַננאַ אַ טראַכט געטון: „ער האָט אמת געזאָגט. זאָל דאָ זיין אַ רעוואָלוציע. זאָל דאָ זיין, ווי דאָרטן“.

אָבֿער אָט איז שוין די גאַס טיבומערי. זשאַננאַ, אויסגעמאַטערט פֿון וועג, פֿלעגט זיך צייטנווייז טרייסטן: „אינדערהיים וועל איך מיך אויסרוען“. זי האָט קיינמאָל ניט געזען ניט דעם פֿעטער רייִמאָנד, ניט די קוזינע. ס'האָט זיך איר אָבֿער געדאַכט, אַז זיי וואוינען אין אַ ווייס הייזעלע מיט גליציניעס, אַן ענלעכס אויף דעם לואַרעטער הויז. ס'איז זיכער, דער פֿעטער לייענט דעם „Journal des Débats“ און די קוזינע שטערט אים און שטיפֿט. זשאַננאַ, די אָרימע, אַלטע זשאַננאַ וועט זיך דאָרט אַ ביסל אויסרוען.

דאָס קעטשל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער גערונצלטער קוטשער אין אַ לאַקירטן צילינדער האָט זשאַננאַן געהאָלפֿן אַרויסצוגיין. ער האָט אפֿילו צוגעטראָגן צו דער טיר פֿון קאַנטאָר איר באַשיידן געפּעק.

— אָט זענען מיר שוין אינדערהיים! — האָט ער פֿריילעך אַרויסגעקרעכצט.

„אָט בין איך שוין אינדערהיים“, — האָט זשאַננאַ אַ טראַכט געטון און שנעל גענומען גיין אין קאַבינעט. דאָס, וואָס זי האָט דערזען, איז ניט געווען קיין לעבן. דאָס איז געווען אַ חלום, אַ שרעקלעכער חלום. דאַכט זיך, אַז אַמאָל, שוין לאַנג, אין דער

קינד'הייט, האָט ער זיך זשאַננאַן געחלומט. דאַן האָט זי געשריגן, געוועקט די מאַמע. איצט טאָר מען נישט שרייען. זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויפכאַפּן. איצט איז שוין דערדאָזיקער חלום אויף אייביק.

אינמיטן צימער איז געשטאַנען די איינגעפאַלענע נאָז מיט אַ באַקאַל שוימענדיקן ווײַן. הער נעי האָט גיריק צעקייט שנעקעס און הילכיק געגרעבצט. אין אַ גרויסן פאָטעל איז געזעסן אַ שרעקלעכער מענטש מיט אַן עקלהאַפטער פיזיאָנאָמיע, וועלכן זשאַננאַ האָט שוין ערגעץ־וואו געזען. ער האָט געטוליעט צו זיך אַ ווילד מיידל, וועלכע האָט געקוקט אויף זשאַננאַן מיט אומבאַוועגלעכע אויגן. ער איז קענטיק געווען שיכּור.

אויף זשאַנואַן האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט. אַ צעטומלטע איז זי געשטאַנען אין דער טיר, דריקנדיק מיט דער האַנט דאָס רענצל. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דעם מיידלס קול:

— כ'הער — ס'איז דאָ דאָ עמעץ אַ פרעמדער.

ערשט דאַן האָבן זיך אַלע אומגעקוקט. די איינגעפאַלענע נאָז, וועלכע האָט פאַר דעם געהאַט אויסגעליידיקט נישט ווייניק באָקאַלן, האָט שטיפעריש גענומען לאַכן.

— איר האָט נישט ריכטיק געטראָפן. דאָס איז — דאָס צווייטע הויז, רעכטס. אונזער קאַנטאָר איז ביינאַכט תּמיד געשלאָסן.

זשאַננאַ, וועלכע האָט געדענקט די פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געשטאַנען ביים פאָטער אויפן טיש, האָט זיך געווענדט צום הער נעי:

— איך בין זשאַננאַ.

צי פון שוימענדיקן ווײַן, וועלכן דער ברייטהאַרציקער כאַליביעוו האָט געבראַכט, צי פון די פיר טוץ שנעקעס, האָט זיך הער ריימאָנד נעי געפונען אין צושטאַנד פון העכסטער אַפּאַטיע און דעריבער, נישט אויסדריקנדיק קיין שום פאַרוואונדערונג צוליב דער אומגעריכטער דערשיינונג פון דער פלימעניצע, האָט ער בלויז אַרויסגעבורטשעט:

— אַלע קריכן מיר אויפֿן קאַרק. דער קאַפּיטאַל מײַנער איז אין אומזיסט. כ׳בין אַליין אַן אָרימאַן.

ניין, אפילו די אָסעטינער, וועלכע זענען אָנגעפאַלן אויף דער טעפלושקע, אין וועלכער זשאַננאַ איז געפֿאָרן מיטן פּאַפּאַ, — אפילו יענע זענען געווען בעסער. שעמעוודיק האָט זי געבעטן אַ דערלויבניש צו בלייבן אין פּעטערס דירה ביז פּרי: זי האָט זיך נישט וואו אַהינצוטון. געלט האָט קוים-קוים געקלעקט אויף צוצופֿאָרן.

— גוט. קאָנסט שלאָפֿן אין קאַנטאָר. אויפהויבן זיך מוז מען זיבן אַ זייגער, מיר האָבן קליענטן אויך אין יום-טובים. דערווייל זיץ דאָ. זעסט? מיר מאַכן זיך לוסטיק. מיר באַגעגענען דאָס נייע יאָר. קאָנסט אויך לוסטיק זיין.

אָפּגעהאַלטן אַזאַ לאַנגע רעדע, האָט דער פאַרמאַטערטער הער נעי אַראָפּגעשלונגען נאָך אַ שנעקע און איז אַריינגעפאַלן אין אַ דרימל. די פריערדיקע אָפּגעריסענע קלאַנגען פון גרעבצן האָט פאַרביטן אַ גלייכמעסיק כראַפּעריי. די איינגעפאַלענע נאָז האָט געדרייט זיינע וואָנסעלעך און דערציילט כאַליביעון אויפן אויער שמוציקע אַנעקדאָטעלעך. כאַליביעוו האָט געשמאַק געלאַכט. און גאַבריעל? גאַבריעל איז געווען גליקלעך: ענדלעך איז זי מיטן פרינץ צוזאַמען. ווי אַ הינטעלע האָט זי זיך צאַרט געטוליעט צו כאַליביעון. זי האָט אים געבעטן ער זאָל אָנגיסן נאָך אַ באָקאַל וויין.

— קוזינע, איך הער, אַז איר זענט אַ גוטע. איר זענט זייער אַ גוטע. איר זענט — ווי ער. איר זענט — ווי מיין רוס. כ׳קען אייך נישט, כ׳וויל אָבער אַ גלעט טון אייער שטערן. כ׳שעם מיך פאַר אייך, קוזינע. כ׳בין צו גליקלעך. טרינקט אויס מיט מיר פאַר אונזער גליק!

— אויסגעצייכנט. פאַרן גליק פון חתן-כלה! פאַרן בליען פון דער קאַנטאָר פון פּריוואַט-דעטעקטיוון, — האָט גאַסטאָן הניפהדיק גרויסגעפּאָנפּעט.

„זי איז אַ מאָדנע. זי איז אַ גוטע, — האָט זשאַננאַ אַ טראַכט געטון. — אָבער ער! ער איז דאָך אַ רוס. כ׳האָב אים

ערגעץ־וואו געזען. אָבער וואו? אַך יאָ, ביים פּאַפּאַ. אין יענעם טאָג. ער איז אַ נידערטרעכטיקער מענטש. כ׳ווייס נישט. וואָס ער האָט געטון ביים פּאַפּאַ, ער האָט אָבער, זיכער, געטון עפּעס נידערטרעכטיקס. אָרים מיידל! זי איז דאָך אַ בלינדע".

— קוזינע, גיט מיר אַ קוש! — האָט גאַבריעל געבעטן.

זשאַננאַ איז צוגעקומען צו דער בלינדער און געוואָלט איר אַ קוש טון אין באַק, גאַבריעל האָט אָבער אונטערגעשטעלט פאַרן קוש די אויגן.

— זיי זענען ביי מיר אַנדערש, ווי ביי אַלעמען.

און זשאַננאַ, קושנדיק זיי, האָט איר אַ שעפּטש געטון:

— זיי זענען ביי אייך בעסערע, ווי ביי אַלעמען.

כאַליביעוו האָט אַ שמייכל געטון. די גאַנצע צייט האָט ער גיריק געקוקט אויף זשאַננאַן. אָ, ער האָט תּיכּף זיך דערמאָנט סיי די טיר פון אַלפרעד נעיס קאַבינעט, סיי דעם מיידלס פאַרווייניטע אויגן. אָט דאָס איז אַ פייגעלע! אַלע טאַנעטס מעגן אַ כּפּרה גיין פאַר איר!

כאַליביעוו איז געווען שיכּור. דעריבער, איינעסנדיק זיך מיט די אויגן אין זשאַננאַן, אין אירע קוים־געעפנטע ליפּן, אין ברוינעם האַלז, האָט ער זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט צו וואַרפן זיך אויפן מיידל. אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, ווען גאַסטאָן איז אויף אַ ווייל אַרויסגעגאַנגען פון צימער, איז ער צוגעשפּרונגען צו זשאַננאַן און מיט פייכטע ליפּן זיך איינגעזויגן אין אירע. זשאַננאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער, קורצער קלאַנג.

— וואָס איז דאָס? פריינט, וואוהין זענט איר אַוועק? כ׳בין טרויעריק אָן אייך, — האָט גאַבריעל אויסגערופן.

— אייער קוזינע האָט פאַרלוירן אַ בוך. כ׳בין אויפגעשטאַנען, כּדי עס אויפצוהויבן.

כאַליביעוו האָט זיך באַמיט אָפּצוקילן מיט דער דלאָניע זיין באַק.

— שלענגעלע! ווי דו זאָלסט זיך נישט וואַרפן, וועסטו

פאָרט זיין מיינע. כ'וויל דיך, און אויב איך, כאַליביעוו, וויל עפּעס, וועל איך שוין בּיינס דערגרייכן, כ'וועל דיך אַראָפּשלינגען, פּאָנ־פּאָנ־פּאָנטשיק, — האָט ער בּייז אַ געשריי געטון שוין אויף רוסיש.

פון זיין שיכּורן באַס האָט הער נעי גענומען באַוועגן זיין פּעטס און אַראָפּטרייסלענדיק דעם דרימל, פאַרוואונדערט אַרויסגעבּורטשעט:

— אָבער, טייערער הער כאַליביעוו, פאַרוואָס האָט איר מיטאַמאָל גענומען רעדן אויף אייער אומפאַרשטענדלעכן דיאַלעקט?

— כ'האָב דערמיט געוואָלט דערפרייען אייער פּלימעניצע. זי האָט אַזוי לאַנג געלעבּט אין רוסלאַנד. איר איז, אפשר, אָנגענעם צו הערן דידאָזיקע שפּראַך, וואָס איז פאַרבּונדן פאַר איר מיט אַזוי פיל דערינערונגען. כ'האָב גערעדט מיט איר וועגן דער גוטסקייט פון אייער בּרודער.

זשאַננאַ האָט נישט געפּרוווט דערווידערן. שווייגנדיק איז זי אַוועקגעגאַנגען אין ווינקל, וועלכעס מ'האָט געשטעלט אין איר רשות, און זיך צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע.

אָט דאָס איז דאָס צימער אין פּעטערס שטוב, וואו זשאַננאַ וועט דאַרפן וויינען, אַרבּעטן און לעבּן! ווי אַזוי זי וועט לעבּן, בּיי וואָס זי וועט אַרבּעטן, דאָס ווייסט נאָך נישט זשאַננאַ. אָבער וויינען קאָן זי דאָ.

זי וויינט שוין. אָ, ווען זי זאָל ווידער קאָנען זיין אין דער ווילייע „איבּראַגיאַ"! ווען אין דערדאָזיקער טיר־שפּאַרע וואָלטן זיך אַדורכגעשטופּט זאַכאַרקעוויטשעס אויערן! ווען זי זאָל אַ גאַנץ לעבּן קאָנען שטיין אונטערן רעגן און וויינענדיק גלעטן אַנדרעיס נאַסע האָר! זי איז אַליין שולדיק. ליבּ האָבּנדיק האָט זי זיך באַמיט צו טראַכטן, זי האָט געוואָלט זיין אַ גוטע, אַ קלוגע, אַ גרויסמוטיקע, אָבער ליבּ האָבּנדיק דאַרף מען בּלויז איינס — ליבּ האָבּן. זי איז נישט ווערט קיין ליבּע. זי איז אַוועקגעפאָרן פון אַנדרעיען. איצט איז איר געבּליבּן איינס: ליגן אין דערדאָזיקער שרעקלעכער אינקוויזיציע־קאַמער און וויינען. און זשאַננאַ וויינט.

אין קאַבינעט טרינקט מען נאָך לחיימס און מען לאַכט. דאָס אומגעזעטיקטע פּאַריז פרייט זיך נאָך אויף דער גאַס טיבומערי און אויף די איבעריקע גאַסן פון די צוואַנציק פּאָליציי-צירקלען. אָבער ווער ווייסט, אפשר אויך אין אַנדערע קאָמורקעס, דאָרט, וואו די פענסטער זענען פינסטער און ס'איז נישטאָ נישט קיין דזשאַזבאַנד, נישט קיין שיסנדיקע פּראָפּנס, אפשר אויך דאָרט וויינען אין דערדאָזיקער נאַכט אָרימע זשאַנאַס? אפשר איז נישט דאָס גאַנצע אומגליק אַוועק הינטער די שטאָטישע וואַלן, צו די וויסטענישן פון פּיקאַרדיע? ווער ווייסט? ביינאַכט איז פאַרוועהרט צו גיין איבער פרעמדע דירות.

## 14.

# אַ באָלשעוויסטישע שפּיאָנקע

אינדערפרי וואַשט מען אויס די פאַרווייַנטע אויגן. אינדערפרי איז זשאַננאַ געשטאַנען פאַרן פּעטס פון הער נעי, און דאָס פּעטס האָט זיך געוויגט אין אויפרעגונג.

— מיט פילאַנטראָפּיע קאָן איך זיך נישט פאַרנעמען. פאַר קרובהשע געפילן האָב איך נישט קיין מיטלען! אַלפרעד איז אָבער פאָרט געווען מיין ברודער. דאַנק נישט, כ׳פאַרטראַג נישט קיין שום סענטימענטאַלקייטן. קאָנסט שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע אין קאַנטאָר און עסן מיט אונז. קיין סאָוסן עסן מיר נישט. וועסט דערפאַר אַרבעטן. גאַסטאָן וועט דיר אַלץ וויַזן. און איצט גיי!

זשאַננאַ איז אַריין אין קאַנטאָר. נישט געקוקט אויפן יום-טוב-טאָג, איז שוין דאָרט געווען ענג פון מענטשן: ווייל נישט די אייפערזיכטיקע מענער און נישט די גיריקע בעלי-חובות האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין שעה. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן איר ניי לעבן.

פון פרימאָרגן ביז נאַכט פלעגט זשאַננאַ רעגיסטרירן עפּעס עקלדיקע פּאַפּירלעך: אַנאָנימע בריוו, גבית-עדותן פון קוואַרטיר-באַלעבאָסטעס, מסירות פון שטוב-מיידלעך, איבערגעכאַפּטע צעטלעך. פרעמדע ליבע איז דאָ אָנגעגאַנגען אַלס גוטע וואַליוטע. קושן פלעגן זיך דאָ לייגן אַלס פּעטע שטעמפּלען פון

פראָטאָקאָלן, און טרערן, טרערן סיי פון געכאַפּטע זינדער, סיי פון אומבארחמנותדיקע מאָנערס פלעגן דאָ באַרעכנט ווערן אין פראַנקען.

מיט עקל פלעגט זשאַננאַ סאָרטירן דידאָזיקע פּאַפּירלעך. אין פּאַריז איז נישטאָ קיין ליבע. צי דען קאָן מען באַטראַכטן אַלס ליבע די בריוו פון אַ באַקאַליי-קרעמערקע, וועלכע יאָגט זיך מיט פיר אַגענטן טאָג ווי נאַכט נאָך איר מאַן, כאַפּט זיינע געליבטע דינגט זיך מיט אים פאַר דער אָפּטרעט-סומע — און וויינט, און וויינט, באַדעקנדיק מיט שמוציקע פלעקן דעם העברעיס קאַנטאָר-רעכענונגען, די רעכענונגען פון די געליבטע, דאָס תּפילה-בוך, לסוף, איר אַטלאַסדיקן בויך? ווען זשאַננאַ זאָל שרייבן געזעצן, וואָלט זי פאַרווערט דידאָזיקע מענטשן אפילו אַרויסצורעדן דאָס וואָרט „ליבע". זי, זשאַננאַ, ווייסט, וואָס אַזוינס ליבע איז. זי האָט זיך דאָס דערוואוסט ווייט פונדאַנען, אינם לאַנד פון רעוואָלוציע, קעלט און העלדן. איין אויסוועג איז דאָ: אַנטלויפן, אַנטלויפן צו אַנדרעיען, אַנטלויפן קיין מאָסקווע.

דורך די נעכט פלעגט זי פאַרטראַכטן נאַאיווע און אומזיניקע פּלענער צו אַנטלויפן, ווי אַ שילער, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט קופּערן און האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן אין לאַנד פון די רויטהויטיקע.

דער פעטער פלעגט נישט רעדן מיט איר. שמועסן מיטן אָרימען מיידל האָט ער באַטראַכט אַלס אומפאַרגעבלעכע פאַרשווענדעריי. בלויז פון צייט-צו-צייט, בלייבנדיק שטיין פאַרטראַכט פאַר דער קאַנאַפּע, אויף וועלכער זשאַננאַ איז געשלאָפן, פלעגט ער אַ זאָג טון:

— זיי מוחל און דריי זיך נישט ביינאַכט! אַלע פרענדזשענעס זענען צעבראָכן. און דו ווייסט, וויפל ס'קאָסט איצט דאָס פאַרריכטן?

אַמאָל פלעגט אין די אָוונטן קומען גאַבריעל. אַרומגענומען, פלעגן זיי לאַנג שווייגן. גאַבריעל, איבערגעפולט מיט איר גליק, פלעגט רעדן בלויז וועגן איינס. וואָס האָט איר זשאַננאַ געקאָנט ענטפערן? איבערזעצן איר כאַליביעווס ווערטער אין קאַבינעט?

ניין, קיינמאָל נישט! זשאַננאַ האָט דאָך געוואוסט, וואָס אַזוינס ליבע איז. האָט זי געשוויגן. גוט, וואָס גאַבריעל זעט אים נישט! נאָך אַזעלכע אָוונטן פלעגט איר ווערן נאָך שווערער. נאָך נאַסער פלעגט זיין ביינאַכט דאָס קליינע קישעלע. נאָך צודרינגלעכער דער געדאַנק: אַנטלויפן.

אָבער אַלע דורך די נעכט געגנוי אויסגעאַרבעטע פלענער צו אַנטלויפן פלעגן איר בייטאָג פאָרקומען לעכערלעך. זשאַננאַ האָט באַשלאָסן צו האַנדלען אומבאַרעכנט. אין ערשטן־בעסטן פרייען טאָג איז זי אַוועק אויפזוכן דעם רוסישן קאָנסולאַט. דאָרט וועט מען איר, זיכער, זאָגן, ווי אַזוי זי קאָן קומען קיין מאָסקווע, מען וועט איר אפשר אויך געבן אַ בילעט. אָבער וואו איז ער דערדאָזיקער קאָנסולאַט? אין פאַריז זענען דאָך דאָ אַזוי פיל גאַסן.

זשאַננאַ איז געגאַנגען גלייך, נישט אָפקערנדיק זיך רעכטס און נישט לינקס. לעבן וואָקזאַל מאָנפאַרנאַס האָט זי פלוצלינג דערהערט די רוסישע שפראַך. איר אַנטקעגן זענען געגאַנגען צוויי אויסגעפוצטע דאַמען. זשאַננאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון צו זיי. זשאַננאַ האָט זיי געזאָגט, אַז זי וויל פאָרן קיין רוסלאַנד. זי מוז פאָרן קיין רוסלאַנד. דאָ וועט זי שטאַרבן. זי מוז תיכף פאָרן. וואו וואוינט דער רוסישער קאָנסול? זאָלן זיי איר העלפן. זשאַננאַ האָט גערעדט שנעל, געפלאָנטערט, שרעקנדיק זיך, אַז דידאָזיקע פרויען, וועלכע זענען זיכער געקומען צו פאָרן פון אַנדרעיס לאַנד, קאָנען אַוועקגיין, און דאַן וועט זי ווידער מוזן אומקערן זיך אויף דער פאַרשאָלטענער גאַס טיבומערי.

ס'איז פאַרביי נישט ווינציק צייט, ביז די געפלעפטע דאַמען זענען געקומען צו זיך. איינע פון זיי האָט אפילו באַוויזן אַרויסצולאָזן פוז די הענט עפעס אַ פאַקעט מיט איינגעקויפטע זאַכן.

— דער רוסישער קאָנסולאַט געפינט זיך אויף דער גאַס גרענעל. אָבער דאָרט העלפט מען בלויז די, ווער ס'איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, און נישט די, וועך ס'וויל פאָרן אַהין. קיין רוס־

לאַנד, טייערע, קאָן מען איצט נישט פאָרן, נישטאָ איצט קיין רוסלאַנד. דאָרט איז איצט אַ באָלשעוויסטיש גיהנום.

אָבער זשאַננאַ האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין דעם באַשולדיקנדיקן פאַטאָס פון דידאָזיקע דאַמען. זי איז געווען איינגעשפּאַרט:

— ניין! ניין! כ'מוז פאָרן קיין מאָסקווע. וואָס גיכער! תיכף...

אין דער העכסטער מאָס אויפגערעגט האָט איינע פון די דאַמען, יענע, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דעם פּאַקעט, זיך געווענדט צו איר פריינדין:

— קומט, מאַריאַ איליאינישנאַ! דאָס איז, זיכער, אַ באָלשעוויסטישע שפּיאָנקע. גיט נאָר אַ קוק, סאַראַ חוצפּהדיקע אויגן זי האָט!

פון זשאַננאַס חוצפּהדיקע אויגן האָבן דאַן געגומען רינען טרערן.

זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים שפּעט אינאָוונט. ס'קאָן זיין, אַז אין פּאַריז איז יאָ געווען אַ באָלשעוויסטישער קאָנסול. פּאַריז איז גרויס, און דערדאָזיקער קאָנסול האָט נישט אַרויסגעהאָנגען קיין שום מעלדונגען. זשאַננאַ איז אויסגעלאָפן אַ סך גאַסן, זשאַננאַ איז געווען אויך אין בייזן פּאַלאַצל אויף דער גאַס גרענעל. אָבער קיינער האָט זשאַננאַן נישט געוואָלט זאָגן, ווי אַזוי מען פאָרט קיין מאָסקווע.

קומענדיק אין איר ווינקל האָט זי זיך צוגעלייגט. פון קאַבינעט האָט זיך דערטראָגן צו איר כאַליביעווס הילכיקער באַס:

— טייערער הער נעי, מיטן רעכט פון אַ צוקונפטיקן קרובֿ דערלויב איך זיך אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז אייער פּלימעניצע איז אַ פאַרדאָרבנסטע פּערזאָן. נאָך ביים לעבן פון אייער אומגליקלעכן ברודער האָט זי זיך געווענדט צו מיר מיט די מיאוסטע פאָרשלאָגן.

נאָכדעם איז אַנטשטאַנען אַ פּויזע. און דערנאָך האָבן זיך אומגעריכט און ווילד פונאַנדערגעקראַכט די געלעכטער-ספּאַזמעס פון הער נעי גופא.

— אַזוי גאָר! נו, אַ דאַנק, גוטער ברודער, פאַר דער אינפאָרמאַציע. כ׳וועל, כאַ־כאַ, מאַכן דערפון די געהעריקע אויספירן.

— אַנדרעי, — האָט זשאַננאַ אַרויסגעמורמלט, — אַנדרעי, צי דען וועסטו מיך נישט באַשיצן?

אָבער אַנדרעי איז געווען ווייט. אָבער אַנדרעי האָט אין דערדאָזיקער שעה, איבער דער פאַרשנייעטער מאָסקווע, איבער־געחזרט: „טיבומערי, טיבומערי". און דער שרעקלעכער נאָמען פון דעם לאָך, וואו ס׳האָט זיך געצאַפּלט די אומבאַשיצטע זשאַננאַ, איז אים פאָרגעקומען אומדערהערט צאַרט.

## 15.

## וועגן ווערטער, וואָס ווייסן נישט פון קיין ליבע, און וועגן ליבע, וואָס ווייסט נישט פון קיין ווערטער

דער גרויסער שרייבער זשיל לעבאָ האָט געוואוינט אין אַ אָפּגעזונדערט הויז אויף דער שטילער גאַס סען־פּער, וועלכע ס׳האָבן ליב די אַנטיקוואַרן און בוקיניסטן. וועגן דעם האָט גע־וואוסט גאַנץ פּאַריז, און גאַנץ פּאַריז האָט געטרוימט אַדורכצו־שמוגלען זיך הינטער די אייזערנע טירן פון געהיימנישפולן הויז, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט אַזעלכע לאָקנדיקע בבא־מעשיות. זשיל לעבאָ איז אָבער געווען אַלט, אַלץ אָפטער פלעגט ער שפירן אַן איבלקייט, עפּעס פלעגט ווי אָפּשטאַרבן אין אים, די פיס זענען אים געשוואָלן געוואָרן און אים איז ווינציק געבליבן צו לעבן. דעריבער האָט ער גיריק געציטערט איבער די אי־בערגעבליבענע שעהן, ווי הער נעי איבער די פראַנקען. קיינער האָט נישט געהאַט צו אים קיין צוטריט. דערפון זענען די קלאַנ־גען געוואַקסן. שוין נישט נאָר די דאַמעלעך ביים פייפאָקלאָק ביי רומפּעלמייערן, נאָר אויך די ליטעראַטור־קריטיקער פון די אָוונט־צייטונגען האָבן גענומען פאַרזיכערן, אַז זשיל לעבאָ איז פון אַלטקייט געוואָרן אויסגעלאַסן און ער אָרדנט איין ביי זיך אָרגיעס מיטן אָנטייל פון מנישקעס, רוסישע באָלשעוויקעס (פון די געוועזענע קריגס־געפאַנגענע), פאַריינגערטע הערמאַפראָדיטן און אפילו מאַלפּעס.

און ווען זשיל לעבאָ האָט דערקלערט אין איינעם פון זיינע ביכער, אַז ער זעט די גאַנצע אומפאַרמיידלעכקייט פון דער נאָענטער רעוואָלוציע, מערער נאָך, אַז דידאָזיקע אומפאַרמיידלעכקייט פרייט אים, מיט איין וואָרט, ווען ער איז געוואָרן אַן אַנערקענטער פיינט פון דער געזעלשאַפט, האָבן זיך די קלאַנגען גענומען פאַרוואַנדלען אין סאַרקאַסטישע אַרטיקלען. די גאָר דרייסטע האָבן אפילו פאָרגעלייגט צו דערקלערן זשיל לעבאָ אַלס טאַלאַנטלאָזיקייט. אָבער, לכל הפחות, אַלס אַ לחלוטין איינגעשריבענעם. אָבער היות די לייענער זענען געוואוינט געוואָרן פון די קינדערישע יאָרן צו הערן טאָג־איין טאָג־אויס וועגן דעם, אַז זשיל לעבאָ איז נישט סתם אַ שרייבער, נאָר אַ „גרויסער" שרייבער, איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען.

אפילו די טונקלה פטע מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע האָבן מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט פיינט געהאַט די רעוואָלוציע, זענען געצוואונגען געווען צוצומשפטן די לעצטע פרעמיע פון אַכטהונדערט טויזנט פראַנק נישט קיין אַנדערן, ווי זשיל לעבאָן פאַר זיין בוך „איינציקע שלימזלערייען פון הער בעגעמאָט", אַ בוך, וואָס איז, אין תוך גענומען, געווען אַ בייסיקע סאַטירע סיי אויף דער אַקאַדעמיע, סיי אויף אַ סך אַנדערעס, וואָס איז נישט ווינציקער טייער די הערצער פון די זשורי־מיטגלידער. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט מאַכן... געוויס, די רעוואָלוציאָנערן דאַרף מען איינזעצן אין דער תפיסה סאַנטע, געוויס, מען מוז פאַרטאָפּלען אָדער אפילו פאַרצענפאַכן די הוצאות אויף דער געהיים־פאָליציי, אָבער זשיל לעבאָ איז פאָרט אַ גרויסער שרייבער!...

אין צומשפטנדיק די פרעמיע, האָבן די מיטגלידער פון פון זשורי ביי אַ פלאַש ווערמוט (רייבנדיק די קניעלעך צוליב אַפעטיט) דערציילט איינער דעם צווייטן:

— דערדאָזיקער לעבאָ איז אינגאַנצן אַן עובר־בטל. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין נאָרע און מאַכט דאָרט חתונה דעם איינציקן אַבאָנענט פון דער צייטונג „הומאַניטע" מיט אַ מענטשלעכער מאַ. פע, וועלכע ס'האָט אים צוגעשיקט פון סאַן־פראַנ־

ציסקאָ איינע אַ משוגענע פאַרערערין. מאָרגן וועלן מיר, זיכער, דערזען עפּעס גאָר פּיקאַנטס !...

זשיל לעבאָ האָט אָבער נישט אויפגענומען די מיטגלידער פון זשורי, וועלכע זענען געקומען אים גראַטולירן. דאָס איז, זיכער, געווען זייער נישט העפלעך. ער האָט אָבער טייער געהאַלטן זיין צייט.

אגב, די מיטגלידער פון זשורי האָבן גאָרנישט פאַרלוירן: אין לעבאָס הויז זענען נישט געווען קיין מנישקעס, נישט קיין מאַלפּעס. אַ חוץ דעם גרויסן שרייבער האָט דאָרט געוואוינט בלויז די פּרל. פּאַליעט, די אַלטינקע עקאָנאָמקע, וועלכע האָט יעדן פרימאָרגן געקאָכט פאַר זשיל לעבאָ קאַווע. און בעת די אָנפאַלן פון וויטיק פלעגט זי אים ברענגען אַ וואַרעם־פלאַש אָדער אַ פענכער מיט אייז.

זשיל לעבאָ איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין קאַבינעט, הילנדיק די פיס אין אַ פּליושענעם פּלעד, און האָט געשריבן. ער האָט געוואוסט, אַז אינגיכן וועט ער שטאַרבן, און האָט זיך דעריבער געאיילט. ער האָט געוואָלט פאַרענדיקן נאָך איין בוך. דאָס איז געווען אַ געשיכטע פון אַ סאַמע־געוויינלעכער ליבע, אַ געשיכטע אַ נאַאיווע און סענטימענטאַלע. נאָך פערציק ביכער, קלוגע, אָפּהוזקנדיקע און בייזע, וויסנדיק, אַז דאָסדאָזיקע בוך איז — דאָס לעצטע, אַז נאָך אים איז — בלויז דער טויט, האָט זשיל לעבאָ געוואָלט געפינען ווערטער באַזונדערס צאַרטע און פריינטלעכע. שטאַרבנדיק, האָט ער אפשר אויף אַזאַ אופן געוואָלט שלום מאַכן מיטן לעבן.

אין זיין קאַבינעט האָבן זיך געפונען אַ סך זעלטענע און ווערטפולע זאַכן: איבער אַ קאַטאַלונער קריסטוס פון געפאַרבט האָלץ, אָנגעטון אין אַ סאַמעטן קליידל, וועלכער האָט זיך געקאָרטשעט, דורכגעשטאָכן מיט אַ פּיקע, זענען געהאָנגען פּיקאַסאָס בילדער, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט פידלען, קאָמפּליצירטע, כיטרע און בייזע. נעבן דעם גרויסן געטש פון פּאָלינעזיע האָט מען געקאָנט באַמערקן די הכנעהדיקסטע געשטאַלטן פון נאָוואָראָדער איקאָנעס. דאָ זענען געווען עטרוסקישע וואַזעס, אַ מעקסיקאַנער

סקולפּטור פון לאַווע, די קירבּיס־באַנדזשאָ פון די נעגערס, גאַ־
טישע וויטראַזשן, קעסטעלעך, אין וועלכע די פלאָרענטינער פלעגן
אַריינלייגן די חתונה־געשאַנקען, געשניצטע קאַמען פון די לאַפּ־
לאַנדער, פּיראַנעזיס גראַווירן, יאַפּאַנישע ליליפּוט־ביימעלעך,
סעזאַנס נאַטור־מאָרטן, קאָנטרי־רעליעפן און אַ סך אַנדערע געגנ־
שטאַנדן, וואָס זענען פעיק אַראָפּצופירן פון זינען אַ דירעקטאָר
פון אַ יעדן מוזיי. אויף לאַנגע, אין דער ברייט פון דער וואַנט,
פּאָליצעס, אויסגעשטעלט אין רייען, האָבן זיך געגרייט צו מעג־
לעכע קאַמפן טויזנטער און טויזנטער ביכער, פון קאַמאַ־סוטראַ
ביז גיליאָם אַפּאָלינער, פון דער שטאַמלעריי פון די קירכע־פּאָטערס
ביז די אויסרוף־צייכנס פון די קאָמוניסטישע בראָשורן. צווישן
דעמדאָזיקן רייכטום איז געזעסן אַ קלוגער און אַלטער מענטש,
דער גרויסער שרייבער זשיל לעבאָ, הילנדיק די פיס אין פלעד
און ברענגענדיק פיינלעך אין זכרון, וואָסערע צאַרטע און רירנ־
דיקע ווערטער זענען דאָרט פאַראַן אויף דער וועלט, מיט וועלכע
מען זאָל קאָנען דערציילן וועגן אַן אויסערגעוויינלעכער ליבע פון
צוויי געוויינלעכע פאַרליבטע ?

אגב, איצט האָט ער דידאָזיקע ווערטער נישט געזוכט. אָפּ־
לייגנדיק די לאַנגע, פון אומצאָליקע פאַרמעקונגען בונט־געוואָרענע
בויגנס, האָט ער געוואַרעמט זיינע הענט ביים קאַמין און געוואַרט
אויף אַ קלאַפּ אין דער טיר. היינט איז פאָרגעשטאַנען אַ גאָר
זעלטענע געשעעניש : אַן אומבאַקאַנטער מענטש איז איינגעלאַדן
געוואָרן אין געהיימנישפולן הויז. דאָס האָט זיך דערקלערט מיט
דעם, וואָס באַקומען פון די מיטגלידער פון אַקאַדעמישן זשור
אַכט הונדערט טויזנט איז געווען אַ סך לייכטער, ווי אויסגעב
זיי. זשיל לעבאָן איז דערעסן געוואָרן איינצוקויפן געטשקעס, און
ער האָט פיינט געהאַט פילאַנטראָפּיע. ער האָט בכלל אַ סך זאַכן
פיינט געהאַט. דערביי האָט ער גאָרנישט ליב געהאַט. דערפאַר
אפשר זענען אויף די בויגנס פון זיין ניי, נאָך נישט דערשריבן
בוך געווען אַזוי פיל פאַרמעקונגען. מיט עטלעכע יאָר צוריק,
בעת אַזאַ האַס־אָנפאַל, האָט ער אָנגעשריבן זיין באַגריסונג צו
דער רעוואָלוציע. ער האָט אָבער אויך די רעוואָלוציע נישט ליב

געהאַט. ער האָט געהאַלטן די קאָמוניסטן פאַר גראָבלעכע און גאַאיווע מענטשן. ווען ער פלעגט הערן זייערע שמועסן וועגן דער צ״ונפטיקער גלייכקייט, פלעגט פון זיין געלבלעך, פאַרמעטן פנים ישט פאַרשווינדן דער שמייכל, און אין קאָפּ איז געבוירן געוואָרן ניי בוך, וואָס וואָלט געקאָנט בילדן די צווייטע טייל פון „די שלימזלערייען פון הער בעגעמאָט". ניין, זשיל לעבאָ האָט נישט ערוואַרט פון קאָמוניזם קיין שום נסים. די קאָמוניסטן האָבן אָבער פיינט געהאַט דאָס, וואָס דער גרויסער שרייבער האָט אויך פיינט געהאַט. דעריבער, ווען לעבאָ וואָלט געקאָנט ליב האָבן, וואָלט ער, אפשר, ליב געהאַט די קאָמוניסטן. דעריבער, דערשפּירנדיק נישט לאַנג צוריק ביים לייענען די צייטונג אַ באַזונדערס שאַרפן אָנפאַל פון באַקאַנטן האַס און עקל, האָט ער באַשלאָסן איבערצוגעבן דאָס באַקומענע געלט יענע, וועלכע האַסן, יעדנפאַלס, סיי דאָס זיגרייכע פראַנקרייך, סיי דעם שטאָל-סינדיקאַט, סיי די שטולן פון די אַקאַדעמיקער, סיי דעם זיסטן יעזוס. דערוויסנדיק זיך צופעליק, אַז צו זיין אַמאָליקן פריינט, אַ דעפּוטאַט פון דער פּאַלאַטע, קומט אַריין איינער אַ רוסישער קאָמוניסט, האָט זשיל לעבאָ, נישט געבנדיק קיין שום דערקלערונגען, געבעטן דעם דעפּוטאַט אַריינצושיקן צו אים דעמדאָזיקן מענטש.

פּונקט אין דער באַשטימטער צייט איז אין קאַבינעט אַריינגעקומען דער קאָמוניסט. דאָס איז געווען אַנדרעי. ער האָט זיך שטאַרק געענדערט. צו פינף-און-צוואַנציק יאָר זאָגט מען נישט וועגן אַ מענטש, אַז ער איז אויסגעוואַקסן. אַנדרעי אָבער איז מאַקע אויסגעוואַקסן און מעניש געוואָרן. זיין פּנים איז שאַרפער געוואָרן, די באַוועגונגען זענען געוואָרן האַסטיקער, די ליפּן ביטערער, די אויגן טרוקענער. צי איז דאָס פאַרגעקומען דערפאַר, וואָס „זיבעצן, גאַס טיבומערי" איז פאַר אים נאָך אַלץ געווען בלויז אַ נאָמען. וואָס געפינענדיק זיך שוין לאַנגע וואָכן אין פּאַריז, האָט ער זיך ביז איצט נאָך נישט אַנטשלאָסן צו וואַרפן זיך, ווי אַ חיה אויפן יעגער, אין דאָזיקן דעטעקטיוון-שטאַב? ער האָט געפּרווט צו האַלטן וואַך אויף דער גאַס, זשאַננאַ אָבער

האָט זיך נישט געוויזן. ער האָט געפּרוּווט אַרויסרופן זי טעלע־פאָניש, אָבער עפּעס אַ פאַנפעוואַטע שטימע האָט געענטפערט מיט אַ זידלעריי.

זשיל לעבאָ האָט פריינטלעך אויפגענומען דעם רוס. פאַר־לייגנדיק אים עטלעכע פראַגן וועגן דעם געפלאַנטן כאַראַקטער פון זיין טעטיקייט, האָט ער פון שאַפע אַרויסגענומען אַ פעקעלע דינינקע באַנקנאָטן.

— נאַט, מיין פריינט. דאָ האָט איר פונקט אַכטהונדערט. כ'ווינטש אייך פון גאַנצן האַרץ דערפאָלג. דערפאַר וועל איך אייך בעטן וועגן איינס: זאָגט קיינעם נישט, אַז איר האָט דידאָזיקע סומע באַקומען פון מיר. כ'האָב נישט מורא פאַר פאַרפאָלגונגען, מיר וואָלט זיך אָבער נישט וועלן, אַז אויך מיין דאָזיקע האַנד־לונג זאָל מען אויסטייטשן ווי אַ פאָזע פון אַ געלאַנגוויילטן עסטעט.

אַנדרעי האָט געדאַנקט. גוט — ער וועט קיינעם נישט זאָגן, און די זאַך וועט זיך איצט רוקן פאָרויס. אינגיכן וועט ער פאָרן קיין טולאָן.

זשיל לעבאָ האָט איבערגעריסן אַנדרעיען: באמנות, אים אינטערעסירן נישט דידאָזיקע פרטים. ער וויל בעסער שמועסן מיט אַנדרעיען וועגן אַנדערעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנ־גער און פאַרוויקלטער דיספּוט. זשיל לעבאָ, וואָס האָט נישט באַוויזן אָנצושרייבן די צווייטע טייל פון „די שלימזלערייען פון הער בעגעמאָט", האָט זי איצט דערציילט אַנדרעיען אויף אויסנווייניק. באַנאַלקייט בלייבט תמיד באַנאַלקייט. אַנדרעי זעט דידאָזיקע ווייסע און שוואַרצע געטער? זיי זענען פון האָלץ אָדער פון ביין. זיי זענען געווען אַ סך, זייער אַ סך. אגב, זיי וועלן תמיד זיין, דידאָזיקע געטער! אָן זיי וועלן זיך די מענטשן סיי־ווי נישט באַגיין. און אויב אַזוי, איז דען נישט אַלץ איינס, ווי אַזוי אַנדרעי רופט אָן זיין נייעם גאָט?

אַנדרעי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט; אַמאָל, אונטער־געבנדיק זיך דער בייסיקייט פון אַ פראַזע, פלעגט ער אַליין

אויך אונטערשמייכלען, אָבער אין עיקר האָט ער נישט נאָכ־געגעבן.

— און די פרייהייט? און די פאַרשידנקייט? און די אומ־גערעכטיקייט פון דער ליבע? — האָט זשיל לעבאָ אויס־געשריגן.

— מילא, דער מאַלוסק קומט אום — ווערט געבוירן אַן אינזל. מיט מיין אייגענעם ווילן מעק איך מיך אויס. צי איז דאָס נישט קיין פרייהייט? איך בין אַ קליינער פאַרטיי־אַרבעטער, כ׳עסק זיך מיט עפּעס אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. לענין אָבער איז דער פירער פון קאָמינטערן. אָבער צי דען טוען מיר נישט דיזעלבע זאַך? כ׳קלאָג זיך נישט און כ׳בין נישט מקנא. צי דען איז דאָס נישט קיין פאַרשידנקייט? און ליבע... נו, וואָס שייך ליבע, פאַרשטיי איך זיך נישט לחלוטין אויף דעם.

אַנדרעיס קול איז געוואָרן שאַרף, כמעט פיינטלעך. זשיל לעבאָ האָט אינסטינקטיוו אַ ביסל אָפּגערוקט זיין שטול און געזאָגט:

— יאָ, איר וועט מיך נישט פאַרשטיין. קאָן דען אַ פויגל באַגרייפן, אַז אַ פיש ווערט דערשטיקט אויף פרישער לופט, און אַ פיש — אַז אַ פויגל קומט אום אין וואַסער? דאָס זענען צוויי וועלטן, און איך? איך, מיין כעסנדיקער פריינט, האָב סיי זשאַב־רעס, סיי לונגען.

אויף דעם זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אַנדרעיס טריט האָבן עקשנותדיק, קריגעריש געקלונגען אין די פוסטע צימערן פון אַלטן אָפּגעזונדערטן הויז, און אַלע געטער, די ווייסע און די שוואַרצע, די הילצערנע און ביינערנע, האָבן פאַרוואונדערט אַ ציטער געטון. זיי האָבן שוין לאַנג נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. זשיל לעבאָ איז זיי געוויס אויך פאָרגעקומען ווי אַ גאָט, געמאַכט פון געלבער הויט און אַ פליו־שענעם פלעד.

דער קלאַנג פון די טריט האָט זיך דערטראָגן צום קאַבי־

נעט פון גרויסן שרייבער, ער האָט אים אַריינגעבראַכט אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. זשיל לעבאָ האָט דאָך קיינמאָל אַזוי נישט געשפּרייזט, אפילו ווען ער איז געווען יונג. אַזוי קאָן שפּרייזן בלויז דער, ווער ס'האָט וואוהין צו איילן. זשיל לעבאָ האָט קיינמאָל אין ערגעץ נישט געאיילט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשמייכלט. חוצדעם האָט ער נאָך געלייענט און דורכלייענענדיק אויף זיין לעבן אַ סך ביכער, האָט ער געוואוסט, אַז דאָס זענען די טריט פון אפיקורסים און פאַרליבטע. ווער ווייסט, אפשר איז דער רוס גערעכט מיט זיינע לונגען. און די זשאַבערעס? און די זשאַבערעס שטערן בלויז...

זשיל לעבאָ האָט פלוצלינג דערשפּירט אַ שרעקלעכן אומעט און אַ שרעקלעכע שוואַכקייט. צוואָס האָט ער גערופן צו זיך דעמדאָזיקן מענטש? צוואָס האָט ער געגעבן געלט פאַר אַ פרעמדער און ציללאָזער זאַך? ער האָט בלויז פאַרלוירן אַ האַלבן טאָג. און דאָס בוך, דאָס געליבטע בוך וועגן אַן אומגעוויינלעכער ליבע ליגט נאָך אַלץ אַ נישט דערשריבנס. צי דען פאַרשטייט דערדאָזיקער קאָמוניסט, וואָס אַזוינס ליבע איז? זיי זענען געמאַכט, דידאָזיקע מענטשן, נישט פון פלייש, נאָר פון לאַנגווייליקן מעטאַל. זיי דערהיצן זיך נאָר, ווען זיי שיסן. געוויס, דער נצחון איז אויף זייער זייט. אָבער וואָס איז דאָס גוטס דערפון? איין תפיסה וועט פאַרבייטן די צווייטע. די מענטשלעכע נאַרישקייט איז אומשטערבלעך. מען וועט אָנצינדן טויזנטער לעמפלעך און מיט פוסטע זאַלפן וועט מען אָנטון פאַרגעניגן ביי׳ע אַקאַדעמיקער. און די ליבע? קיין ליבע קענען זיי נישט. די ליבע, די אומנויטיקע און וואונדערשיינע, קען זשיל לעבאָ. זאָל זיין, אַז ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט ליב געהאַט. ער וועט אָנשרייבן אַזוי וועגן ליבע, אַז אפילו דערדאָזיקער קאָמוניסט, וואָס איז ענלעך אויף אַ מענטשן־מאַשין פון די אַמעריקאַנער אוטאָפיעס, אויך ער וועט זיך צעוויינען. אָבער וואו־זשע נעמט מען ווערטער פאַר אַזאַ בוך?

אַ מידער האָט זיך זשיל לעבאָ צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און זיך צוגעדעקט מיטן פּלעד. ס'איז אים געווען קאַלט

און אומגעמיטלעך. ער איז דאָך געווען אַלט, און דאָס לעבן האָט מיט יעדער־שעה פאַרלאָזט זיין איינגעשרומפּענעם געלבן קערפּער. אַך, דידאָזיקע שעהן, זיי פאַרשווינדן שנעלער, ווי די פראַנקן פון הער ריימאָנד נעי, און מ׳קאָן זיי נישט באַהאַלטן אין אַ גרויסער קאַסע! ער האָט פאַריתומט אַרונטערגעצויגן אונטער זיך די פיס. אין ריזיקן קאַבינעט איז ער געווען איינער אַליין מיט די ווייסע און שוואַרצע געטער, וועלכע האָבן געקרימט די ליפּן און געגלאָצט די אויגן.

אַרונטעררוקנדיק די האַנט אונטער דער וועסט, האָט זשיל לעבאָ דערשפּירט די וואַרעמקייט פון זיין ברוסט. דאָס האָט אים אַ ביסל געטרייסט. דאָס איז פונדעסטוועגן געווען מענטשלעכע וואַרעמקייט. קיין אַנדער וואַרעמקייט האָט ער נישט פאַרמאָגט. גאַנץ פּאַריז האָט אים ליב געהאַט. אים האָט קיינער נישט ליב געהאַט. אפילו דער פּרל. פּאַליעט איז שוין פון לאַנג דערעסן געוואָרן צו ברענגען אים די וואַרעם־פלאַש. ער איז געווען איינזאַם. ער האָט געמוזט אָנשרייבן אַ בוך וועגן ליבע, ער האָט געמוזט געפינען פאַרן דאָזיקן בוך ווערטער.

ווען ער זאָל וויסן, אַז נאָר־וואָס איז נעבן אים געזעסן אַ מענטש, וואָס איז פול איבער די ראַנדן מיט ליבע, אַז ס׳איז געווען אים אָוועקצוזעצן נישט נאָר נעבנצוגע קאַמין, נאָר אויך נעבן צום אַלטן האַרץ, כדי צו הערן אַזוי פיל ווערטער, צאַרטע און וואונדערשיינע, אַז זיי וואָלטן קלעקן אויף אַ סך בענדער. ווען ער זאָל נאָר וויסן, אַז איצט גייט דערדאָזיקער מענטש איבער דער גאַס סען־פער, וואו ס׳זענען דאָ אַ סך בוקיניסטן און אַנטיקוואַרן, וואו אין די שוי־פענסטער לערנען ליבע אָווידיוס און דאַנטע, וואו וועגן ליבע דערציילן די ברעטלעך פון די פלאָרענטינער און די מיניאַטורן פון די פּערסער, אַז צווישן זיי, און נישט קוקנדיק אויף זיי, גייט אַ געוויינלעכער מענטש אין אַ פאַלטן פון אַ קאָנפעקציע־מאַגאַזין, אַ טרוקענער מענטש, וואָס האָט דאָ גאָר נישט לאַנג צוריק פאַרזיכערט, אַז ער פאַרשטייט לחלוטין גאָרנישט אין ליבע, אַז ער גייט און

חורט איבער אַ מיידלשן נאָמען. ווען ער זאָל נאָר געוועסט וויסן, אַז זיין, זשיל לעבאָס, בוך וועגן ליבע וועט קיינ־מאָל נישט אָנגעשריבן ווערן, און דערדאָזיקער מענטש האָט שוין זיינס אָנגעשריבן מיט איין קורצינקן וואָרט: „זשאַננאַ".

## 16.

# הײַנט האָבֿן מיר יונגן װײַן!

אויף די שויבֿן פֿון אַ קלײנינקן רעסטאָראַן איז מיטקרײַד געװען אויסגעמאָלט אַן ענגל װײַנטרויבֿן. אַן אויפֿשריפֿט האָט אויפֿגעקלערט: „מיר האָבֿן הײַנט יונגן װײַן“. אַנדרעי האָט אַ קוק געטון — צי האָט ער נישט אַ טעות? אין פּאַריז זענען דאָך דאָ אַזױפֿיל רעסטאָראַנדלעך, און אַלע זענען זײ ענלעך אײנער אויפֿן צװײטן. נײן, דאַכט זיך, נישט קײן טעות געהאַט: גאַס קאַמפּאַן־פּרעמיער, דאָס פּערטע הױז פֿון ראָג, אַ שילד „באַגע־געניש פֿון פֿרײַנט און קוטשערס“. נישקשה פֿון אַ שילד! ער האָט נישט נאָר אָנגעװיזן אַנדרעיען, אַז דאָס איז טאַקע דאָס אָרט, װאָס ער דאַרף, נאָר ער האָט אויך װי דערקלערט, צװאָס ער איז אַהערגעקומען. נישט־מער, דער נײַער פֿרײַנט, מיט װעלכן אַנדרעי דאַרף זיך דאָ טרעפֿן, איז נישט קײן קוטשער, נאָר אַ שאָפֿער. אגבֿ איז דאָס נישט װיכטיק. צװאָס אַזױ פּעדאַנטיש אויפֿנעמען דעם ליבֿן אַלטן שילד? אפֿילו אַ פֿױגנץ אָדער אַ אַ קוימענקערער װאָלטן געקאָנט אַרײַנגײן אין דאָזיקן בכּבֿודיקן לאָקאַל, אָפּעסן אַ ראַגו אַ לאַ טולוז און אויסטרינקען אַ קרוג יונגן װײַן.

אַנדרעי האָט באַשטעלט אַ גלאָז. דער װײַן איז געװען טריבֿ און לײַכט, װי קװאַס. אַנדרעי איז געװען פֿרײלעך, פֿרײלעך אויך פֿאַרן װײַן. נײן, דער װײַן האָט דאָ נישט געהאַט װאָס צו זאָגן!

אַנדרעי וואָלט געמעגט אָנשרייבן אויפן שטערן ביי זיך: „מיר האָבן היינט יונגן וויין”.

באַלעבאָסטע, קוקט נישט אַזוי שעלמיש! ער קאָן טרינקען וואַסער און אויך אַזוי שמייכלען. ער איז אַלט פינף־און־צוואַנציק יאָר. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס באַדייט? דאָס איז נאָך אָבער נישט אַלץ. חוצדעם איז ער נאָך איצט פאַרנומען מיט זייער אַ פריילעכן ענין. איר וועט פרעגן: מיט וועלכן? דאָס טאָר מען אייך נישט זאָגן, ווייל איר וועט נאָך, אפשר, אַראָפּלאָזן דעם קרוג מיטן וויין און איר וועט לויפן נאָכן וואָנסעדיקן פּאָליציאַנט. איר האָט דאָך אַזוי שטאַרק מורא פאַר שטרייקן: מען האָט נישט דאַן נישט קיין גאַז, נישט קיין וואַסער. אָבער הערט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אייער פריילעכער גאַסט איז פאַרליבט. אָבער, גאָט מיינער, אין וועמען־זשע? אויך דאָס וועט איר נישט דערגיין. איר האָט אַ שלעכטע געוואוינהייט: איר האָט ליב צו פּלאָטקעווען מיט דער אַלטער שומרטע. אגב איז דאָס נישט וויכטיק: איר קענט זי סיי־ווי־סיי נישט. איצט פאַרשטייט איר שוין, אַז שולדיק איז נישט אייער וויין, וואָסערע מעלות ער זאָל נישט פאַרמאָגן.

און דער יונגער וויין, אַ צאַרטער און לייכטער, שפּילט מיט סעפּטעמבער־גאָלד אין שמאָלן גלאָז. ווי גוט ער שמעקט! דאָס איז דער ריח פון ענגל, וואָס איז קוים גערירט דורך די ערשטע פרימאָרגן־פרעסטלעך, דאָס איז דער מונטערער ריח פון האַרבסט, פון פוסטע פעלדער, פון סקריפּעדיקע פורן, פון הויכן קלאָרן הימל. אַלע טרינקען אים, דעם יונגן וויין. נישט יעדן טאָג איז ער דאָך דאָ. ס'טרינקט די באַלעבאָסטע און פאַרגעסנדיק וועגן די נישט־אויפגעמאָנטע פראַנקן פון די געסט, טופּעט זי צו מיט דעם פוס, טאַנצט זי צו: טרינקט, פריינט! דאָס פּלעטעלע, יענץ, וואָס איבער דעם בופעט, זאָגט ליגן: „היינט פאַר מזומן, און מאָרגן אויף באָרג”. ווער האָט דאָס גאָר אויסגעטראַכט? ביין, לייענט אַנדערש: „היינט יונגער וויין, און מאָרגן”... אויב אָבער היינט איז יונגער וויין, איז נישטאָ קיין שום „מאָרגן”.

סטרינקען אים אויך די צוויי פּאַרליבטע, וואָס האָבן זיך אַריינגעזעצט ווי פייגל אין פינסטערסטן ווינקעלע. ער איז נישט קיין קוטשער, ער איז אַ שלאָסער, קיין קוטשערס זענען דאָ בכלל נישטאָ, די קוטשערס זענען נאָר אויפן שילד. דערפאַר איז דאָס, נו געוויס, אַ באַגעגעניש פון פריינט. זי איז אַ מידינעטקע, זי מאַכט שיינע היטן. אָבער זי אַליין טראָגט נישט קיין הוט, היטן קאָסטן דאָך זייער טייער. אגב, איצט האָט זי אויף דעם קיין חרטה נישט, איצט וואָלט אַ הוט בלויז געשטערט. ווען מען טראָגט אויפן קאָפּ אַ הוט, איז נישט באַקוועם צו קושן זיך. און פּאַרליבטע, נישט נאָר זיי טרינקען יונגן ווייַן, זיי קושן זיך אויך אָפט און צאַרט. אויך דאָס איז נישט פון ווייַן. זיי וואָלטן זיך געקאָנט קושן אויך אויף דער גאַס, אונטער אַן אַלטן שירעם, אָבער קושן זיך אויף דער גאַס שטערן די דורכגייער.

וואָס איז דאָ צו רעדן — אַ גוטער ווייַן! ס'האָט אים אַ זשלאָקע געטון אויך דער אַלטער אָווערנער*), וועלכער פאַרקויפט ביים אַריינגאַנג אין רעסטאָראַנדל הייסע קאַשטאַנעס, אַ זשלאָקע געטון און אַ געשריי געגעבן:

— יונגער ווייַן! פרייַלעכער ווייַן!

מיינט נאָר נישט, אַז אָווערנער זענען די, וואָס זאָגן ליגן. ליגנערס זענען די גאַסקאָנער, און די אָווערנער פאַרקויפן קאַשטאַנעס. דער אַלטער שפּרינגט איבערן אויוועלע, מיט אָפּגעסמאַליעטע פינגער קערט ער איבער די קאַשטאַנעס, וועלכע שפּאַלטן זיך פון היץ און שיסן הויך. עס לאַכט צו דער אָווערנער: גוטע קאַשטאַנעס אין אָווערן, גוטער ווייַן אין טורען, אַ גוט לעבן אויף דער גרויסער וועלט! ניין, די אָווערנער זענען נישט די, וואָס זאָגן ליגן!

פרייַלעכער פאַר אַלעמען איז געווען אַנדרעי. לעבאָ איז אַ כוואַט. איצט וועט זיך דער ענין רירן. אַנדרעי האָט געמוזט וואָס גיכער אָנהויבן די אַרבעט. ער האָט געעיִירן, ווי יונגער

---

*) אָווערן — אַ פראַנצייזישע פּראָווינץ. — איבערז.

זיין, וואָס קאָן אויפֿרייסן אייזערנע פֿעסלען. ס'איז שוין פֿאַריבער אַ חודש, זינט ער האָט פֿאַרלאָזט מאָסקווע, און דעם אמתזאָגנדיק — דערדאָזיקער חודש איז געווען זייער אַן אומעטיקער. אין קאָוונע האָט ער געמוזט צוערשט שטאַרבן, דערנאָך אויפֿשטיין תּחית־המתים אין דער געשטאַלט פֿון אַ געוויסן קאַזימיר באַטאַטייטיס, וועלכער איז געפֿאָרן קיין פּאַריז, כּדי איינצוקויפֿן פֿאַר אַ גאַנץ טוץ ליטווישע מיניסטעריומס (וועלכע זענען זיך ביז דער לעצטער צייט באַגאַנגען מיט איין רעמינגטאָן, וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין דער פּראָגימנאַזיע פֿאַר מיידלעך) פֿראַנצויזישע שרייב־מאַשינקעס: צו טוץ פֿאַר יעדן מיניסטעריום. אַריבערפֿאָרנדיק די פֿראַנצויזישע גרעניץ האָט ער מער נישט געטראַכט נישט וועגן די מיניסטעריומס, נישט וועגן די מאַשינקעס, אָבער זיין פֿאַמיליע האָט ער געחזרט מיט אַ מוסטערהאַפֿטן פֿלייס: די פֿאַמיליע איז געווען נישט פֿון די לייכטע און זי האָט זיך שלעכט אַרויסגערעדט.

פֿאַרוואָס האָט אַנדרעי באַשלאָסן צו פֿאָרן דווקא קיין פֿראַנקרייך? ערשטנס האָט ער פֿון קינדווייז אויף אויסגעצייכנט באַהערשט די פֿראַנצויזישע שפּראַך, אַזוי אַז זשאַננאַ האָט אים ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט אָנגענומען פֿאַר אַ פּאַריזער. צווייטנס, — אין דעם זאַטן, זיגרייכן פֿראַנקרייך איז זיין אויפֿגאַבע פֿאָרגעקומען ביז גאָר שווער און האָפֿנונגסלאָז. ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אויך אַ „דריטנס“, אָבער וועגן דאָזיקן „דריטנס“ האָט אַנדרעי נישט ליב געהאַט זיך מודה צו זיין אפֿילו פֿאַר זיך גופֿא.

אַרומקוקנדיק זיך אין פּאַריז האָט ער באַשלאָסן פֿאַרנעמען זיך מיט די מאַטראָסן. ס'קאָן זיין, אַז דאָ איז געקומען צום וואָרט די דערינערונג וועגן דעם בונט פֿון פֿראַנצויזישע מאַטראָסן אויפֿן שוואַרצן ים, אין ס'קאָן זיין, אַז פּשוט דאָס בלויזע וואָרט „מאַטראָס“ האָט אים צוגעגעבן האָפֿנונג. מאַטראָסן זענען אומעטום — מאַטראָסן. זיי טראָגן קיינמאָל נישט קיין האַרטע היטן און אַ גוטער שטורעם איז נישט קיין נאָווינע פֿאַר זיי. טולאָן קאָן זיך אַמאָל אַרויסווייזן אַלס אויסגעצייכנטער קראָנשטאַט.

דער אָפּהאַלט איז געווען אין געלט. אָבער דער נעכטיקער טאָג האָט אַלץ געענדערט. די מיטגלידער פון זשורי האָבן אַרויסגעהאָלפן. איצט קאָן ער פאָרן קיין טולאָן אָדער ברעסט. מען דאַרף זיך נאָר פאַרבינדן מיט עמעצן. און אָט איז ער געקומען אַהער, כדי צו טרעפן זיך מיט אַ שאָפער, מיט פיער פואַטראַ. דער דאָזיקער איז נישט ווי די אַנדערע, ער איז אַן אמתער קאָמוניסט!

יאָ, עס גייט אויף אַ לאַד! און אַנדרעי איז פריילעך געווען. דערמאַנענדיק זיך וועגן דער נעכטיקער אַמפעריי. האָט ער אפילו דערפילט צו זשיל לעבאָן עפּעס ענלעכס צו רחמנות. געוויס, ער איז אַ גרויסער שרייבער. „בעגעמאָט” איז אַ פּרעכטיק בוך. פונדעסטוועגן איז איבער עפּעס אַ רחמנות אויף אים. ווי זיינע געטער קוקט ער אויף אַלץ מיט גלעזערנע אויגן. אַז מען קוקט זיך גוט צו — אַן אָרימער איינזאַמער זקן. ניין, אַנדרעי איז גליקלעכער פאַר אים! לעבאָ גלויבט נישט אין דער רעוואָלוציע. לעבאָ האָט נישט ליב קיין מענטשן. און נאָך, און נאָך: צי דען ווייסט דער גרויסער שרייבער, וואָס עס איז אַזוינס דאָס שמוציקע געסל טיבומערי? אָרימער לעבאָ!

אַנדרעי האָט אָבער באַדויערט לעבאָן אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק, צווישן צוויי געדאַנקען וועגן דער דרוקעריי אין טולאָן, צווישן צוויי זיפצן וועגן דער ברוינער זשאַננאַ, צווישן צוויי גלעזער יונגן וויין. גוט, כּדבעידיק באַדויערן קאָנען בלויז אַלטע לייט. ס'קאָן זיין, אַז אויך אַנדרעי וועט זיך עס מיט דער צייט אויסלערנען — אין אַ פערציק יאָר אַרום — בערך. אָבער היינט? היינט האָבן מיר יונגן וויין!

ס'איז אַריין אַ נייער גאַסט. באַלעבאָסטע, זייט מוחל אויך אים אַ גלעזל! ער האָט געטראָגן סאַמעטענע הויזן און אַ קורטקע מיט קאָזע־פעל פון דרויסן. אַ פריילעכער גאַרניטור, און ער גופא איז אויך אַ פריילעכער. ער האָט געטרונקען וויין און אָפט פאַרקוקט אין פענסטערל. ווען־זשע האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט: אַ פריינט אָדער אַ הינטל? אָבער ווי קומט: דאָס איז דאָך טאַקע געווען „דער סאַמע עכטער קאָמוניסט”, דער שאָפער פיער פואַטראַ,

און געוואַרט האָט אויף אים, ביי דער טיר אַ ריזיקער אויטאָ. פּואַטראַ האָט אַריינגעוואָרפן אין שפּילקאַסטן צוויי סו, און אַלע גלעזער מיט ווייַן אָדער אָן ווייַן האָבן גענומען קוויטשען פון דער ברומעריי פון שפּילקאַסטן. „מאַריאַן, שיינע מאַריאַן!“ ס׳קאָן זיין, אַז פון זערדאַזיקער מאַריאַן האָט די באַלעבאָסטע באַקומען וואַסער אין די אויערן, דערפאַר אָבער האָבן די פריינט געקאָנט אויסרעדן זיך וועגן אַלץ וויפיל זיי האָבן נאָר געוואָלט. דער שמועס איז, אגב, געווען אַ קורצער.

— באַקומען.

— אָט דאָס איז גוט! נו, איצט האָבן מיר זיי אין די הענט! כ׳וועל מיט אייך אַ פּאָר טון.

— געמאַכט. צוערשט מאַרסעל, דערנאָך ברעסט. מען דאַרף נאָר פאַרלייגן אינסטרוקציעס אין קאָמיטעט.

— דאָס — דאָנערשטיק.

דאָס געשעפט איז געמאַכט. און איצט קען מען לאַכן, מען קען אויסטרינקען נאָך צו גלעזל יונגן, זיסן וויין.

פּואַטראַ האָט ווידער אַריינגעוואָרפן אַ מטבע אין דער מאַשינקע, דאָס מאָל צוליב ריינעם פאַרגעניגן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ סענטימענטאַל ליד. דאָס איז געווען אַ ליד, וואָס מ׳האָט געזונגען סיי אין די פּרעכטיקע באַרן פון מאָנמאַרטר, סיי אין די פאַרוואָרפענע פינסטערע הויפן פון פופצנטן פּאָליציי-צירקל. דאָס איז געווען אַ ליד וועגן דעם, ווי גוט עס איז צו דרימלען נעבן אַ בלאָנד מיידעלע. ניין, ריכטיקער איז דאָס געווען אַ ליד וועגן דעם, ווי נישט גוט עס איז, ווען דאָס בלאָנדע מיידעלע גייט אַוועק, ווי אומעטיק ס׳איז דאַן צו שלאָפן אַליין. פּואַטראַ איז גערירט געוואָרן. זערדאַזיקער מענטש אין דער קאָזענער קורטקע האָט ווירקלעך געקאָנט טון אַלץ: שיסן פון אַ מיטראַליעזע, קאָכן לינזן, אָנפירן מיט אַ מאָטאָר-שיפל, זינגען ראָמאַנסן וועגן בלאָנדן מיידעלע, אינסטאַלירן עלעקטרישע גלעקלעך, פאַנגען לאַנגוסטן, מאַכן רעוואָלוציע, טרויערן, לאַכן און ליב האָבן. ווער וועט זאָגן, אַז דאָס איז ווינציק פאַר איין מענטש? פּואַטראַ איז תמיד געווען פריילעך, אפילו דאַן, ווען ער איז געווען טרויעריק. אָפּ-

זיצנדיק נישט לאַנג צוריק פיר חדשים אין פּאָליטישן פּליגל פון דער תפיסה סאַנטע, האָט ער זיך אויסגעלערנט צו שפּילן אויף אַ קאָם און צירעווען (ביז איצט פּלעגט ער צעריסענע שקאַרפּעטקעס פאַרנייען). חוצדעם האָט ער אין דער צעלע געזונגען אַזעלכע פרײלעכע לידער, אַז אפילו די מוטיקסטע אויפזעערס פלעגן קראַנק ווערן אויף .מיגרען. געוואוינט האָט ער איינער אַליין אין אַ בוידעם־שטיבל. אינדערפרי פלעגט ער „אַנדרייען" דעם אויטאָ, אינאָוונט גיין אויף פּאַרטיי־פּאַרזאַמלונגען און זאָגן צום לעבן — יאָ.

איצט האָט ער געזאָגט — יאָ אויך צום יונגן ווײַן. און ווען די מאַשינקע האָט עקשנותדיק גענומען דערציילן וועגן דעם בלאָנדן מיידעלע, איז ער געווירט געוואָרן, האָט אויסגעווישט מיט אַ רויט זיידן נאָזטיכל די שאָפּערשע אויגן, וועלכע האָבן, דאַכט זיך, געדאַרפט צוגעוואוינען זיך סיי צום שטויב, סיי צום בענזין, וואָרשיינלעך זענען אויף דעם געווען סיבות.

אַנדרעי האָט נישט געהערט די לידער. אַנדרעי האָט איצט געטראַכט וועגן איינס: צי דען וועט ער טאַקע אַוועקפאָרן קיין טולאָן, נישט זעענדיק פריער זשאַננאַן? ניין, דאָס קאָן נישט זיין! זי איז ערגעץ דאָ דערלעבן. זי איז אין פּאַריז, און ער קאָן זי נישט געפינען! גיין אַהין? אָבער דערמיט וועט ער נישט נאָר זיך אויסגעבן, ער קאָן אומברענגען אויך זי. דער פעטער, אַ דעטעקטיוו־ביוראָ, אַ רוסישער באָלשעוויק. וואָס־זשע טוט מען? ער קאָן נישט אָן איר!... ברוינע, אומעטיקע, ליבע, וואו ביסטו?...

אַנדרעי האָט אָנגענומען פּוּאַטראַן פאַר אַן עלנבויגן.

— כ'וויל אייך בעטן אַ טובה. כ'מוז דאָ אויפזוכן אַ באַקאַנטע. פאַר אַן אומלעגאַלן איז אוממעגלעך צו גיין אַהין. ס'איז לייכט אויך זי אַרײנצופּלאָנטערן. אפשר וועט איר האַלטן וואַך מיט דער מאַשין לעבן הויז?

— געוויס! דערציילט מיר נאָר, ווי אַזוי זעט זי אויס?

מילא. אַנדרעי האָט דערציילט. אָבער ווי ס'שיינט איז דאָס

נישט געווען קיין רואיקער אויפצייל פון סימנים. ווי ס'שיינט, האָט דאָס פאַר קיין פאַל נישט דערמאָנט נישט קיין פּאָליצייאישן פּראָטאָקאָל, נישט קיין פּערסאָנאַזש־באַשרייבונג אין די ראָמאַנען פון גרויסן שרייבער זשיל לעבאָ. ער איז געווען באַשיידן, ער האָט נישט געזאָגט קיין שום איבעריקס. דאָס איז אָבער אַזוי דערציילט געוואָרן, אַז פּיער פּואַטראַ האָט ווידער אַרויסגענומען דאָס זיידענע נאָזטיכל, הגם די מאַשין איז שוין פון לאַנג שטיל געוואָרן. ווען אַנדרעי האָט געענדיקט, האָט פּואַטראַ געזאָגט:

— הייסט עס, אַז אויך איר האָט אַ פריינדין? איך — אויך. מיינע איז אַ בלאָנדינקע.

איז אָט צוליב וואָס דער שאָפער האָט צו אויפמערקזאַם געהערט די קאַטאַרינקע. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט נישט געוואוסט ווי גוט עס איז צו דרימלען מיטן דאָזיקן מיידעלע, אָבער ווי אומעטיק עס איז צו שלאָפן אַליין — דאָס האָט ער זיכער געוואוסט.

אַנדרעי האָט זיך נישט באַליידיקט. דאָס וואָרט „פריינדין", אָנגעווענדט צו זשאַננאַן, צו זשאַננאַן, מיט וועלכער ער איז געווען צוזאַמען, ליב באַקומענדיק זי, בלויז איין שעה, אונטערן רעגן, ביי אָרלוט, — דאָסדאָזיקע וואָרט האָט אים נישט געשטערט. ער וואָלט זיך פאַר קיין פאַל נישט מודה געווען פאַרן גרויסן שרייבער זשיל לעבאָ, וואָס ווייסט גוט אַלע ווערטער וועגן ליבע, אַז ער, אַנדרעי, האָט עמעצן ליב. ס'איז אים אָבער לייכט געווען צו רעדן וועגן זשאַננאַן מיטן דאָזיקן פרייליכן חבר, וועלכער האָט אויך איינע, אָבער נישט קיין ברוינע, נאָר אַ העלע, אַ בלאָנדינקע.

פּואַטראַ האָט ווייטער געזאָגט:

— מיינע טאַנצט אויף אַ שטריק.

ניין, דאָס איז נישט געווען קיין אַלעגאָריע. קיין אַלעגאָריעס האָט פּואַטראַ קיינמאָל נישט באַנוצט. דאָס איז געווען אַ פּראָפעסיע. די קליינע ליזעט, דעם שאָפערס פריינדין, האָט געאַרבעט אין אַ וואַנדערנדיקן באַלאַגאַן, און יעדן אָוונט פלעגט

זי אין איינעם פון די פּאַריזער צוואַנציק צירקלען טאַנצן אויפן שטריק.

— יאָ, זי טאַנצט אויפן שטריק, די שעלמישע ליזעט. און אייערע?

אַנדרעי האָט גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. וואָס טוט איצט זשאַננאַ? ווער ווייסט? אויף איין מינוט האָט אים באַהערשט אַ באַאומרואיקונג. ער האָט דערפילט אַ נויטווענדיקייט אַרויסצורעדן אויפן קול איר כמעט פאַרבאָטענעם נאָמען.

— זי? ניין, זי איז נישט ליזעט. זי איז זשאַננאַ.

ווי פריידיק, ווי גוט ס׳האָט אָפּגעקלונגען דאָסדאָזיקע וואָרט!

— נו, פאַר אייער זשאַננאַ!

פּואַטראַ האָט אויפגעהויבן דאָס גלאָז מיטן יונגן וויין. אַנדרעי האָט אַ שמייכל געטון און אויסגעטרונקען. יאָ, פאַר זשאַננאַן! יונגער, פריילעכער וויין! ס׳איז געווען אומגליק, אָבער וואו איז עס? און די צעשיידונג? צי דען איז שרעקלעך צעשיידונג, ווען מען האָט אַזוי פיל יאָרן פאַר זיך, ווען מען דאַרף נישט ציטערן איבער די שעהן, ווי ס׳ציטערט דער פרוש פון דער גאַס סענ־כער? ניין, אויך די צעשיידונג קומט נישט אין באַטראַכט! הייסט עס, פאַר זשאַננאַן!

געוויס, דער יונגער וויין וועט ווערן אַלט. דאַן וועט ער ווערן טייערער. מבינים וועלן אין אים געפינען דעם „אַראָמאַט“. די פאַרשימלטע פלעשלעך וועלן ווערן אַ לאָקונגס־מיטל פאַר גאַסטראָנאָמען און סנאָבן. דעמדאָזיקן אַלטן, טייערן, גוט־אויס־געהאַלטענעם אין פינסטערע קעלערס וויין וועלן מענטשן אָנ־הויבן פאַרערן, ווי זיי פאַרערן איצט דעם אַלטן זשיל לעבאָ. מען וועט אים טרינקען אויף פייערלעכע באַנקעטן, און דאַן וועט דער אַלטער וויין נישט איינמאָל אַרויסווייזן זיך אַלס טרויעריקער וויין, לייגנדיק זיך ווי אַ שטיין אויפן האַרץ פונם ביטרען מיניסטער, איבעררייסנדיק די דערינערונגען פון די גרוי־ווערנדיקע שיינהייטן און צווינגענדיק צו וויינען די דיכ־

טערס, וואָס לעבן שוין מיט בלויזן רום. ס'קאָן זיין, אַז אויך אַנדרעי וועט ווערן אַזאַ. ס'קאָן זיין, אַז אויסטרינקענדיק דאַן אַ גלאָז אַלטן ווײַן, וועט ער זיך דערמאָנען וועגן זשאַננאַן, וועגן דאָזיקן אָוונט אין קליינטשיקן רעסטאָראַנדל, וואו די קאַטאַרינ-קע האָט געזונגען, און די באַלעבאָסטע האָט איר צוגעטאַנצט אין טאַקט, וועט זיך דערמאָנען און טרויעריק ווערן. ס'קאָן זיין. אָבער היינט האָט ער ליב. אָבער היינט איז ער פריילעך. אָבער היינט... אָבער היינט האָבן מיר יונגען ווײַן! אויב איר גלויבט נישט, טאָ פרעגט דעם אָווערנער. די אָווערנער זאָגן קיינמאָל נישט קיין ליגן.

17.

## זיי האָבן זיך געטראָגן צו גאַסט צום גליק

עס טרעפן העלע טעג, עס טרעפן אויך כמורנע, רעגנדיקע. וואָס זאָל מען אָבער זאָגן וועגן דאָזיקן טאָג? ביז מיטאָג האָט דאָך, לכל הפּחות, אַ מאָל צען גערעגנט און אַרויסגעקוקט די זון. דאָס איז, יעדנפאַלס, געווען זייער אַ קאַפּריזנער טאָג. די דאַמען האָבן נישט באַוויזן אויפצועפענען און צוצומאַכן די שירעמס. די טראָטואַרן פלעגן שנעל אויסטריקענען און ווערן העל־גרוי, אפילו שטויביק, און דערנאָך פלעגן זיי ווידער גלאַנצן, ווי ס׳וואָלטן זיי אָנגעוואַקסט גאַנצענע פולקן איטאַליענער, וועלכע זיצן, מיט אונטערגעבויגענע פיס, אויף די גאַס־ראָגעס מיט באַטאַרייעס פאַרשידנקאָליבערדיקע בערשטלעך. אַזעלכע טעג טרעפן זיך בלויז אין פעברואַר, ווען דער אויסגאַנג פון דער מלחמה צווישן ווינטער און פרילינג איז נאָך נישט קלאָר. דער קורצער פעברואַר קאָן ווערן אַ גרויסער סעזאָן, אַן אמתע תקופה פון יאָר. געוויינלעך אָבער ווערט ער גאָרנישט, ער לויפט פאַרביי, ווי עפעס נישט דערזאָגטס. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַן עכטער פעברואַר־טאָג. ער האָט פאַרמאָגט גלייך אויף גלייך טיי פרייד, טיי אומגליק. עלף אַ זייגער האָט אפילו דער אָנשטעלער פון ראָיאַלן פון דער גאַס טיבומערי, אַ וואָרטשענדיקער רעוומאַטיקער, געשמייכלט קוקנדיק אויפן דינינקן פלינקן שטראַלכל, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין פינסטערן הויף. און אַ פערטל

צוועלף האָבן דערשראָקן געציטערט, דורכגעווייקטע ביזן לעצטן פעדימל, די יינגלעך, וועלכע האָבן געלאָזט פאַפירענע שלאַנגען אין לוקסעמבורגער גאָרטן און אין פאַרק מאָנסאָ. הייסט עס, אַז זיי האָבן זיך טועה געווען, אין ווינטער לאָזט מען דאָך נישט קיין שלאַנגען, ווינטער שפּילט מען אין באַהעלטעניש. צי איז דאָס אָבער ווינטער? אָט איז ווידער די זון. אויב אַזוי איז אפשר פרילינג? אפשר...

אָבער אין דער חשובער קאַנטאָר אויף דער גאַס טיבומערי איז אומבאַדינגט געווען ווינטער. אפילו די דורכדרינגלעכסטע, די פלינקסטע שטראַלכעלעך זענען אַהין נישט אַריינגעדרונגען. מען האָט געקאָנט אַרויסהענגען אַן אַנטשפּרעכנדיקע מעלדונג: אייפערזיכטיקע, יאַבעדניקעס, אינטריגאַנטן, שטויב, נעפּל, ביטע, זייט מוחל אַהער! אָבער די זון... ניין, די זון איז עפּעס זייטיקס, דער זון איז פאַרווערט אַריינצוקומען.

פונקט אַזאַ טרויעריקער, מיט קיין שום זאַך נישט־באַצווינגבאַרער ווינטער האָט געהערשט אויך אין האַרץ פון דער קליינינקער אָנגעשטעלטער, וועלכע אַלע האָבן געפייניקט: סיי דער הער דירעקטאָר, סיי די איינגעפאַלענע נאָז, סיי די באַזוכער, און אפילו די פאַרזשאַווערטע פעדערס. איר איז דאָך ביז איצט נישט געלונגען צו אַנטלויפן אין דער ווייטער מאָסקווע! זי האָט געמוזט אויסהערן, דאָ פאַרוואורפן, דאָ די שמוציקע חנדלעך פונם הער ריימאָנד נעי, רעגיסטרירן פאַפּירלעך און וואַרטן. וואַרטן... אָבער אויף וואָס? יאָ, געוויס, בלויז אויף אַ נס! צי דען איז נישט על פי נס געקומען צו איר אין דער שרעקלעכער נאַכט דער גוטער זאַכאַרקעוויטש? אַנדרעי האָט געזאָגט: „כ׳וועל קומען צו פאָרן“. און יעדעס מאָל, ווען די טיר פון קאַנטאָר פלעגט זיך עפענען, פלעגט זשאַננאַ אויפציטערן. אָבער אָנגעכמורעט האָבן געקוקט אויף איר די נייע קליענטן, פאַרזאָרגטע בלויז מיט זייערע אינטריגעס און שווינדלערייען. אַנדרעי איז נאָך אַלץ נישט געקומען. אפשר האָט ער פאַרלוירן דעם אַדרעס? אפשר האָט מען אים דערשאָסן? לויפנדיק איבער פאַריז, האָט זשאַננאַ איינמאָל דערזען די סענע. ווען זי זאָל נאָר חיסן אויף זיכער,

אַז אַנדרעי וועט נישט קומען צו פאָרן! אין סענע איז דאָ אַ סך רויק און טונקל וואַסער.

אין דאָזיקן פעברואַר־טאָג, ווען די ראַמען האָבן אומרואיק אויסגעצויגן די הענט — צומאַכן דעם שירעם? עפענען דעם שירעם? — איז זשאַננאַ געזעסן איבער אַ הויפן פאַפירן.

ס'איז אַריינגעקומען גאַבריעל. צי וועט זי זשאַננאַ נישט באַגלייטן צום קרעמעלע? דער פאָטער האָט געהייסן קויפן צוויי טוץ שנעקעס.

הער נעי האָט באַגלייט מיט אַ קראַכנדיקער שטים:

— אָבער פעטע און נישט טייערער ווי אַכצן סו! און דו (דאָס איז געווען אויף זשאַננאַס חשבון) זיי אַזוי גוט און שטיי נישט צו צו קיין מענער. ווען דו גייסט מיט מיין טאָכטער. כ'זע דיך דורך און דורך!

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין אַ גליקלעכער מינוט, ווען דער פרילינג האָט געהאַט די איבערהאַנט, און דערשפירנדיק אויף איר באַק דעם וואַרעמען ציטער פון דער זון, האָט גאַבריעל געזאָגט:

— דאָס איז ווי דאַן, ווען ער קושט. דאָס איז גוט. דאָס איז פרילינג.

זשאַננאַן אָבער האָט קיינער נישט געקושט. דאָס איז פרילינג? ניין, דער פרילינג איז געבליבן אין פעאַדאָסיע. און דאָס איז נישט קיין פרילינג, דאָס איז ... ד... גאַס טיבומערי!

ביים טויער האָט זי דער...ען ז...ן או...אָ. איינער אַן אומגעדולדיקער אייפערזיכטיקער האָט מ... א ג...איילט אַהער, געאיילט אין איין אָטעם, איילנדיק זיך צו דערוויסן, ווי אַזוי דאָס ווייב פאַרראַט אים, מורא האָבנדיק דאָס צו דערגיין, מורא האָבנדיק און איילנדיק זיך, דאָ שרייענדיק צום שאָפער: „שטיי, צוריק!“, דאָ קלאַפנדיק מיטן שטעקן אין שויב און אונטעריאָגנדיק די מאַשי... „שנעלער!“

דער שאָפער האָט אָבער איבער עפעס אַ רוף געטון זשאַנאַן. זי האָט זיך אומגעקוקט. דאַן האָט ער זי צוגערופן מ... אַ האַנט־באַוועגונג. אָפלאָזנדיק די בלינדע איז זשאַנ...

אַליין צוגעלאָפן. קיינער קאָן זי דאָך נישט רופן, קיינער, אַ חוץ אים!

און פּיער פּואַטראַ, דער פריילעכער שאָפער אין דער קאַזשע.ער קורטקע, האָט געשמייכלט:

— אָט סאַראַ איר זענט! אינגאַנצן אַ ברוינינקע...

— איר האָט מיך גערופן?

— יאָ, דאָס הייסט, אייגנטלעך, ער. אייער פריינט. ער איז אַ כוואַט. אַלץ איז אין אָרדנונג. ער וועט מאָרגן וואַרטן אויף אייך פינף אַ זייגער אין לוקסעמבורגער גאָרטן, לעבן פאָנטאַן מעדיטשי.

דאַמען, מאַכט צו אַלע שירעמס! יינגלעך, לאָזט גיכער שלאָנגען! שפּאַרט זיך נישט, נאָר שפּאַרט זיך נישט! דאָס איז — פרילינג! צי דען איז זשאַננאַ געווען אומגליקלעך? ס'קאָן נישט זיין! דאָס האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט. דער פאָטער? ער איז איינגעשלאָפן. און אַגלאַיאַ? אַגלאַיאַן האָט אויסגעטראַכט עפּעס אַ בייזער מכשף. צי נישט אַמאָל אין קינאָ האָט זי געזען די גאָס טיבומערי? וואָסער קאַנטאָר? זשאַננאַ איז דאָרט נישט געווען! דאָס האָט זי געלייענט ביי דיקענסן, דאָס איז נישט דאָ, דאָס איז אין נעפּלדיקן לאָנדאָן. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אַ קייקעלע אויף דער שול-מאַפּע. גלייך פון לואַרעטישן הייזעלע גייט זשאַננאַ אין לוקסעמבורגער גאָרטן, פאָנטאַן מעדיטשי — דאָס איז מסתמא, וואונדערשיין!

זשאַננאַ לאַכט פריילעך. נאָך אַ מינוט און זי וועט, אפשר, נעמען פּאַטשן אין די הענט אָדער שפּרינגען אויף איין פוס. און עס לאַכט, לאַכט הויך און זאַרגלאָז דער פריילעכער פּואַטראַ. ווי גוט, וואָס מענטשן קאָנען אַזוי לאַכן! ווי גוט, וואָס די זון קאָן אַזוי וואַרעמען!

פּואַטראַ זאָגט צו זשאַננאַן:

— איר ווייסט וואָס? היינט איז דער ערשטער פרילינגטאָג. כ'וועל אַ שפּיי טון אויף מיין טאַקסאָמעטער. זעצט זיך אַריין מיט אייער שוועסטערל! כ'וועל זיך איבערפאָרן מיט אייך, אַז ס'וועט גיין אַ רויך.

די פאַרגעסענע גאַבריעל רופט, ענדלעך, דערשטוינט צו זשאַננאַן:

— קוזינע, וואו זענט איר? מיט וועמען רעדט איר?

— מיט אַ שאָפער, מיט אַ גוטן שאָפער. ער וויל אונז פירן שפּאַצירן.

— און דער פּאָטער? און די שנעקעס?

דער נסיון איז אָבער צו שטאַרק. גאַבריעל איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן מיט אַן אויטאָ. איין מאָל איז זי געפאָרן אין טראַמוויי, דאָס איז אָ־ער, זיכער, גאָרנישט דאָס. און עפּעס וואַרעמס גלעט צאַרט איר באַק. דאָס איז דאָך פרילינג! ניין, גאַבריעל קאָן נישט ביישטיין. זאָל זי דער פּאָטער זידלען — אַלץ איינס!

— אַלזאָ, מיר פאָרן?

עס רוישט דער מאָטאָר. עס לאַכט פּואַטראַ. עס לאַכן צוויי מיידלעך. דער ראָיאַלן־אָנשטעלער דריקט זיך דערשראָקן צו דער וואַנט: אַן אויטאָ! זיי טראָגן זיך שנעל, שנעל.

עס דרייט דאָס ראָד, עס דריקט דעם פּעדאַל דער פריילעכער שאָפער. ס'איז אים דערעסן געוואָרן דאָס שטיין אויף דער גאַס טיבומערי. אַן עקלדיקע גאַס! פּואַטראַ האָט מיט איר אַלטע חשבונות. ווען ער האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען אויפן רעכט צו פאָרן, האָט אים אָט טאַקע די גאַס אונטערגעפירט. דער לעצטער עקזאַמען — וועגן גאַסן־קענטעניש. עקזאַמענירט האָבן אַלטע קוטשערס, און קוטשערס, ווי באַקאַנט, האָבן נישט אַזוי שטאַרק ליב שאָפערן. איז אָט: איינער פון די קוטשערס, דער רויטנאָזיקסטער, דער סאַמע לוסטיקסטער, האָט געפרעגט פּואַטראַן: „און ווי אַזוי פאָרט מען פון דער גאַס דיטאָ צו די שעכטהייזער, אויף דער גאַס מאָריליאָן?" פּואַטראַ האָט געענטפערט: „צוערשט מיט דער גאַס דיטאָ, דערנאָך מיט דער גאַס אַליאַרע, דערנאָך... דערנאָך מיט דער גאַס קראָנסטאַט". ניין, נישט ריכטיק, אויפן וועג איז דאָ נאָך איינע. אָבער ווי רופט זי זיך אָן? ספק מומומורי, ספק בעבעבערי. און ער האָט טאַקע אַרויסגעברומט

עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס. פֿון אויפֿרעגונג איז דעם קוטשערס נאָז נאָך רויטער געוואָרן: „ס'טויג נישט. קומט צו גיין אין צוויי וואָכן אַרום". סאַראַ נידערטרעכטיקע גאַס! דריי שעה איז ער היינט אָפּגעשטאַנען אויף איר, אָפּוואַרטנדיק זשאַננאַן. און איצט גיכער פֿונדאַנעט, אַוועק!

רויש, מאָטאָר! הודיע, סירענע! אַ וואַרע מאַכט פֿאַר אונז, אַ וואַרע!

ווען דער אויטאָ קירעוועט זיך אויס, גיט גאַבריעל אַ געשריי. ניין, זי האָט נישט מורא. זי איז פּשוט נאָך קיינמאָל נישט געפֿאָרן מיט אַן אויטאָ. דאָס איז לחלוטין נישט שרעקלעך. דאָס איז, אדרבה, פֿריילעך. דער ווינט לויפֿט אַנטקעגן, שטיפֿט מיט די האָר, בלאָזט אַריין, דער נאַרישער, אין אויער. גיכער, גיכער! ס'דאַכט זיך איר, אַז זיי זענען שוין דורכגעפֿאָרן הונדערטער קילאָמעטער. דאָס איז נישט פּאַריז. דאָס איז דער ים. ער באַוועגט זיך און רוישט.

ניין, דאָס רוישן די פֿריילעכע בולוואַרן. נישט נאָר זיי רוישן — זיי לאַכן אויך, זיי לאַכן, ווי פּואַטראַ, זיי לאַכן, ווי זשאַננאַ. עס לאַכן די בונטע אָנעמאָנען אינם געפֿלאָכטענעם קוישל פֿון דער בלומענפֿאַרקויפֿערין. עס לאַכט דאָס ווייסע פֿאַרטוך פֿונם קעלנער מיט דער טאַץ. עס לאַכט די זון אויף דער טאַץ. עס לאַכט אין דעם גלאָז דער רויטער גרענאַדין. עס לאַכן אין די פֿענסטער מחנות סטענגעס. פּאַריז, ליבער פּאַריז, אָ, ווי שיין דו ביסט!

און אָט איז די סענע. ניין, דאָס וואַסער אין איר איז געמאַכט געוואָרן גאָרנישט צוליב דעם, כּדי צו טרינקען זיך דערין. איבער דער סענע קאָן מען פֿאָרן ערגעץ־וואוהין, למשל, קיין מעדאָן, דאָרט וועלן שוין אינגיכן נעמען בליען די קאַרשן. פֿאָרן און דעם גאַנצן וועג זיך קושן. אָבער דער פֿאָנטאַן מעדיטשי איז, מסתּמא, נאָך בעסער פֿאַר מעדאָן. מאָרגן פֿינף אַ זייגער. הייסט עס, אַז ס'זענען נאָך פֿאַרבליבן זיבן־און־צוואַנציק שעה. וויאַזוי טרייבט מען אָן די צייט? פֿוילע ווייזערס, רוקט זיך! טראָגט זיך, ווי מיר טראָגן זיך!

זשאַננאַ שפּאַרט זיך אָן מיט די פיס אין ווענטל. פון שנעלן פאָרן וואַרפט זי זיך אָפּ אַהינטער. איר דאַכט זיך, אַז אירע פיס שטויסן אונטער די מאַשין. איר דאַכט זיך אויך, אַז וואָס גיכער מען פאָרט, אַלץ נענטער איז דער פאָנטאַן מעדיטשי. מאָרגן פינף אַ זייגער! גיכער! און דער פרייליכער פּואַטראַ דריקט דעם פּעדאַל. און ס'טראָגט זיך דער אויטאָ אַלץ שנעלער און שנעלער.

פּואַטראַ איז צופרידן: ער פירט שפּאַצירן דעם חברס פריינדין. זי איז אַ ברוינע. ס'וואָלט גוט געווען צו פירן שפּאַצירן ליזעט, דאָס בלאָנדינקע מיידעלע, די קאַפּריזנע טענצערקע. ס'וואָלט גוט געווען צו טראָגן זיך מיט איר זאַלבעצווייט. אויך זי איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן מיט אַן אויטאָ. זי פאָרט, שלאָפט און לעבט אין אַן אַלטן געלן פורגאָן. דעם פורגאָן שלעפּן צוויי שקאַפּעס. פערד האָבן מורא פאַר אויטאָס. ליזעט אָבער האָט נישט מורא פאַר פירן. אויב עס האַלט שוין דערביי, האָט פיער אַ ביסל מורא פאַר ליזעטן. און טאָמער וועט זי היינט אָנבלאָזן די ליפּעלעך, וועט זיך נישט וועלן קושן, וועט קאָקעטירן מיטן רייטער? און דער רייטער וועט קנאַלן מיט דער בייטש און נאַריש שרייען: „אַללעי!“ ניין, דאָס קאָן נישט זיין! היינט איז — פרילינג, היינט איז — דערפאָלג, היינט, אין טונקעלן פורגאָן, אונטער דער קוויטשעריי פון די קאַרוסעל־קאַטאַרינקעס, וועט פּואַטראַ באַקומען אַלץ, וואָס ליזעט האָט נאָר, און האָבן האָט זי אַ סך: אַ האַרץ, ליפּן, אויגן, באַקן, האָר, ליבע בלאָנדע האָר, אַ האַלז, אַן אַקסל... ניין, ווייטער איז בעסער נישט אויסצורעכענען. אַנישט קאָן מען נאָך עמעצן איבערפאָרן.

גיכער־זשע, מאַשין!

דער ווייזער שפּרינגט: אַכצן, צוואַנציק. פּואַטראַ לאַכט. גאַבריעל זאָגט פּלוצלינג צו זשאַננאַן:

— ער איז מיט מיר אַזוי שטרענג, מיין רוס. כ'האָב מורא אים צו דערצערענען. ער כעסט זיך אָפּט, כ'הער דאָס לויט דעם, ווי ער אָטעמט הויך. איך אַליין בין שולדיק אין אַלץ. כ'בין זייער אַ שלעכטע. אויב ער וועט מיך שלאָגן, וועל איך זיין גליקלעך.

וואָס איז דאָס ? זשאַננאַ ציטערט אויף. דאָס איז נישט דער פּאַנטאַן מעדיטשי. דאַכט זיך, אַז גאַבריעל האָט גערעדט וועגן עפּעס טרויעריקס. ס'האָט גענומען רעגנען. פּוּאַטראַ האָט זיך צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט. זשאַננאַ ווערט אויך אומעטיק. דאָס איז אָבער נישט אויף ערנסט, דאָס איז אַ פאַרבײַגײיענדיקער טרויער, דאָס איז נאָר אַ קורצער פעבּרואַר־טרויער, אויף צען מינוט, ביז ס'וועט זיך נישט באַווײַזן די זון. זי טראַכט: גאַבריעל קאָן ליב האָבן, זי נויטיקט זיך נישט אין גליק. זי איז ווי אַ הײליקע. אָבער זשאַננאַ איז — אַ פּשוט מיידל. זשאַננאַ האָט ליב נאַשוואַרג. זשאַננאַן געפעלן שיינע קליידער, אָט אין יענע פענסטער. זשאַננאַ האָט אין טעאַטער, אויף „אַדריען לעקוורער", שטיל געוויינט. ס'ווילט זיך איר גליק. ס'הילט זיך איר, אַז אַנדרעי זאָל זי קושן. ס'קאָן זײַן, אַז דאָס איז אַ נעבעכדיקע ליבע. זי קאָן נישט אַנדערש. מאָרגן פינף אַ זייגער! און אפשר איז דאָס גאָרנישט שלעכט? אַנדרעי איז געקומען צו פאָרן. ער האָט זי ליב. ער וועט זי אַוועקפירן קיין רוסלאַנד. און זשאַננאַ שמייכלט ווידער. און די זון וואַרפט זיך ווידער אַרום איבערן גרויען אַספאַלט.

נו, געוויס, דערדאָזיקער טרויער איז גאָר קיין טרויער נישט געווען. ס'איז פּשוט געגאַנגען אַ רעגן. זשאַננאַ האָט צופיל געליטן, כדי צו טרויערן איצט, ווען ביזן פאַנטאַן בלײַבט נישט מער ווי זעקס און צוואַנציק שעה. שאָפער, גוטער שאָפער, גיכער!

דער ווייזער טאַנצט. דאָס איז אַזוי גיך, אַז גיכער איז שוין נישט מעגלעך. אויב שנעלער, וועט מען פונאַנדער גיכער אָפּפירן אין צערקל. גאַבריעל זעט נישט דעם ווייזער, זי זעט נישט די הייזער, וואָס טראָגן זיך אַנטקעגן. זי הערט אָבער דעם ווינט. דער ווינט איז אַלץ שאַרפער. אַלץ רוישיקער. או, די בלינדע שעפּטשעט צו זשאַננאַן:

— קוזינע, מיר דאַכט זיך, אַז מיר אײַלן ערגעץ. מיר האָבן דאָך נישט וואוהין צו אײַלן זיך. מיר האָבן געדאַרפט אין קרעמעלע, דאָס איז דאָך אָבער אויף אונזער גאַס. און מיר אײַלן

זיך אַזוי, ווי מיר וואָלטן זיך איילן צו עמעצן צו גאַסט. צו וועמען־זשע ?

— צום גליק !

און זשאַנעט לאַכט און עס לאַכט פּוּאַטרא. ליזעט וועט אים היינט אַריינלאָזן אין אַלטן פֿורגאָן. יאָ, זיי טראָגן זיך גלייך צום גליק !

מאָטאָר, טייערער מאָטאָר, גיכער ! זאָל זיך טרייסלען פון אויפגעקאָכטקייט דאָס פּעטס פונם הער נעי : ער וועט היינט נישט באַקומען קיין שנעקעס. ער וועט רעווען, ווי אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן. אַלץ איינס ! פּוּאַטרא האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן טאָג. ער וועט דעם באַלעבאָס באַצאָלן שטראָף. אַלץ איינס ! אין פֿור־גאָן וועט זיין טונקל און וואַרעם. דער פּעדאַל. דאָס ראָד. די סירענע. הע, פאַרשוין אין צילינדער, אין אַ זייט ! מיר טראָגן זיך ! מיר טראָגן זיך צו גאַסט צום גליק !

18.

# וועגן וואָס האָט גערעדט דער לוקסעמבורגער גאָרטן

זיי האָבן געשוויגן. ס'וואָלט אומזיסט געווען דאָס דערמאַנען זיך אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. איבערבלעטערן די דיקע ווערטערביכער פון לאַרוס אָדער דאַל'. אַזעלכע ווערטער האָבן פּשוט נישט עקזיסטירט. אויסדריקן די גאַנצע פרייד פון דערדאָזיקער מינוט, — פון דער סאַמע געווייגלעכסטער מינוט, משפּטנדיק לויטן גרויסן זייגער אויפן לוקסעמבורגער פּאַלאַץ, דער פערטער מינוט פון זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט, — האָט געקענט בלויז דאָס שווייגן. איצט איז עס נישט געבוירן געוואָרן נישט דורך זשאַננאַס פאַרבאָט, נישט דורך אַנדרעיס מורא. ניין, דער לוקסעמבורגער גאָרטן האָט נישט דערמאַנט די חורבות פון אָרלוט: דאָסדאָזיקע שווייגן, אַ גליקלעכס און קלינגענדיקס, איז פול געווען נישט נאָר מיט אַלע ווערטער פון די פּילבענדיקע ווערטערביכער, נאָר אויך מיט לגמרי אומהערבאַרע קלאַנגען: מיטן ריזלען פון וואַסער, מיטן גאַנג פון האַרץ, מיטן סקריפּ פון זאַמד, ס'קאָן זיין, אַז אפילו מיטן לעגענדאַרן וואוקס פונם גראָז, וואָס האָט שוין בדעה געהאַט אַרויסצושפּרינגען פון אונטער דער ערד, כּדי צו דערזען די געליבטע. ווען מען זאָל קאָנען שטענדיק אַזוי שווייגן, וואָלטן די מענטשן שוין לאַנג, זיכער, פאַרברענט סיי דאַלן, סיי לאַרוסן.

אַנדרעי און זשאַננאַ האָבן געקענט אַזוי שווייגן: פאַר זיי

האָבן געערדט אַנדערע. פאַר זיי האָבן געערדט, אָט־אָ־די קאַשטאַנעס, די אומגעדולדיקע קאַשטאַנעס, מיט אָנגעשוואָלענע — פון אויפרעגונג — צווייגן. די אַנדערע ביימער איילן זיך נישט: די יאַשינע בליט אין אַפריל, דער פלאַטאַנען־בוים — אין מאַי, און די פוילערקע־ליפע — אפילו אין יוני. אָבער די קאַשטאַנעס האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט. אונטער די ליפעס וועלן שטיפן די ליצעאיסטן צווישן צוויי עקזאַמענעס. וואו אָבער זאָלן זיך אַהינטון די געליבטע אין מערץ? און אין מערץ זענען דאָ באַזונדערס אַ סך געליבטע. און די אַלטע קאַשטאַנעס האָבן געאיילט אָנצוקליידן זיך מיט ווייסע ליכטלעך. נישט אַנדרעי און נישט זשאַננאַ האָבן, זיכער, נישט געקענט אונטערשיידן די מינים פון די ביימער, בפרט, אַז זיי זענען געווען אָן בלעטער. זיי האָבן זיך אָבער געטראָפן גראָד אונטער די קאַשטאַנעס, און די קאַשטאַנעס האָבן פאַר זיי געערדט.

פאַר זיי האָבן אויך געערדט די דראָזלס, די פריילעכע שוואַרצע דראָזלס אין מאָדערנע סמאָקינגס. רוים פאַרמאָגט פינסטערע מיטאָלאָגישע שוואַלבן. אויפן פרעטשיסטענסקן בולוואַר אַמפערן זיך, ווי מאַרק־זיצערקעס, וואָראָבייטשיקעס און איבערן לוקסעמבורגער גאָרטן שפרינגען אַרום, אונטערפייפנדיק, די אָפחוזקנדיקע דראָזלס. אָבער אין יענעם טאָג האָט זייער פייפן נישט באַטייט נישט קיין חוזק, נישט קיין פאָרוואורף — ניין, זיי האָבן געפייפט פון גוטע געפילן.

אין באַסיין, צווישן פאַראַיאָריקע געלע בלעטער, האָבן גאָלדענע פישעלעך אויסגעפירט קאָמפליצירטע פירועטן. יאָ, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט פאַרקומען, — אפילו די פיש, וואָס זענען באַרימט מיט זייער שווייגעוודיקייט, האָבן געערדט פאַר זיי, קלאַפנדיק מיט די ווײדלען דאָס וואַסער.

פאַר זיי האָבן געערדט דער ניי־געבוירענער פרילינג אין דער אַלטער לוקסעמבורגער גאָרטן מיט זיין גאַנצער פלאָרע און פאַונע.

איבער דער שכנותדיקער סטעזשקע האָט צעשטרייט געשפרייזט אַ יונגער מענטש. זיין ליולקע איז שוין פון לאַנג

פאַרלאָשן געוואָרן. ער וואָלט זיך געקאָנט פרייען: נעכטן האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען אָפּגעדרוקט זיין עלעגיע אין אַ טולוזער זשורנאַל פון ספּאָרט און מאָדע. איצט אָבער האָט ער זיך נישט געפרייט, איצט איז ער געווען שטאַרק פאַרזאָרגט: ער האָט געהאַלטן אין פאַרפאַסן אַ צווייטע עלעגיע און ער האָט פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט צוזוכן אַ נויטיקן אַסאָנאַנס. אין קאָפּ זענען געקראָכן בלויז גראַמען, און דער דיכטער האָט גוט געוואוסט, אַז גראַמען — דאָס איז אַ פאַרעלטערטע זאַך. ער האָט זיך געשטויסן אין בענק, ער האָט די גאַנצע צייט באַוועגט די ליפּן. די טעמע פון זיין נייער עלעגיע איז אים אַליין נאָך נישט געווען אינגאַנצן קלאָר, דאָס איז אָבער זיכער געווען די געשיכטע פון זשאַננאַ מיט אַנדרעיען. קיינער אין לוקסעמבורגער גאָרטן האָט דאָך איצט וועגן עפּעס אַנדערש נישט געקאָנט רעדן.

נעבן דער מראַמאָרנער זשאָרזש זאַנד האָבן מיידלעך געשפּילט אין סערסאָ. זיי האָבן פריילעך געקוויטשעט, אָבער נישט דערפאַר, וואָס דאָס שטרויענע ראָד איז אַרויפגעפאַלן אויף די שטעקעלעך. אין די הערצער פון די צוויי דערוואַקסענע קינדער, וועלכע האָבן נישט געשפּילט אין סערסאָ, איז דאָך געווען אַ סך קינדישע פרייד, און די מיידלעך האָבן געקוויטשעט פאַר זיי, אָבער זשאַננאַ און אַנדרעי האָבן געשוויגן.

איינער אַ שילער איז שטיין געבליבן ביים מאַראַנצנבוים אין פעסל, ביי יענעם, וואָס לינקס פון פּאַלאַץ. אַלע שילערס פון ליצֵיי סאַן-לואי האָבן געוואוסט, אַז אויב מען גייט אַרום דעמדאָזיקן בוים דריי מאָל, וועט דער לערער פון מאַטעמאַטיק שטעלן אַ גוטן באַל. הייַנטיקס מאָל אָבער איז דער שילער אַרומגעגאַנגען דעם בוים אָן שום פּניות: ער האָט זיך דאָך אומגעקערט אַ היים, און אינדערהיים זענען נישט געווען קיין שום לערערס. האָבן דען צוויי פאַרליבטע, זיצנדיק שווייגנדיקע אונטער די קאַשטאַנעס, אַבערגלויביש נישט אָפּגעהיט זייער שפּעט גליק?

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער בערדיקער ווערלען, וואָס

אויף זיין פליך האָבן אָפּגערוט די פרייליכע דראָזלס, האָט די גאַנצע צייט דעקלאַמירט די צאַרטסטע, די רירנדיקסטע פון זיינע לידער. אָרימער, הפקרדיקער ווערלען, — מיט פופציק יאָר צוריק האָט ער שוין אָנגעהויבן צו רעדן פאַר זיי.

דער איינציקער אויסנאַם זענען געווען די אַלטע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די לאַנגע זיצונגען און געגעניצט לעבן די פענסטער. דערזעענדיק דראָזלס, סערסאָ, פאַרליבטע און פרילינג, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין כעס. אמת, אין דעם אַלעם איז נישט געווען קיין דירעקטער עובר־זיין אויף די געזעצן, וועלכע זיי האָבן באַשטעטיקט, אָבער סיי דער פרילינג, סיי די געליבטע, און אפילו די דראָזלס האָבן זיי דערמאָנט וועגן עפּעס אומאָנגענעמס, אפשר וועגן אַ לוויה. אָבער ווער האָט דען געלייגט אַכט אויף זיי? צווישן דער פאַונע פון לוקסעמבורגער גאָרטן זענען זיי געווען אַלטע דאַקסן. און דאַקסן זענען בייזע חיות. אַלע איבעריקע איינוואוינער פון גרויסן גאָרטן, אַריינגערעכנט אויך אי דאָס גראָז, אי די ביימער האָבן זיך געפרייט, נישט סתם זיך געפרייט, נאָר געפרייט זיך פאַר אַנדרעיען און זשאַננאַן.

זיי אָבער האָבן געשוויגן. די ליבע איז געווען אַן אומברחמנותדיקער צענזאָר, — זי האָט פאַרווערט אַלע ווערטער. איינמאָל אָנגענומען זשאַננאַס הענט, האָט זי שוין אַנדרעי מער נישט אַרויסגעלאָזט. ליבע ברוינע הענט! ער וועט זיי שוין מער קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן! אַנדרעי, דער נישט־באַרעכנטער, אומבאַשטענדיקער אַנדרעי איז איצט געווען פעסט און קלאָר. אַנדרעי האָט פאַרדינט די ליבע. זשאַננאַ איז פאַר אים נישט קיין צופעליק געווינס, נישט קיין גליקלעכע קאָרט. דאָס האָט דאָך די צעשיידונג אַדורכגעפירט צווי קנייטשן לעבן די פאַר קורצן זאָרגלאָזע ליפּן. ער האָט זי איצט ליב געהאַט ווילד און פשוט, ווי אַ שווערע רויב. אַנדרעי וועט שוין מער קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן דידאָזיקע הענט! קיינמאָל נישט!

און זיי ווילן גאָרנישט אַוועקגיין. וואו זענען זשאַננאַס אַלע ספקות? אפשר איז זי נאַרישער געוואָרן? זי טראַכט דאָך מער

וועגן גאָרנישט. זי באַמיט זיך נישט איצט צו זיין קלוג אָדער גרויסמוטיק, זי האָט פשוט ליב. ריכטיק ווי אָנשטאָט טראַגישע קאָטיורנעס*) טראָגט זי ווידער אויף אירע פיס די אומגעלומפּערטע דעפּטאַקעס פון אַ לוואַרעטער מיידל. זי פרעגט נישט וועגן אַגלאַיאַ. אויב אַגלאַיאַ וועט אָט איצט שטאַרבן פון צער, וועט זשאַננאַ סיי-ווי נישט אַרויסרייסן פון אַנדרעיס הענט — אירע. זי טראַכט נישט וועגן דעם, צי וועט זי קאָנען זיין אַנדרעיס אַ ווירדיקער חבר, צו גרייטן מיט אים די רעוואָלוציע. זי האָט איצט ליב די רעוואָלוציע, זי האָט ליב רוסלאַנד. אָבער וואָס דאַרף מען טון, דאָס ווייסט זי נישט. אַנדרעי וועט איר זאָגן. אין אַנדרעיס הענט ליגן איצט נישט נאָר אירע הענט, — איר גאַנץ לעבן. ווי פשוט דאָס איז! ניין, זשאַננאַ איז נישט נאַרישער געוואָרן. זי איז בלויז געוואָרן אַ דערוואַקסענע. זי איז אַרויסגע-וואַקסן פון יענעם אָרלומער צער. יענער צער איז געווען דער צער פון וואַקסן. אויב ס'וועט קומען אַ צווייטער, אַן עכטער, אַן אומפאַרמיידלעכער צער, וועט אים זשאַננאַ אָננעמען. זי וועט וויזן, אַז אויך אין דעפּטאַקעס קאָן מען זיין הויך, דערצו דאַרף מען זיך גאָרנישט שטעלן אויף די שפּיץ-פינגער, דער צער מאַכט העכער פון זיך אַליין. איצט אָבער פרייט זי זיך, און דידאָזיקע פרייד איז שטיל, צניעותדיק, קלאָר.

לסוף האָט דאָס שווייגן אויפגעריסן, ווי אַ קויל, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַ זשוזשענדיקער שראַפּנעל. דער גאַנצער לוק-סעמבורגער גאָרטן, דאַכט זיך, איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט ווער-טער. דאָ זענען נישט געווען קיין לאַנגע זאַצן: זיי האָבן צו אָפּט געאָטעמט, און די פּלוצלינגדיקע איבעררייסן האָבן געמאַכט פון דער דערציילונג אַ הויפן נישט-באַהעפטע אויסרופן, צאַרטע צונעמענישן, כמעט אומבאַוואוסטזיניקע ווערטער. דידאָזיקע ווער-טער האָבן זיך געטראָגן, ווי אויף אַ פערד-געיעג, באַמיענדיק זיך איבערצויאָגן איינס דאָס צווייטע, זאָל זיין אפילו נאָר אויף אַ

*) די דזשיכע שיך פון די גריכישע טראַגיקער. — איבערז.

טראַף. יעדע מינוט זענען זיי שטיל געוואָרן, כאַפנדיק זיך, אַז זיי האָבן נישט דערציילט דאָס וויכטיקסטע. דאַן פלעגן די הענט דערעדן דאָס, וואָס די ליפן האָבן נישט באַוויזן צו זאָגן. דאָס זענען נישט געווען קיין ליבע־ווערטער. וועגן זייער ליבע האָבן זיי נישט געקאָנט רעדן. דאָס וואָלט געקלונגען, ווי אַ פלוצלינגדיקע דערקלערונג: „ווייסט, איך אָטעם מיט לופט". אָבער וועגן וואָס זיי זאָלן נישט האָבן גערעדט, איז דאָס געווען בלויז וועגן איינס: וועגן ליבע. ווען זשאַננאַ האָט דערציילט וועגן דער קאָנסטאַנטינאָפאָלער גריכין, האָט אַנדרעי פאַרשטאַנען: „כ'האָב דאָרט געגוססט אָן דיר". און דערהערנדיק וועגן שלעפערדיקן קאָוונע, האָט זיך זשאַננאַ דערפרייט: „אויך ער, אויך ער, ווי איך!"

ס'איז געווען איין געפערלעכע מינוט. אַנדרעי האָט געפרעגט זשאַננאַן, ווי עס לעבט זיך איר איצט. דער לוקסעמבורגער גאָרטן האָט זיך אומרואיק אָנגעשפיצט. אפילו די דראָזלס זענען שטיל געוואָרן, וואַרטנדיק אויפן ענטפער, און דאָס וואַסער האָט זיך געגרייט צו וויינען. צי דען וועט זיך דאָ דערהערן די דערציילונג וועגן דער שטינקנדיקער קאַנטאָר אויף דער גאַס טיבומערי? ניין, זשאַננאַ וועט גאָרנישט נישט דערציילן. זי היט אַזוי שטאַרק איר ערשטע פרייד. אירע ווערטער וועלן דאָך אַנדרעיען פאַרפייניקן. אים איז אַזוי אויך נישט לייכט. זי וועט פאַרשווייגן. זי וועט דערציילן וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל, נישט איצט! און אויף אַנדרעיס פראַגע האָט זשאַננאַ קורץ, רויק געענטפערט:

— נישקשה. כ'מוז זיך אָבער פון דאָרט אַרויסקלייבן. ס'איז דאָרט נישטאָ קיין צימער פאַר מיר.

דאָס איז געווען אַלץ, און נאָך דעם האָבן זיי גענומען רעדן וועגן דער צוקונפט. אַנדרעי וועט די טעג באַקומען געלט, איצט האָט ער נישט קיין אייגנס, בלויז פאַרטייאישס. דאַן וועט זשאַננאַ אַריבערפאָרן אין אַ קליין צימערל. ס'וואָלט געווען גוט, ווען דאָס זאָל זיין אַ בוידים־שטיבל מיט אַ פענסטערל צום הימל. דאַן וועלן אין צימער זיין שטערנס. זי וויל לייענען, אַ סך

לייענען. זי מוז וויסן, ווי אַזוי צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אַנדרעיען. אַנדרעי וועט צו איר אַריינקומען. וועגן ווייטערדיקן איז נישט געזאָגט געוואָרן קיין איינציק וואָרט. בלויז דאָס: ער וועט אַריינקומען, ביידע האָבן אָבער געוואוסט: דאָס הייסט, אַז אין צימער וועלן זיין שטערנס. אַנדרעי וועט אַוועקפאָרן אויף אַ הודש-צוויי קיין טולאָן. און זומער? און זומער קיין מאָסקווע!

דערנאָך האָבן זיי געלאַכט: די מיידעלעך, וועלכע האָבן געשפילט אין סערסאָ, זענען דאָך שוין אַוועק פון גאָרטן. אַנדרעי האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז איצט נישט אַנדרעי, ניין, עפעס גאָר אַנדערס. נישט לאַנג צוריק איז ער געווען באַטאַטייטיס. בנאמנות! קאַזימיר. איצט איז ער אַ סטודענט פון ריגע, ניקאָלאַי ציסלאַס. אַ מזל צו פאַמיליעס! אַנדרעי האָט אפילו געוויזן דעם פאַס, אַ פרעכטיקן פאַס, וואָס האָט זיך געגאַוהט מיט צענדליקער וויזעס, ווי אַ גענעראַלישע ברוסט מיט אָרדנס. פון זיין פאָרטפעל איז אַרויסגעפאַלן אַ פאָטאָגראַפיע. דאָס איז געווען די פאָטאָגראַפיע, וואָס איז אַראָפגעריסן געוואָרן פון געפסלטן דאָקומענט פון באַרימטן באַטאַטייטיס. אַנדרעי האָט זיך פאָטאָגראַפירט אין קאָוונע. אויף דער פאָטאָגראַפיע איז געווען אַלץ, דאָס הייסט, נישט נאָר דאָס פנים, נישט נאָר דער באַקאַנטער שמייכל, נאָר אויך די ליבע. די פאָטאָגראַפיע האָט זיך נישט אומגעקערט אין פאָרטפעל, זי איז אומבאַמערקבאַר אַריבער אין זשאַננאַס רידיקול.

זיי זענען מער נישט געזעסן אויף דער באַנק, נאָר געגאַנגען איבער אַ פאַרוואָרפענער אַלעע — איבער יענער, וואָס הינטער דעם בערדיקן וועלען, לעבן דער גאַס אַססאַ. ס׳איז טונקל געוואָרן. ערגעץ-וואו האָט אַ בורטשע געטון אַ גלעקעלע און ס׳האָט זיך דערהערט דעם שומרס קול: „מ׳מאַכט צו! מ׳מאַכט צו!“ מען האָט זיך געמוזט זעגענען. די ליפן אָבער האָבן נאָך זייערס נישט דעררעדט, און די ליפן האָבן זיך באַאומרואיקט: זיי האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן.

אַנדרעי און זשאַננאַ זענען שטיין געבליבן. אַרום איז געווען שטיל און פוסט. די פריילעכע דראָזלס האָבן שוין פון לאַנג געהאַט איינגעשלאָפן. דאַן האָט אַנדרעי אַ קוש געטון זשאַננאַן.

אויב מען זאָל משפּטן אפילו לויטן שנעלן סעקונדע-ווייזער, האָט דער קוש געדויערט נישט לאַנג. זשאַננאַן האָט זיך אויסגעדאַכט: דאָס גאַנצע לעבן. זי האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט: צי שוינזשע ווייטער לעבן? זיי האָבן נישט געשמייכלט. זייערע פּנימער זענען געווען שטרענג. נאָך אַזאַ מינוט האָט מען געקאָנט בלויז צעשיידן זיך, אַנטלויפן אין פאַרשידענע עקן פון דער פינסטערער אַלעע. און היות זיי האָבן דאָס נישט געטון, האָבן די ליפּן ווידער געפונען איינע די צווייטע.

אויף דער ליידיקער אַלעע, אונטער די ערשטע שטערנס, זענען זיי געשטאַנען און זיך געקושט.

צעשיידנדיק זיך, ענדלעך, פּונקט אַזוי שווייגנדיק, ווי זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך אין אַ מינוט אַרום ווידער אומגעקערט איינער צום צווייטן. דאָס איז געווען שוין ביים טויער. דער שומר האָט ביז געקלונגען מיט די שליסלען. זיי האָבן איינער דעם צווייטן געוואָלט זאָגן וועגן דעם וויכטיקסטן, נישט וועגן דעם, אַז די גריכין האָט געהאַט קאָמישע וואָנסעס, נישט וועגן דעם, אַז אין טולאָן איז לייכט צו געפינען אַ צימער, נישט וועגן עפּעס אַנדערש. וועגן דעם, למשל, אַז מענטשן אָטעמען מיט לופט. זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן אויף איין מינוט, כּדי צו זאָגן זיך וועגן זייער ליבע.

דער גרויסער שרייבער זשיל לעבאָ, וואָסזשע איז ער געווען אין יענעם מאָמענט? באַהאַלטנדיק זיך הינטער דעםביידל פון שומר, וואָלט ער, זיכער, דערהערט יענע אַלע ווערטער, וועלכע ס'האָבן אים געפעלט פאַר זיין לעצטן בוך. זשיל לעבאָ איז אָבער געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט. פון דער גאַס פען-פער ביז דער גאַס אַססאַ איז ווייט.

נעבן זיי האָט זיך בלויז געפונען דער אַלטער שומר, אָבער אויך ער האָט גאָרנישט געהערט. הילכיק האָבן געבראַזשעט די שליסלען, און די מענטשן האָבן גערעדט זייער שטיל. דעם שומר האָט דאָס נישט פאַרוואונדערט, — ער איז געוואוינט געווען, אַז געליבטע רעדן תמיד מיט אַ האַלב קול, ווען זיי געזעגענען זיך אָט ביים דאָזיקן טויער. זיי האָבן אָבער פונדעסט-

וועגן זיך געזאָגט וועגן זייער ליבע. זיי האָבן אויסגערעדט צוויי גרויסע, צערודערטע, אויסערגעוויינלעכע ווערטער:

— אַנדרעי!

— זשאַננאַ!

אגב, ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָבן גערעדט נישט זיי, ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָט פאַר זיי גערעדט דער לוקסעמבורגער גאָרטן.

19.

# דאָס מיידל פון באַר „האַווערני"

אַריינרוקנדיק צוויי פינגער אין דעם ריזיקן העל־מאַלינאָוון פּיסק, האָט דער נעגער סולאָ געפייפט. ער האָט זיך היינט באַמיט באַ׳ונדערס הויך צו פייפן: מ׳האָט אים צוגעזאָגט אַ טאָפּלטע פּאָרציע דזשין. פון פייפן האָט אים וויי געטון דער בויך. דאָס־דאָזיקע פייפעריי איז געווען שרעקלעך. די שאַקאַלן, וואָס לעבן אין סולאָס היימלאַנד, וואָלטן זיך, וואָרשיינלעך, דערשראָקן פאַר אים. אָבער די באַזוכער פון באַר „האַווערני" האָבן זיך געפילט אויסגעצייכנט. ס׳האָבן זיך זיי שוין פון לאַנג צוגעגעסן נישט נאָר די פידלען אָדער פלייטן, נאָר אויך די טראַסקעריי פון דזשאַז־באַנד. בלויז דער נעגער סולאָ האָט נאָך געקאָנט קיצלען זייערע צו אַלץ צוגעוואוינטע אויערן. דאָס איז געווען דאָ אַ וואוילעריש, דאָ אַ פיינלעך־תּאוודיק פייפן. די לופט פלעגט דערפון ווערן געדיכט, קלעפּיק, שטיקנדיק. און די מאָדערנע דאַפניסעס, דרייענדיק מיט די קורצע סמאָקינגען אונטער דעם פייפעריי פון דאָזיקן נאַכטיגאַל, אונטער דעם ווילדן פייפעריי פון הונדערט פערדקראַפט, האָבן ראַשיק און גלייכצייטיק טעאַטראַל געקאָנט ליב האָבן די אויף פּראָקאַט גענומענע כלאָיעס.

ווי נאָר די פּויק פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט אַ געוואָיעריי, ווי נאָר סולאָ פלעגט צוטראָגן אַ פינגער צום פּיסק, פלעגן זיי שנעל זיך אויפהויבן און, אַרומכאַפּנדיק די דאַמען, אָנהויבן צו

טאַנצן. דעם אמת געזאָגט, איז דאָס נישט געווען קיין טאַנץ: זיי זענען פּשוט אַרומגעגאַנגען איבערן ענגן באַר, דריקנדיק צו זייערע בייכער די פּעטע ברוסטן פֿון די כלאָיעס. און ווען סולאָ פֿלעגט פֿלוצלינג בייטן דעם שאַרפֿן לאָקונגס־פּייף אויף אַ פּאַרשמאַכטן סאָפּען, פֿלעגן זיי בלייבן שטיין און זיך באַמיען צו רייבן זיך אין טאַקט איינער אָן צווייטן, דערנאָך פֿלעגן זיי זיך ווידער אַרומטראָגן איבערן באַר.

אויף זייערע פּנימער איז געלעגן אַ פֿולע גלייכגילטיקייט פֿון די אַלץ אינדיפֿירענטע ספּאָרטסמענען. זיי זענען דאָך געווען איראָפּעער און האָבן גוט געוואוסט, אַז דאָס איז — נאָר אַ טאַנץ, וואַן־סטעפּ, אַן אַפּערעטיוו פֿאַר דער ליבע, און די אמתע ליבע וועט פֿאָרקומען אין צוויי שעה אַרום, נישט אויף די טעפּיכלעך פֿון באַר, נאָר אויף די ווייכע, פֿריש־אויפֿגעשלאָגענע פּערינעס, אין אַנטשפּרעכנדיקע אַפּאַרטאַמענטן. יאָ, נישט געקוקט אויף זשאַננאַס פֿאַרבאָט האָבן אַלע באַזוכער פֿון באַר „האַווערני״ און פֿון אַ סך אַנדערע באַרן אָנגערופֿן זייערע נאַכטיקע באַשעפֿטיקונגען נישט אַנדערש, ווי „ליבע״. אפֿילו בייטאָג, ווען די ביינאַכטיקע כלאָיעס נעמען אַראָפּ דעם גרים און פֿאַרוואַנדלען זיך אין לואיזעס און אַנטואַנעטעס, זאָגן זיי ביים שמועסן איינע מיט דער צווייטער וועגן זייערע פּראָפֿעסיאָנעלע ענינים:

— געוויס, כ׳נעם טייער, דערפֿאַר אָבער קאָן איך ליב האָבן!

זיי זענען אויף זייער שטייגער געווען גערעכט. דערמיט זענען טאַקע ווערטער גוט, וואָס זיי קאָנען באַדייטן די פֿאַרשידנסטע זאַכן.

וועגן דעם, אַז זי קאָן ליב האָבן און זי נעמט טייער פֿאַר דערדאָזיקער קענטעניש, האָט ליב געהאַט צו זאָגן נישט לואיזאַ און נישט אַנטואַנעטאַ, וואָס פֿלעגן אויספֿירן שמוציקע נומערן, נאָר דאָס ברעקעלע מאַרגאָ, וועלכע האָט, אַ חוץ ליבע, געהאַט נאָך אַ צייט, אַ מער פּראָזאַאיש פֿאַרדינסט. מענער, וואָס פֿלעגן קומען אין „האַווערני״ מיט דאַמען, פֿלעגן געוויינלעך זעצן זיך

ביי די טישעלעך און באַשטעלן שאַמפּאַניער. אויב זיי פלעגן בעסער וועלן ליקערן אָדער וויין, פלעגט זיי דער קעלנער מיט פּאַראַכמונג דערקלערן, אַז „האַווערני" איז נישט „וויקטאָריאַ", וואו מען קאָן טרינקען אפילו ראָם. „וויקטאָריאַ" פאַרמאָגט נישט קיין סולאָ, אַהין קומען נישט קיין פיינע ספּאָרטסמענער, נאָר גאַנץ גראָבע סוטענירן. דאָרט שפּילן זיך אָפּט אָפּ אויף די קאַנאַפּעס סצענעס. וואָס שייך „האַווערני", איז דאָס אַ גאַנץ גרויס־וועלטישער אַנשטאַלט. דערשראָקן פון אַזאַ ספּיטש, פלעגן די געכט פאָלגעוודיק אויסקלייבן דעם טייערסטן שאַמפּאַניער. אָבער איינזאַגע באַזוכער האָבן געקאָנט, אויסמיידנדיק די טישלעך, אַדורכגיין אַן דער טיף פון באַר צום בופעט און דאָרט, זיצנדיק אויף הויכע שטולן, טרינקען ליקערן אָדער, אויב זיי האָבן אַרויסגעוויזן טאַקט און גוטע דערציאונג, פאַרשידענע געמישן, ווי: קאָבלערס, קאָק־טיילן, פליפּן. הינטערן בופעט איז געזעסן דאָס ברעקעלע מאַרגאָ מיט טיפע אומפאַרשעמטע אייגעלעך און מיט גאָלדענע לאָקן פון באָטיטשעליס אַ מלאך. מאַרגאָ האָט אָפּגעהיט די אינטערעסן פונם באַר־באַלעבאָס. ווען אַ גאַסט פלעגט באַשטעלן אַ שערי־קאָבלער, פלעגט מאַרגאָ צאַרט איבערפרעגן: „צוויי?" מאַרגאָ האָט אויך געוואָלט אַ שערי־קאָבלער, און ווער האָט געקאָנט אָפּזאָגן דעמדאָזיקן געלאָקטן מלאך? אויף אַזאַ אופן פלעגט איר אויסקומען אין משך פון איין נאַכט איינצונעמען ביז צוואַנציק דאָזעס פאַרשידענע געטראַנקען. נישט מיטאַמאָל האָט זי באַהערשט דידאָזיקע קונסט: אין אָנהויב פלעגן זיין סיי צעבראָכענע גלעזער, סיי פלוצלינגדיקע פאַרשווינדונגען. איצט אָבער וואָלט מאַרגאָ געקאָנט קאָנקורירן מיט אַ וואָסער ס'איז האָלענדישן באָצמאַן, וואָס אין זיין זויג־פלאַש אפילו פלעגט מען אַריינגיסן נישט קיין מילך, נאָר — וויסקי. זי האָט פאַרגעסן, וואָס דאָס הייסט זיין שיכור. מאַרגאָ האָט דערמיט שטאָלצירט: זי האָט געקאָנט טרינקען!

חוצדעם, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט זי געקאָנט ליב האָבן, דאָס הייסט, קושן פלעגט זי לאָזן פּונקט אַזוי גלייכגילטיק, ווי די קאָקטיילן. אַ דאַנק דעם פלעגט זי זיך קיינמאָל נישט

פאַרגעסן און פלעגט פּינקטלעך אויספירן אַלץ, וואָס אירע קליענטן האָבן נאָר געוואָלט.

מיט פינף יאָר צוריק האָט זי פון ערשטן קוש פון אַ נאַנפּער אָנגעשטעלטן פאַרגעסן אַלץ אויף דער וועלט. אין די פינף פאָלגנדיקע יאָרן האָט מען מאַרגאָן אַזויפיל געקושט, אַז אירע ליפּן, האָט זיך געדאַכט, וואָלטן באַדאַרפט ווערן אָפּגעריבן, ווי די בראָנזענע פיס פון אַפּאָסטאָל פּיאָטר אין רוימישן דאָם.

אָבער דריי זאַכן אויף דער וועלט פלעגן מאַכן אַן איינדרוק אַפילו אויף דער דערפאַרענער מאַרגאָ. דאָס זענען געווען: באַזונדערס אומאָנשטענדיקע אַנעקדאָטן, סענטימענטאַלע פילמען און קאַקאַאין. וויסנדיק פון דער דערפאַרונג אַ סך מער, ווי פיל מ׳געפינט אין אַלע אויסגעלאַסענע לעגענדעס פון דער וועלט, פלעגט זיך מאַרגאָ פונדעסטוועגן אויפוועקן, דערהערנדיק אַ וואָסער ס׳איז ווילדע געשיכטע וועגן סאַדיסטן אָדער וועגן נעקראָמאַנטן. דאַן פלעגן אירע בלויאינקע אייגעלעך אָנהייבן ברייטער און טונקעלער ווערן.

אין קינאָ פלעגט זי תמיד גיין אַליין, ווייל די קאַוואַלערן פלעגן זיך באַמיען אויסצונוצן די פינסטערניש און שטערן איר צו קאָנצענטרירן זיך. ווען אויפן עקראַן פלעגט אַ שיכורער מאַן באַליידיקן די אומגליקלעכע פרוי, וועלכע פלעגט הכנעהדיק וואַשן ווינדעלעך, אָדער ווען אַ בייזער פאָטער פלעגט שלעפּן פאַר די צעפּ די טאָכטער, וואָס איז פאַרליבט אין אַן איידעלן, אָבער אָרימען בחור, פלעגט מאַרגאָ אָנהייבן צו בעטשען, ווי אַ קליינטשיק מיידעלע, בעטשען זיפן, מיטן גאַנצן האַרץ, אין אַנטראַקט נאָך כליפּענדיק און סמאָרקענדיק זיך אויפן קול.

וואָס שייך קאָקאַאין, האָט ער איר פאַרביטן סיי קושן, סיי וויין. ס׳איז גענוג אַריינצולייגן אַ שמעק כּישוף־פּראָשעק אין קליינטשיקן, קאַפּריזיש־פאַרריסענעם נעזל, כּדי צו שפּירן זיך אַלס פרוי פון אַמעריקאַנער מיליאָנער פאָרד, וועגן וועלכן מאַרגאָ האָט איינמאָל געלייענט אין אַ שטיקל צייטונג. „קאָקאָ“ (אַזוי האָט מען גערופן אין באַר „האַווערני“ קאָקאַאין) איז געווען די

איינציקע ליבע פון דאָזיקן מיידל, וואָס איז יעדן אָוונט געזעסן ביים בופעט.

אין יענעם אָוונט, ווען סולאָ האָט באַזונדערס ווילד געפייפט, אָנגעלאָקט דורכן דזשין, האָט מאַרגאָ זיך געלאַנגווייליקט. קיין איינע פון די הויכע שטולן איז נישט געווען פאַרנומען, ווייט נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך, ענדלעך, באַוויזן דער ערשטער קליענט. מאַרגאָ פלעגט נישט באַטראַכטן קיין מענטשן. מענטשן האָבן זי אינטערעסירט בלויז אויפן עקראַן. דעריבער האָט זי אפילו קיין קוק נישט געטון אויפן הויכן פולן מאַנסביל. ווען ער האָט אָבער באַשטעלט אַ פלאַש „מאָעט", האָט מאַרגאָ אַ טראַכט געטון: „דאָס איז, זיכער, אַן אויסלענדער; בלויז אַן אויסלענדער קאָן איינפאַלן צו טרינקען שאַמפאַניער ביים בופעט".

מאַרגאָ איז געוואָרן אויפמערקזאַמער. איר קול האָט באַקומען צאַרטע וויבראַציעס. זי האָט געטרונקען און געלאַכט. נאָכן שאַמפאַניער איז, אַ ביסל אומגעריכט, געקומען קאָניאַק. מאַרגאָ האָט זיך נישט פאַרלוירן. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן באַקאַלן מיטן געדיכטן אייערדיקן פליפ. דער גאַסט האָט אָנגעהויבן שיכור ווערן. דאַן האָט זיך מאַרגאָ צוגעזעצט נענטער צו אים און פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס. דערזעענדיק די דינע, אָבער פעסטע ליטקע אין דורכזיכטיקן זאָק, האָט זיך דער גאַסט גענומען דרייען אויף דער שטול. דאָס באַמערקנדיק האָט מאַרגאָ געהאַלטן פאַר מעגלעך איבערצוגיין צום ווייטערדיקן. זי האָט געפרעגט דעם גאַסט, צי וויל ער נישט טאַנצן מיט איר אַן וואַנסטעפ.

דער נעגער סולאָ האָט געסאַפעט און געפייפט. פאָרלעך זענען אייליק ארומגעגאַנגען אַהער און אַהין. מאַרגאָ האָט דאָס געקאָנט טון מיט אַ באַזונדערער גראַציע. אַ פאַרטנער אָבער האָט זי באַקומען ווייט נישט קיין ערשטקלאַסיקן. ער פלעגט אָדער אומגעלומפערט צודריקן צו זיך מאַרגאָ, אָדער זי אָפוואַרפן צוריק, פלעגט פאַרטשעפען אַנדערע פאָרלעך, פלעגט אָנטרעטן אויף די פיס. מער פאַר אַלץ האָבן דאָס מיידל געערגערט זיינע הענט.

זיי האָבן שנעל געוואַנדערט איבער דער פּלייצע, זיך אַריינגעגעסן אין קערפּער, געשטיקט, אַזוי געשטיקט, אַז ס'האָט אָטעם פאַרפעלט. עקלדיקע הענט!

סולאָ האָט שוין לאַנג געענדיקט פייפן. אַלע טענצערס זענען זיך אָנשטענדיק פונאַנדערגעגאַנגען צו זייערע טישלעך. בלויז דער הויכער הער, יענער, וואָס האָט געטרונקען ביים בופעט שאַמפּאַניער, האָט נאָך אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט מאַרגאָ, אָטעמענדיק שווער און איבערטרעטנדיק פון איין פוס אויף דעם צווייטן.

מאַרגאָ האָט נישט ליב געהאַט קיין עקסצענטרישע סצענעס. מען קוקט דאָך אויף זיי! איר איז געוואָרן אומבאַקוועם. אַ געררייצטע, האָט זי געזאָגט צו איר קאַוואַליער:

— לאָזט! אויב איר ווילט, קאָנען מיר אוועקפאָרן פונדאַנען.

— כ'וויל, אָבער תּיכּף!...

ער איז געווען שיכּור, פולקאָם שיכּור.

— כ'האָב היינט פאַרלוירן אויף דער גאַס צוויי הונדערט פראַנק.

(דאָס איז געווען דער געוויינלעכער אופן פון דער דעליקאַטער מאַרגאָ, צונויפצורעדן זיך וועגן פרייז.)

— גוט, אָבער שנעלער!...

אין צימער פון אויסערלעך גאַנץ אָנשטענדיקן האָטעל, וואוהין עס איז פאַרפאָרן פאַרטאָג דאָסדאָזיקע פאָרפאָלק, וואָס האָט פאַרשפעטיקט צום צוג, איז געווען הייס. דער גאַסט האָט שוין נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט אפילו נישט געקאָנט אָפּשאַצן מאַרגאָס פינפיעריקע דערפאַרונג. מיט זיינע עקלדיקע הענט האָט ער צעריסן אירע ציידענע וועש. מאַרגאָ איז געווען בייז. כּדי נישט צו פאַרלירן דעם הומאָר פלעגט זי פון צייט-צו-צייט צוטראָגן צו דער נאָז גרויסע דאָזעס קאָקאַאין. זי האָט איינמאָל געזען אין קינאָמאַטאָגראַף, ווי אַזוי אַ מיידל האָט דערשטיקט אַן אויסוואורף מיט אַ גרויסער נאָז. מאַרגאָ האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך זי קאָן אים אָט דאָ אויף אַן אָרט

דערשטיק׳. זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוי פיל נישט געשמעקט. דער שיכורער גאַסט איז צעקראָכן געוואָרן, ער האָט גענומען מורא־דיק פלוידערן.

— ביסט אַ — געשמאַקער ביסן ! כ׳וועל דיר דערלייגן נאָך אַ הונדערטער. כ׳האָב אַליין ליב אַ לעב צו טון און כ׳שטער אויך נישט די אַנדערע. דאָ איז דאָ איינע... אָט דאָס איז אַ נומערל ! כ׳וואָלט איר אַ טויזנטער געגעבן. וואָלט איך געהאַט אַ מיליאָן, וואָלט איך איר אַ מיליאָן געגעבן. כ׳וועל זי אָבער אָנ־קריגן ! כ׳וועל איר די הענטלעך איבערברעכן ! כ׳וועל זיך אַזוי אויף איר אַרויפוואַרפן, אַז זי וועט דערשטיקט ווערן !...

— דאָס איז פון „האַווערני״ אָדער פון אַן אַנדערן באַר ? — האָט מאַרגאָ געפרעגט גלייכגליטיק, אַבי אונטערצוהאַלטן דעם שמועס.

— דאָס איז, ליבינקע, פון אַ גאַנץ אַנדערער אָפּערע. זי איז אַ ברונעטקע. כ׳האָב בכלל נישט ליב קיין בלאָנדינקעס. האָב נישט קיין פאַריבל. דיך פאַרגעטער איך. ווילסט, וועלן מיר מאָרגן ווידער שלאָפן. עס טרעפן אָבער בלאָנדינקעס, אַזאַ עקל, אַז דאָס לעבן ווערט נמאס !...

— ביסט נישט גערעכט, קעצעלע. אָט איז לואיזע ביי אונדז איינגאַנצן אַ העלע, און זי געפעלט שטאַרק די מענער. איינער אַן אַמעריקאַנער אָפיציר האָט אפילו געוואָלט חתונה האָבן מיט איר.

— אַ שוטה איז ער, דיין אַמעריקאַנער ! „חתונה האָבן !״ אָט דאַרף איך חתונה האָבן, איז ווי נאָר איך דערמאָן זיך וועגן איר, ווילט זיך ברעכן. אַן אומגליקלעכער מענטש בין איך ! ס׳גייט מיר נישט. אָט דער זעלבער אַמעריקאַנער האָט, מסתמא, אַ גוזמא דאָלאַרן. שוין בעסער עמעצן הרגענען, איידער חתונה האָבן. אַז כ׳גיב אַ טראַכט, אַז כ׳דאַרף בלייבן מיט איר זאַלבעצווייט, לויפט מיר דורך אַ ציטער איבערן לייב.

זיין קול האָט געציטערט. צי איז אויף אַן אמת געווען אַזוי פינסטער זיין מזל ? אָדער איז אפשר דער אייער־געטראַנק געווען באַזונדערס שעדלעך־שטאַרק ? יעדנפאַלס האָט דער גאַסט

דערשפּירט אַ גרויס רחמנות צו זיך. ער האָט אפילו צוגעדריקט זיין ראסיקע, מיט אַ האָרבעלע, נאָז צו די רעשטלעך פון דעם זיידענעם העמדעלע, ווי ער זאָל זוכן ביי מאַרגאָן שוץ. און הגם ער איז איר געווען גענוג שטאַרק דערווידער, הגם ער האָט צעריסן אירע נייע וועש, הגם ער האָט געהאַט עקלדיקע הענט, האָט מאַרגאָ פונדעסטוועגן רחמנות געהאַט אויף אים:

— אָרימינקער! מיט וועמען דאַרפסטו דאָס חתונה האָבן! מיט אַן אַלטער אַמעריקאַנערין?

— ערגער! וועסט קיינמאָל נישט טרעפן. מיט אַ בלינדער

מאַרגאָ האָט זיך אפילו אַ הויב געטון פון איבערראַשונג. דאָס צימער פון האָטעל איז פאַרשוואונדן געוואָרן. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי זיצט אין קינאָ. סאַראַ אינטערעסאַנט בילד דאָס איז.

— זי איז גאָרנישט קיין אַלטע. זי איז וואונדערשיין, נישטאָ וואָס צו רעדן. אָבער אַ בלינדע. באַגרייף דאָס נאָר. און זי איז נישט בלינד געוואָרן, נאָר געבוירן געוואָרן אַזוי. ווען זי פלויּדערט עפּעס, איז ווי מען וואָלט בפיוון געשראָקן אַ מענטש. כ'בין גאָר קיין פּחדן נישט. ביי זיך אין היימלאַנד האָב איך אַ באָלשעוויק דערשאָסן. אָבער פאַר איר האָב איך מורא.

— דו זאָגסט — אַ בלינדע און אַ וואונדערשיינע? דאָס איז דאָך אומגעווײנלעך!... וואו איז דאָס?...

מאַרגאָן האָט זיך געדאַכט, אַז אַזעלכע זאַכן קאָנען טרעפן בלויז אין קאַליפאָרניע אָדער אין אַלזשיר.

— דאָ, אויף דער גאַס טיבומערי. איר פאָטער האָט אַ דעטעקטיוו-קאַנטאָר. דאָס איז, טייבעלע, אַ געשעפט! סאַראַ קאַפּיטאַל! כ'וועל זיך נישט פאַרנאַרן. פאַר צווייהונדערט פראַנק וועל איך די הויזן נישט אַרונטערלאָזן. דאָרט שמעקט אפשר מיט אַ מיליאָנטשיקל.

דער גאַסט האָט אויפגעהערט צו יענטשען. זיין שטים האָט איצט געקלונגען פריידיק און מונטער. מאַרגאָן אָבער האָט נישט אינטערעסירט די סומע פון קאַפּיטאַל. איר גאַנצע אויפמערק-

זאַמקייט איז געווענדט געווען אויף דער געהיימנישפולער העלדין.

— מיין מלאכל, דערציייל מיר נאָך עפּעס וועגן איר. זי איז אויף אַן אמת אַ שיינע ?

— אַ בילד ! מען זאָל נישט וויסן, אַז זי איז אַ בלינדע, קאָן מען פון זינען אַראָפּ. אגב, כ'בין גיכער אַ בעלן אויף ברונעטקעס. סעווילייע. שפּאַנישע היץ. אָבער שיין איז זי. כ'לייקן נישט. אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס, אויב זי איז אַ בלינדע ?

— זי מוז דאָך אָבער זיין זייער אומגליקלעך ?

— נאָך אַ מין ! און דו וואָלסט געוואָלט. זי זאָל נאָך זיין גליקלעך ? יעדער קאָן איר דאָך דערלאַנגען מיטן שטיוול איבער דער צורה, ווי אַ פאַרשיווע הינטל.

דערדאָזיקער פאַרגלייך איז, אפנים, געפעלן געוואָרן דעם גאַסט. ער האָט זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט. מאַרגאָ אָבער איז אַלץ מער און מער צעשרויפט געוואָרן. דאָס איז דאָך אַ פילם, אַ האַרץ-צערייסנדיקער פילם. זי האָט שוין אָנגעהויבן חשודיק צישנייצן די נאָז. כדי זיך נישט פונאַנדערצווויינען, האָט זי ווידער געמוזט אָנקומען צום „קאָקאָ". אָבער אַפילו דער כישופדיקער פולווער האָט זי דאָס מאָל נישט געקאָנט פריילעך מאַכן.

און דער גאַסט האָט ווייטער גערעדט. אַריין אין אַזאַרט, איז ער אויפגעשפרונגען אויף דעם בעט און גענומען זשעסטיקולירן, ווי אַן אמתער אַקטיאָר. ער איז געווען שרעקלעך: לאַנגע מאַלפּישע הענט, אַ האָריקע ברוסט און צאַרט-ראָזע גאַטקעס. ער איז מאַרגאָן פאָרגעקומען ווי אַן עכטער פאַרברעכער פון אַ פילם: אָט אַזעלכע שלאָגן די פרויען, דערשטיקן רייכע זקנות און פאַרפירן אין היילן אָפּגענאַרטע מיידלעך.

— כ'וועל זי שוין צורעכטמאַכן ! כ'וועל זי צעטרעטן, די בהמה דידאָזיקע ! כ'וועל זי גלייך אין דער ערשטער נאַכט דערשטיקן ! זי וועט ביי מיר אפילו קיין פּיפּס נישט טון ! נאָר דערווייל מוז איך שפּילן דעם פאַרליבטן. כ'זאָג איר „טייבעלע", און ווייז איר אַ צונג. זע, אָט אַזוי. אויף מיין וואָרט ! זי הויבט דאָך

נישט אָן צו זען. כ׳קוש — איז ווי כ׳זאָל אַ טויטן קושן. די ליפּן פּלאַצן ביי מיר פון שרעק. נו, דאָס איז נאָר איצט! זאָל זי נאָר נאָך דער חתונה פּרווון קריכן צו מיר. כ׳וועל זי אין שאַפע פאַרשפּאַרן! כ׳וועל זי אין משך פון דריי טעג ליקווידירן! כ׳וועל זי, ווי אַ בלינד הינטל, אין שמעטניק אַריינוואַרפן!

פון דער היץ איז דער גאַסט אַלץ שיכּורער געוואָרן. ער האָט שוין נישט גערעדט, נאָר געשריגן. מיט זיינע לאַנגע הענט האָט ער געוויזן, ווי אַזוי ער וועט דריקן, קנעטן, שטיקן די אומגליקלעכע כּלה. מאַרגאָ האָט זיך פאַרקליבן אין ווינקל.

— און ווי פאַרליבט זי איז אין מיר! אויף די קני שטייט זי. בנאמנות! די הענט לעקט זי מיר. כ׳בין ביי איר ווי אַ גאָט און מיך עקלט. אָט ווי איצט. צום האַלז שלאָגט עס צו. אַן עקלדיקער פליג איז דאָס געווען. אַבי נאָר דעם טאַטעשי אַרומשינדן, דערנאָך וועל איך זיך שוין אַליין אַן עצה געבן מיט איר.

מאַרגאָ האָט געוויינט אויפן קול, מיט יאוש, זי האָט געוויינט ווי קיינמאָל נאָך נישט, אפילו דאַן נישט, ווען זי האָט געזען דאָס ריירנדיקסטע בילד אויף דער וועלט „די צעבראָכענע לילָיע״.

— האָב נישט קיין מורא. כ׳מיין דאָך נישט דיך. כ׳וועל נאָך מיט דיר פאָרן שלאָפן.

— כ׳האָב... כ׳האָב רחמנות אויף איר: האָסט דאָס נישט אויסגעטראַכט? אפשר זאָגסטו אַלץ ליגן, כדי מיך אָנצושרעקן? האָסט דאָס, זיכער, געזען אין קינאָ.

— איך זאָג ליגן? נאַר! דאָס לאָזט זיך דאָך גאָרנישט אויסטראַכטן. דאָס וועט קיינעם נישט איינפאַלן. גיי נאָר, אדרבא, אַ קוק טון אויף איר, אויך ביי דיר וועלן זיך די האָר שטעלן קאַפּויער. גיי אַריין אין קאַנטאָר. דאָס איז אויף דער גאַס טיבומערי, דער זיבעצנטער נומער. וועסטו באַגרייפן, סאַראַ שרעקלעכע זאַכן עס קומען פאָר אויף דער וועלט. אַ מכשפה אַ בלינדע! פאַרפייניקט האָט זי מיך: כ׳האָב דעם אַפּעטיט פאַרלוירן. דריי וואָכן צו מיידלעך נישט געפאָרן. נו, פייגעלע, גיב מיר אַ קוש, אָדער, ווייסט וואָס, לאָמיר איצט שלאָפן. ס׳איבלט מיך. אַ

שערלעכע זאַך איז דערדאָזיקער פּליפּ. לאָמיר זיך דורכשלאָפן, און פרימאָרגנס וועלן מיר ווידער אַ שטיף טון. גוט?

ער האָט אפילו נישט געוואַרט אויף מאַרגאָס ענטפער. מיטאַמאָל, נישט פאַרדעקנדיק זיך אפילו מיט דער דעקע, האָט ער זיך געלייגט און איז פאַרגליווערט געוואָרן. נאָך אַ מינוטיקער פויזע האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער, מעלאָדישער כראָפּ.

מאַרגאָ אָבער איז ווייט געווען פון שלאָף. מאַרגאָ האָט געהערט אַ שרעקלעכע געשיכטע. מאַרגאָ האָט געשמעקט צו פיל קאָקאַאין. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, איילן זיך, וויינען, ראַטעווען, איבערלעבן שרעקלעכע סכנות, זיין אַ העלדין פון אַ פילם. זי האָט זיך שנעל אָנגעטון, זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל טון. נאָכן סעאַנס אין קינאָ האָט מען געקאָנט, אָנפּודערנדיק דאָס פאַרוויינטע פנימל, גיין אין „האַווערני“. אָבער איצט גיין אַהיים האָט זי נישט געקאָנט. דער גאַסט איז געשלאָפן. אויף זיין נאַקעטער ברוסט האָבן געציטערט שוואַרצע פּאַסמעס האָר. די הענט זענען געלעגן צעוואָרפן. אַן אמתער אויסוואורף! מאַרגאָ האָט אים דערשנאַפּט תיכף־ומיד, נאָך אין „האַווערני“, ווען זי האָט געטאַנצט מיט אים וואַן־סטעפּ. דערשטיקן אים? ראַטעווען די בלינדע? מאַרגאָ איז צוגעגאַנגען האַרט צו אים, זי האָט זיך צוגערירט צו דער דיקער שווייסיקער האַנט. דאַן אָבער איז איר געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז זי האָט אפילו אַ געשריי געטון. דער גאַסט האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט. ניין, מאַרגאָ איז אַ פּחדנטע, זי קאָן אים נישט טויטן. אויב אַזוי דאַרף מען וואָס גיכער אַנטלויפן פונדאַנען.

מאַרגאָ האָט גענומען גיין צו דער טיר. דערמאַנענדיק זיך עפּעס, האָט זי זיך אומגעקערט צו דער שטול, אויף וועלכער ס'איז געלעגן דעם גאַסטס רעקל. אַרויסנעמענדיק דעם פּאָרטפעל, האָט זי אָפּגעציילט צוויי הונדערט פראַנק, דערנאָך, וואַקלענדיק זיך אַ רגע, האָט זי דערלייגט נאָך. אויף עפּעס אַ וויזיטקאַרטע, וואָס איז געלעגן אין פּאָרטפעל, האָט זי אָנגעפּאַטשקעט

מיט טוש, מיט וועלכן זי פלעגט אונטערפירן די אויגן, אַ געזעגענונגס־צעטעלע:

„כ׳האָב גענומען צוויי הונדערט, יענע, וואָס כ׳האָב פאַרלוירן אויף דער גאַס, און נאָך הונדערט, וועלכע איר האָט צוגעזאָגט. איר זענט אַן אַנטער גזל׳. דאָס מיידל פון באַר „האַווערני״.

אָפּגעטון דאָס, איז מאַ־גאָ שנעל אַרויסגעלאָפן פון האָטעל. ס׳איז שוין געווען ניין אַ זייגער אינדערפרי. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט ביי יעדן טריט פלעגט זי זיך אָנשטויסן אין פאַרבייגייער, וועלכע פלעגן זיך בייז זידלען. זי האָט זיך שלעכט פונאַנדערגעקליבן אין די נעמען פון די גאַסן. זי האָט זיך שרעקלעך געאיילט. זי האָט נאָך נישט געוואוסט, וואוהין זי דאַרף גיין, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט זי פאָרט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן. צוקומענדיק ביזן פּלאַץ פון דער אָפּערע, האָט זי פאַרלוירן אַ קוק געטון אויף די באַלעבעטע בולוואַרן, זי האָט פאָרזיכטיק צוגעטראָגן צו דער נאָז נאָך אַ שמעק „קאַ׳אָ״ און נישט טראַכטנדיק מער וועגן גאָרנישט איז זי אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָבוס, אויף וועלכן ס׳איז געהאָנגען אַ שילדל: „פּלאַץ קלישי — מאָנפּאַרנאַסער וואָקזאַל״

20.

## דאָס זײַנען נישט פּעראָ׳ס מעשהלעך, דאָס איז אויך נישט קיין פֿילם — דאָס איז פּראָסט־פּשוט דאָס לעבן

גאַבריעל האָט שנעל באַוועגט די שפּיזלעך: זי האָט געשטריקט אַ שאַליקל פֿאַרן חתן. דערביי האָט זי מקנא געווען יעדעס וואָל־פֿעדימל — דאָס פֿעדימל וועט דאָך גלעטן דעם האַלז פֿון וואונדערשיינעם פּרינץ. גאַבריעל אָבער קאָן דאָס נישט טון. גאַבריעל בלייבט אַזוי זעלטן אונטער פֿיר אויגן מיט אים. צי וועט ער היינט קומען, ווי ער האָט צוגעזאָגט?

הינטער דער טיר האָט פֿאַרקילט אַ זאָג געטון די איינגעפֿאַלענע נאָז:

— פּרל. גאַבריעל, מען פֿרעגט זיך אויף אייך.

ער! אַזוי פֿרי! ער קומט קיינמאָל נישט אינדערפֿרי. ער האָט, זיכער, דערפֿילט, ווי גאַבריעל וואַרט אויף אים. אָבער ניין: אָנשטאָט אַ בולטן באַס־מאַרש האָט זיך אַ שאָט געטון אַ דיסקאַנט־קוויטש פֿון אָפּצאַסעלעך, אַ סקריפּ פֿון זיידנס, אַ גאַנצער כאָר שאַרפֿע, אויסערגעוויינלעך דורכדרינגענדיקע קלאַנגען.

— ווער איז דאָ?

קיין ענטפֿער איז נישט געקומען. אַלע קלאַנגען זענען ווי פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ס׳האָט געהערשט אַ פֿולשטענדיקע שטיל־

קייט. אַ דערשטוינטע האָט גאַבריעל זיך באַמיט אָנצוטאַפּן דאָס צימער מיטן אויער. לסוף האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער טיר און ווידער געפרעגט:

— ווער זענט איר?

אין דער טיר איז געשטאַנען די העלדין פון שענסטן פילם אויף דער וועלט, דאָס מיידל פון באַר „האַווערני", די צעחושטע מאַרגאָ, וועלכע האָט געשמעקט צו פיל קאָקאַאין. זי האָט געשוויגן. גאַבריעלס האַנט האָט זי דורכגעשפּיזט, זי האָט געשפּירט, אַז מען דאַרף רעדן, זי האָט אָבער נישט געקאָנט.

ווען זי איז געלאָפן איבער דער גאַס טיבומערי האָט זי געהאַט אַ סך ווערטער, אַזעלכע שיינע און איבערצייגנדיקע ווערטער. ס'איז אפילו צוגעגרייט געווען דער ערשטער זאַץ: „אָפּגענאַרטע בלינדע! כ'בין געקומען אַהער, כדי צו ראַטעווען אייער אומגליקלעך האַרץ". זי וועט קומען אין דער לעצטער מינוט. דער נאָטאַריוס וועט שוין אויסשטרעקן דער אומגליקלעכער כלה די פעדער, כדי אונטערצושרייבן דעם חתונה־קאָנטראַקט. אָדער ניין, בלינדע קענען דאָך נישט שרייבן, מען וועט זי פשוט פרעגן: „איר זענט מסכים?" — און דערלעבן וועט שטיין דערדאָזיקער אויסוואורף מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און וועט זיך שוין גרייטן צו שטיקן מיט זיינע מאַלפּישע הענט דאָס דיבינקע קינדעריש העלדל. מאַרגאָ וועט נישט פאַרשפּעטיקן, מאַרגאָ וועט אויפדעקן די פאַרברעכערישע פּלענער. אַלע וועלן זיין גליקלעך. מ'וועט צו מאַרגאָ זאָגן: „בלייבט דאָ. וואוינט מיט אונז". מאַרגאָ אָבער, ווי אַ געהיימנישפולע העלדין, וועט זיך אפילו נישט אָנרופן בייב נאָמען, זי וועט אַוועקגיין הינטערן בופעט פון באַר און בלויז ביינאַכט וועט זי אַ ביסל וויינען. דאָס וועט זיין וואונדערשיין!

אַזוי האָט מאַרגאָ געטראַכט, לויפנדיק איבער דער גאַס טיבומערי. איצט אָבער האָט זי געשוויגן, איצט אָבער האָט זי קיין ווערטער נישט געהאַט. זי האָט זיי, ווערשיינלעך, פאַרלוירן, אויפהייבנדיק זיך איבער די טונקעלע שטיגן.

— ווער זענט איר? איר האָט אַ טעות. די קאָנטאָר איז דאָרטן. דאָ וואוין איך, גאַבריעל.

מען האָט געמוזט רעדן. און מאַרגאָ האָט צעטומלט אַרויסגעשטאַמלט נישט די צוגעגרייטע פייערלעכע פראַזע, נײַן, עפּעס גאַנץ פּשוטס:

— איך? איך בין דאָס מיידל פון באַר „האַווערני".

— באַר? וואָס איז דאָס — אַ באַר?

דאַן האָט מאַרגאָ נישט אויסגעהאַלטן. איר איז גאָרנישט געווען פריילעך. איר איז אפילו געווען זייער אימהדיק. די קאַנטאָר, די שרייב־מאַשין, דאָס פריילין, וואָס האָט פרידלעך געשטריקט אַ שאַליקל — דאָס אַלץ האָט זי צעטומלט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס, וואָס די בלינדע האָט גערעדט, איז געווען צו קאָמיש. מאַרגאָ האָט געקאָנט באַגרייפן, אַז ס'זענען דאָ מענטשן, וואָס ווייסן נישט, וואָס אַזוינס עס איז אַ דאַמפער אָדער אַן ערד־ציטערניש. (מאַרגאָ האָט אויך דאָס געוואוסט). אָבער נישט וויסן, וואָס אַזוינס אַ באַר איז — דאָס איז דאָך לעכערלעך! און מאַרגאָ האָט האַרציק געלאַכט.

— אַ באַר? וואָס הייסט. איר זענט קיינמאָל אין קיין באַר נישט געווען? דאָס איז... ווי זאָל מען אייך דאָס זאָגן... דאָס איז פריילעך. דאָרט טרינקט מען שאַמפּאַניער אָדער קאָקטײלן און מען טאַנצט. און דער נעגער סולאָ פייפט.

— כ'וויל נישט! כ'האָב מורא פאַר נעגערס!

— ער איז לגמרי נישט קיין שרעקלעכער. ער האָט אַ צונג, ווי ביי אַ קאַץ — אַ לאַנגע און אַ שאָרסקע, ער איז אַ שרעקלעכער נאַשער, דערדאָזיקער סולאָ. כ'זיץ ביים בופעט, און...

מאַרגאָ האָט זיך אָבער פּלוצלונג דערמאָנט, צוליב וואָס זי איז געקומען אַהער און איבערגעריסן איר באַגייסטערטע דערציילונג. זיך אָננעמענדיק מיט מוט, האָט זי אויסגעשריגן:

— איר ווייסט נישט — ער איז אַן אויסוווּרף! ער איז אַן אמתער אויסוואורף!

— ווער? דער נעגער?

— ניין, אייער חתן.

— נישט אמת! ער איז אַ גוטער! דערוועגט זיך נישט צו באַליידיקן אים!

גאַבריעל האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט די הענט מיט די שטריק־שפּיזלען. זי איז גרייט געווען צו פּאַרטיי־דיקן איר ליבע.

— הערט מיך נאָר אויס! ער נאַרט אייך אָפּ. ווען איך בין היינט געשלאָפן מיט אים...

— וואָס הייסט — געשלאָפן? איר זענט זיין שוועסטער?

מאַרגאָ האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט.

— סאַראַ וואונדערבאַרע איר זענט! אַ קינדעלע זענט איר! איר ווייסט גאָרנישט. שלאָפן, הייסט — ליב האָבן. איר פאַר־שטייט? בלויז אין די אָוונטן זיך איך ביים בופעט, ביינאַכט אָבער פאַרנעם איך זיך מיט ליבע. די מענער געפעלט עס שטאַרק, זיי צאָלן גוט. כ׳פאַרדין פון דעם. כ׳אַרבעט. נעכטן האָט מיך גענומען אייער חתן...

— איר זאָגט ליגן. ער האָט אייך נישט געקאָנט ליב האָבן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ליב בלויז מיך.

מאַרגאָ איז אַריינגעפאַלן אין כעס: אָנשטאָט צו דאַנקען, באַליידיקט מען זי נאָך!

— וואָס הייסט — איך זאָג ליגן? ער האָט אויף מיר צע־ריסן די גאַנצע וועש, אייער פריינט. נישט געקאָנט אויפוואַרטן, ביז כ׳וועל זיך אויסטון. נאָך אין באַר איז ער געקראָכן קושן זיך.

דערהערנדיק דידאָזיקע ווערטער איז גאַבריעל צוגעגאַנגען צו מאַרגאָן, זי אָנגענומען פאַר די הענט און זייער שטיל געזאָגט:

— לאַכט נישט אָפּ פון מיר! די יינגלעך פון דער אויבערשטער דירה לאַכן אָפּ פון מיר דערפאַר, ווייל איך בין אַ בלינדע. כ׳בעט אייך, זאָגט מיר: ער האָט אייך געקושט?

— געוויס. כ׳האָב מיינע דריי הונדערט פראַנק פּשר פּאַרדינט.

גאַבריעל האָט אָנגעהויבן צו וויינען. דאָס זענען געווען טרערן, אומפאַרשטענדלעכע פאַר מאַרגאָן. זי האָט אַליין אויך ליב געהאַט אַ וויין צו טון, אָבער דאַן שוין אויף אַן אמת, אויפן קול. די בלינדע אָבער האָט געוויינט אַזוי, אַז מ׳האָט זי נישט געהערט. אירע אַקסלען האָבן דערביי נישט געציטערט. איבערן רואיקן פּנים זענען גערונען טרערן, אַ סך טרערן. און נישט פאַרשטייענדיק דעמדאָזיקן מאָדנעם אופן פון וויינען, האָט מאַרגאָ נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו טרייסטן די בלינדע. לסוף האָט גאַבריעל געזאָגט:

— ער איז נישט שולדיק. דאָס בין איך אַ שלעכטע. כ׳בין אייך מקנא געווען. איר זענט, זיכער, בעסער פאַר מיר. איר זענט נישט קיין בלינדע. זאָל ער אייך ליב האָבן, זאָל ער אייך קישן. כ׳וועל אים גאָרנישט נישט זאָגן. אָבער אפשר וועט ער פונדעסטוועגן וועלן, איך זאָל זיין זיין ווייב. איך זאָל וואַשן די דילן. דאַן וועל איך זיין גליקלעך.

— שווייגט! איר פאַרשטייט גאָרנישט. איר טאָרט נישט מסכים זיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גלייך נאָך דער חתונה וועט ער אייך דערשטיקן. ער האָט הענט, ווי אַ מאַלפּע. כ׳וועל איצט זאָגן, צוליב וואָס כ׳בין אַהערגעקומען צו לויפן... כ׳מוז אייך ראַטעווען. ער וועט אייך פאַרמויערן אין אַ קעמערל! ער איז פּעאיק אויף אַלץ!

— איר רעדט שרעקלעכע זאַכן. פאַרוואָס וועט ער מיך פאַרמויערן? צי דען האָב איך אים געטון עפּעס שלעכטס?

ער האָט אייך פיינט. אַך, ווי ער האָט געשריגן: „כ׳וועל דערשטיקן, אָט וועל איך נעמען און דערשטיקן". ער האָט געזאָגט, אַז ער זאָגט אייך צערטלעכקייטן, און ווייזט אייך די צונג, ער האָט געזאָגט, אַז איר זענט ערגער פאַר דער אַלטער ענגלענדערין.

— כ׳פאַרשטיי גאָרנישט. כ׳בין אַ נאַרישע. לאַכט נישט פון

מיר! פֿאַרוואָס־זשע האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך ליב? פֿאַרוואָס?

— סאַראַ אומפֿאַרשטאַנדיקע איר זענט. אָט זאָג איך דאָך צו מענער, אַז כ'האָב זיי ליב, און ס'ווילט זיך מיר אַ שפּיי טון זיי אין צורה, דערפֿאַר צאָלט מען.

— איר זאָגט, הייסט עס, ליגן? דאָס איז נישט גוט.

— נו, ליבינקע, פֿאַררייסט נישט צו הויך די נאָז! זאָגן ליגן קומט יעדן אויס. אָבער כ'טויט דאָך קיינעם נישט. ער אָבער וויל נעמען אייער נדן און דערנאָך אייך דערשטיקן. מען דאַרף אים איינזעצן אין תּפֿיסה. מען דאַרף אים אפֿילו דעם קאָפּ אָפּהאַקן, אָט־וואָס!

— ער האָט אייך געזאָגט, אַז ער האָט מיך פֿיינט?

— נו, געוויס, און אַ סך מאָל. ער האָט א..ילו נישט גערעדט, נאָר געדעוועט ווי אַן אָקס.

גאַבריעל האָט אויפֿגעהויבן די הענט צו אירע אויגן, פֿון וועלכע ס'זענען כּסדר גערונען און גערונען טרערן.

— האָט רחמנות אויף מיר! כ'בין אַזוי אומגליקלעך. זיי זענען ביי מיר... נישט אַזעלכע, ווי ביי אַלעמען.

דאָ זענען אויסגעגאַנגען די כּוחות אויך ביי דער העלדין פֿון אינטערעסאַנטן פֿילם. אַרומנעמענדיק די בלינדע, האָט די קליינינקע מאַרגאָ גענומען בעטשען. אָ, אירע טרערן זענען נישט געווען קיין שטילע! ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גופֿא וועט אויסהאַלטן איר אייגן געוויין, אַז אָט נעמט זי און שטאַרבט גלייך אויפֿן אָרט. געוויס, אַזוי אויפֿפֿירן זיך אין אַ פֿרעמדער דירה איז זייער נישט גוט. אָבער וואָס זאָל מען טון: גאַבריעל האָט דאָך געבעטן רחמנות האָבן אויף איר, און אַנדערש רחמנות האָבן האָט מאַרגאָ נישט געקאָנט.

די אומגעוויינלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פֿון דער טאָכטערס צימער, זענען דערגאַנגען צום הער ריימאָנד נעי. ער האָט באַשלאָסן אויסצופֿאָרשן, וואָס דאָרט קומט פֿאָר. ער

האָט געטראָפן גאַבריעל מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנט מיידל. ביידע זענען געשטאַנען אינמיטן צימער און האָבן געוויינט.

— וואָס איז געשען ? כ'האָב געמיינט, אַז ביי דיר איז דיין חתן.

— ער איז נישט מיין חתן. ער וועט דאָ שוין מער קיינ־מאָל נישט זיין.

— וואָס ? ביסט פון זינען אַראָפּ ? ווער איז דידאָזיקע פּערזאָן ?

— דאָס איז אַ גוט מיידל. זי איז פון באַר. זי איז גע־שלאָפן מיט אים. ער האָט זי ליב. ער האָט זיך איר מודה געווען אין אַלץ.

— פון אַ באַר ?... און דידאָזיקע זונה האָט זיך דער־וועגט צו קומען אין אַ פאַמיליען־הויז. כ'וועל זי דאָך טויטן !...

אָ, דאָס פּעטס, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך הער נעיס פּנים, האָט געקאָנט זיין שרעקלעך ! ער איז איצט ענלעך געווען אויף אַ קצב, וואָס שינדט אָפּ אַ שעפּסל. מאַרגאָ האָט מער נישט געוויינט. אין איין שרעק האָט זי זיך געוואָרפן איבערן צימער, זוכנדיק אַ שפּאַרונע.

— כ'האָב קיין שום שלעכטס נישט געטון ! כ'האָב בלויז געוואָלט ראַטעווען אייער טאָכטער ! לאָזט מיך אָפּ ! מען דאַרף מיך נישט טויטן ! כ'וועל אַליין אַוועקגיין פונדאַנען !...

אָבער נישט אַזוי לייכט האָט מען געקאָנט וויכער מאַכן דעם הער נעיס צאָרן.

— כ'וועל דיר ווייזן, דו פאַרקויפטע פעל, ווי אַזוי צו באַ־שמוצן אָרנטלעכע מענטשן. גאַסטאָן ! אַלפרעד ! וויקטאָר !

אויפן באַלעבאָס' געשריי זענען תיכּף געקומען די איינגע־פאַלענע נאָז און צוויי יונגע אָנגעפּודערטע דעטעקטיוון אין גע־קעסטלטע קאַשקעטלעך.

— נעמט זי ! וואַרפט זי אַרויס !

גאַבריעל האָט זיך באַמיט צו באַשיצן מיט זיך מאַרגאָן, אבער דער פאָטער האָט זי אָנגעכאַפּט.

— פּאָטער, טוט איר נישט קיין שלעכטס! זי איז אַ גוטע!

— נאַר! שווייג! אויף אַן אָרט שטיי!

אויסדרייענדיק מאַרגאָס הענט האָבן זי די יונגע דעטעקטיוון גענומען שלעפּן איבערן לאַנגן לאַבירינט פון דער קאַנטאָר. פון הינטן איז געגאַנגען גאַסטאָן, מיט דעם פוס האָט ער אונטערגעשטופּט דאָס מיידל. מאַרגאָ האָט געשריגן, דאָס האָט איר אָבער, נאַטירלעך, נישט געקאָנט העלפן. פאַרטשעפּענדיק זיך פאַר דער טיר, האָט מאַרגאָ פאַרלוירן דעם הוט. לסוף האָט גאַסטאָן, כיכיקענדיק הייזעריקלעך, אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— און איצט שטאַרקער און — אַראָפּ!

די יונגע דעטעקטיוון האָבן אַ שטויס געטון מאַרגאָן, און זי האָט זיך אַראָפּגעקייקלט איבער די שמאָלינקע שטיגן.

העררייימאָנד בעי האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו דונערן!

— ווי האָסטו זיך דאָס דערוועגט צו שמועסן מיט איר? זיי מוחל און שווייג, ווען הער כאַליביעוו וועט קומען! פאַרשטייסט? קיין וואָרט נישט!

— פּאָטער, איך קאָן נישט! ער האָט זי דאָך ליב!

— ביסט אַן אידיאָטקע! אַלע יונגע מענטשן ווילן זיך אַזוי.

— ער לאַכט זיך אויס פון מיר.

— נו, איז וואָס, צי דען ביסטו נישט בלינד? ווען איך זאָל נישט זיין דיין פּאָטער, קאָן זיין, אַז אויך איך וואָלט געלאַכט פון דיר. דאַנק גאָט, וואָס ער איז פונדעסטוועגן מספּים חתונה צו האָבן מיט דיר.

— פּאָטער, האָט רחמנות אויף מיר! כ'האָב מורא פאַר אים!

— שווייג! ווי איך זאָג, אַזוי וועט זיין. קיין איין וואָרט נישט מער! ווען ער וועט קומען, זאָלסטו שמייכלען. דו הערסט וואָס איך זאָג? שמייכל, דו בלינדער שעפּס!

גאַבריעל איז געבליבן אַליין. כאַליביעוו איז נאָך נישט נעהאַט געקומען. הייסט עס, אַז זי האָט נאָך געקאָנט נישט שמייכלען. הייסט עס, אַז זי האָט נאָך געקאָנט וויינען. זי האָט דאָך געוויינט אינדערשטיל, אירע טרערן האָט קיינער נישט געהערט.

זי האָט געוויינט דערפאַר, וואָס דער גוטער פּרינץ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסוואורף, און פון דער ליבע, פון ים, פון די רויזן איז געבליבן בלויז דער נדן, די שמוציקע פּאַפּירלעך. זי האָט געוויינט דערפאַר, וואָס זי האָט געאײַלט צו גאַסט צום גליק, און זי איז אַרייַנגעפאַלן צוריק אין דערדאָזיקער עקלהאַפטער קאַנטאָר. מיט איינמאָל האָט זי באַגריפן דעם גאַנצן גרויל, דעם גאַנצן עיפּוש פון דידאָזיקע ווינקלען. זי האָט געהערט, ווי עקלדיק ס׳האָט כיכיקעט גאַסטאָן, שלאָגנדיק די אָרימע מאַרגאָ. זי האָט צום ערשטן מאָל אַ ספק געטון אין פּאָטערס גוטסקייט. זי האָט געוויינט נישט דערפאַר, וואָס די אויגן זענען ביי איר נישט אַזעלכע, ווי ביי אַלעמען. ניין, זי האָט געוויינט דערפאַר, וואָס איצט, דאַכט זיך, זענען אירע אויגן געווען פּונקט אַזעלכע, ווי ביי אַלעמען. זי האָט פאַרגעסן וועגן פּעראָ׳ס מעשהלעך. זי האָט דערזען דאָס לעבן.

און אונטן, אין טונקעלן הויף, האָט געוויינט מאַרגאָ. זי האָט געוואָלט ראַטעווען די בלינדע. זי האָט געוואָלט זיין אַ העלדין פון אַ פילם. זעט נאָר, זעט אַלע, ווי אַזוי מען האָט זי באַליידיקט! יאָ, זי איז אַ מיידל פון באַר „האַווערני״! יאָ, זי פאָרט אין האָטעלן מיט מאַנסבילן! זי גנבעט דאָך אָבער נישט, זי טויט נישט. זי איז געקומען אַהער נישט צוליב געלט. זי האָט אפילו פאַרלוירן איר נייעם הוט. זי האָט איינגעריכט איר מאַנטל אין שטינקנדיקן שמוץ, וואָס באַדעקט די שטיגן. זי האָט איצט אויף דער באַק אַ גרויסן סיניאַק. זי וועט איבאָוונט נישט קאָנען גיין אין „האַווערני״. ווער וועט איר קויפן אַ ניי היטעלע?

זי האָט געוויינט און זיך דערמאַנט אַלע באַליידיקונגען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט — ווי אַזוי ס׳האָט זי אָפּגענאַרט דער שוואַרצוואָנסיקער אָנגעשטעלטער פון נאַנט, ווי אַזוי ס׳האָבן זי

באַליידיקט קאַוואַלערן, געפּאָדערט, זי זאָל ווייזן שענדלעכע זאַכן, און פלעגן שטילערהייט אָפּציען, נישט באַצאָלנדיק פאַר דער נאַכט, סאַראַ עקלדיקע, שווייסיקע, שלעכטע זיי זענען געווען. אָט דערדאָזיקער נעכטיקער!...

אין טונקעלן הויף, וואו מ׳האָט אייביק גערייניקט די רערן, וואו ס׳האָט ווילד געשריגן אַן עופהלע און ס׳האָבן זיך געגאָסן פון די אויבערשטע שטאָקן פּאָמוניצעס, האָט מאַרגאָ לאַנג געוווינט. קיינער איז זי נישט געקומען טרייסטן. קיינער האָט זי גאָרנישט געקאָנט טרייסטן. אָנשטאָט אַ פילם האָט מען דאָך איר געוויזן דאָס לעבן. דאָסדאָזיקע שרעקלעכע שוואַרצע לעבן, אַן ענלעכס אויפן פאַרוואָרפענעם הויף אין הויז נומער זיבעצן אויף דער גאַס טיבומערי.

21.

## וועגן בלאָנדן מיידעלע

אויפֿן באַסטיליע-פּלאַץ זענען פֿאָרגעקומען יאַריד-פֿאַרווײלונגען, און פֿונדערווײטנס, דורכלײַנירט דורך שאַרפֿע ווינקלען פֿון גאַז-לאַמטערן און געדיכטע פּלוצימדיקע פֿינסטערנישן, האָט דער גרויסער פּלאַץ אויסגעזען ווי אַ סצענע פֿון אַ כּישוף-טעאַטער. די פֿאָנען אַליין זענען עפּעס ווערט געווען, הונדערטער בונטע פֿענדלעך! דאָס מאָל האָבן זיי רעפּרעזענטירט נישט קיין קעמפֿנדיקע מלוכות, נאָר בלויז אַ פֿרײלעכן רעגנבויגן: דעם פּורפּור פֿון דער זון, דעם תּכלת פֿון הימל, דעם שמאַראַגד פֿון דער ערד.

אויפֿן פּלאַץ זענען אָנגעפֿאָרן קאַרוסעל-אייגנטימער, דרעסירער פֿון חזירים, הענדלערס מיט פּיסטאַשקעס, קונצנמאַכערס, אַקראָבאַטן, דערפֿינדערס פֿון קונציקע שפּילקעס און אַפֿילו בויכרעדנערס. אַלע האָבן זיי גערופֿן דעם עולם אין זייערע בײדלעך, געיעלהט, געוויצלט זיך, געזידלט זיך, געדרייט קאַטאַרינקעס און געצופּט די אויסערגעוויינלעכע, אינטעליגענטע חזירים פֿאַר די געוויינלעכע חזירישע ווײדלעך, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַן אומבאַשרײַבלעך קוויטשערײַ, וואָס האָט אַלץ איבערגעשריגן. אין אַ פֿערטל שעה האָבן זיי פֿאַרוואַנדלט אַ געוויינלעכן שטאָטישן פּלאַץ אין אַ געהיימנישפֿולע וואַלד-לאָנקע, אויף וועלכער ס'האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ גרויסער ציגײַנער-לאַגער.

מער פאַר אַלץ זענען געווען קאַרוסעלן. אויף הילצערנע בעגעמאָטן, וואָס האָבן גוטמוטיק געשטשירעט די ציין און האָבן אויסערגעווײנלעך דערמאַנט דעם הער ריימאָנד נעי אין זייגע בעסטע מינוטן, האָבן זיך געדרייט קוויטשענדיקע מיידלעך. נאָך איין קרייז! אינגאַנצן פינף סו! קאַוואַלערן, נישט שוין-זשעוועט איר זשאַלעוועט פינף סו פאַר דידאָזיקע פרײלעכע מיידלעך? עס דרייט זיך בײ זיי דער קאָפּ, ווי זיי זאָלן האָבן אויסגעטרונקען אַ סך ליקער אָדער זיך געקושט מיט אייך. זיי זענען גליקלעך, די קלײנינקע מאָדיסטקעס פון דער פאָרשטאָט סענ-אַנטואַן.

בײ וועמען דער קאָפּ האָט זיך געדרייט אויך אָן אַ קאַרוסעל, יענער האָט געקאָנט אַרײנגיין אין שכנותדיקן געצעלט. אויב די הענט האָבן בײ אים נישט געציטערט, האָט ער דאָרט געקאָנט אויספישן אַ קעסטעלע מאָנפּאַנסיע אָדער אפילו אַ פלאַש שוימענדיקן וויין. דערמיט האָבן זיך באַשעפטיקט מיידלעך. וואָס שייך די יונגע מענטשן, האָבן זיי געשאָסן אין די צעשמחהטע פנימער פון די ליאַלקעס אָדער אין ליימענע ליולקעס, וועלכע האָבן זיך זייער שנעל געדרייט. אָ, דאָס איז נישט די מלחמה, דאָס איז אַ סך רויקער און פרײלעכער!

פאַר ליבהאָבער פון פײנערע פאַרגעניגנס זענען געשטאַנען גרייט פאַרמאַכטע באַלאַגאַנעס, אַ קינאָ, למשל, וואו דער אומדערמידלעכער שאַרלאָ ברעכט כלים. מאָדנע, פונוואַנען נעמען זיך נאָך אויף דער וועלט גאַנצע זופּ-וואַזעס? צי דען האָט ער זיי נאָך נישט צעבראָכן? פיר סו פאַרן אַרײנגיין! זשאַלעוועט נישט! וואַזעס קאָסטן טייערער. שאַרלאָ ברעכט טאַקע כלים גאַנץ גיך, אָבער שטיל. איר ווילט גערויש? — זייט מוחל צו די חזירים! דאָס זענען גאָרנישט יענע חזירים, וואָס איר האָט געזען בײ זיך אין דאָרף. זיי גייען אָנגעטון אין בלויע מונדירן. זיי פאָרן אַרום אין אַ קאַבריאָלעט און לייענען אפילו דעם „Petit Parisien". דאָס זענען דאָך גאָרנישט קיין חזירים! דאָס איז אַ וואונדער פון דער נאַטור! קומט אַרײן!

פאַר די גאָר-אויסקלײבערישע איז גצווען אָנגעגרייט אַ

גרויסער באַלאַגאַן פון די ברידער שעלעוואָ. אמת, דער אַריינטריט האָט געקאָסט טייער: אַ פראַנק מיט פינף-און-פערציק סאַנטים. דערפאַר — וואָס איז דאָרט אַלץ נישט געווען: קופּלעטן וועגן אַ מיניסטער מיט הערנער, אַ רייטערין מיט וואָלטיזשן, עקוויליבריסטן, וועלכע האַלטן אויף דער נאָז אַ סך גלעזער און צעברעכן זיי נישט, ווי דער נאַרישער שאַרלאָ, אַ שטריק-טענצערין, קלאָונעס, מאַלפּעס אפילו.

— הער בריגאַדיר, קומט אַריין! איינס פינף-און-פערציק, ניין-און-צוואַנציק סו! דער בריגאַדיר אָבער האָט בעסער אויסגעקליבן אַריינצוגיין פאַר זעקס סו אַ קוק טון אויף אויסגעדרעסירטע פליי. אַ ווילדע מציאה. מילא. יעדער האָט זיך זיין געשמאַק.

די אַריינרופערס האָבן געשריגן, ס'האָבן געפּלאַצט קנאַלערס, די געלערנטע חזירים האָבן געקוויטשעט. עולם איז געווען אַ סך. די פאַרווייליונגען זענען גרויסאַרטיק געלונגען. וועגן דעם האָבן עדות געזאָגט די קעגנזייטיקע שמייכלען סיי פון די אַרטיסטן, סיי פונם עולם.

בלויז איין מענטש, דאַכט זיך, האָט נישט געשמייכלט. דאָס איז געווען אַנדרעי. מיט אַ פאַרכמורעט-גערונצלטן שטערן איז ער געגאַנגען צווישן עולם, נישט שיסנדיק אין ציל און נישט באַוואונדערנדיק די אינטעליגענץ פון די חזירים. געוויס, ווען ער זאָל אַריינפאַלן אַהער אין אַן אַנדערן טאָג, וואָלט געווען גאַנץ אַנדערש. אַנדרעי, דער פריילעכער אַנדרעי, וואָלט אַליין אַרויפגעקראָכן אויף אַ בעגעמאָנט און וואָלט זיך געדרייט אונטער דער מוזיק פון אַ קאַטאַרינקע. איצט אָבער איז ער געווען אָנגעכמורעט. שלעכטע נייעס! מען שפּירט אים נאָך. מען מוז בייטן דעם פּאַס. נישטאָ וואו צו נעכטיקן. ער מוז וואָס גיכער פאָרן קיין טולאָן, אַנישט קאָן מען דאָ לייכט אַריינפאַלן. היינט איז דינסטיק. לכל-הפחות דאָנערשטיק אָדער פרייטיק. ס'איז אָבער נישט זיכער, צי פּואַטראַ וועט באַווייזן: ער האָט דאָך אויך געוואָלט פאָרן. פּואַטראַ איז דער איינציקער מענטש, דורך וועלכן אַנדרעי האַלט אונטער די פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ גוטער אַרבע-

טער, אַן עכטער קאָמוניסט. מיט אים וועט די אַרבעט אַוועקגיין. ווי נאַריש ס'איז אָבער פאַרשאָטן צו ווערן איצט, ווען ס'איז נאָך גאָרנישט געטון געוואָרן!

די פרייד אויפן באַסטיליע=פלאַץ האָט אַנדרעיען דענערווירט, די בעגעמאָטן זענען אַנדרעיען פאָרגעקומען עקלדיק. ער האָט נישט געגלויבט דעם געלעכטער פון די מיידלעך: מאַכן דעם אָנשטעל, אינדערעמתן אָבער איז זיי גאָר נישט פריילעך. דער חזיר אין מונדיר האָט אים דערמאַנט דעם בורזשוי פון אַ סאָוויעטישן פלאַקאַט. ברור! וואָס איז דאָ דערין קאָמישעס? אין אַלץ האָט ער געזען איינס: באַנאַלקייט.

דידאַקטישע עמפינדונג, אַן ענלעכע אויף אַ פיזישער איבלקייט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ שטיקנדיקן קינגערוף, האָט אים אָפט פאַרפאָלגט אין פאַריז. דאַן פלעגט ער מיט אומעט טראַכטן: צוואָס בין איך פאַרקראָכן אַהער? אין רוסלאַנד פלעגט זיין שווער, דאָס פלעגט אָבער פאַרבייגיין, ווי אַ שלעכטער וועטער. ווען ער האָט דערזען, ווי די פויערים פון דער קורסקער גובערניע האָבן באַגעגנט די ווייסע מיט איקאָנעס, האָט ער דערפילט אַ צאָרן, אַ צאָרן, אָבער נישט קיין יאוש. ער האָט געוואוסט: אין אַ חודש אַרום וועלן זיי זיך אויסניכטערן, וועלן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און אונטערשיסן אָפיצירן. דאָ פלעגט אָבער אַרומכאַפן אַ יאוש אויך אין אַ העלן וועטער, דאָ, דאַכט זיך, איז דער יאוש געפלאָסן טאַקע פון דער זון. די אַרבעטער האָבן געלייענט די אַרטיקלען אין „הומאַניטע" וועגן העלפן רוסלאַנד, וועגן סאָלידאַריטעט מיט די ברידער פון יענער זייט ריין, פלעגן צובאָמקען, עמפערט זיין פון דער רעגירונג, פלעגן זאָגן: „מיר וועלן זיי ווייזן", און דערנאָך פלעגן זיי גיין אין שענקען, טרינקען אַפעראַטיוון, טאַנצן, שפילן אין טריק=טראַק און פאַרגעסן וועגן דעם, אַז ערגעץ=וואו הינטער די וועגט פון שענק עקזיסטירט רוסלאַנד, דייטשלאַנד, קאַמף, רעוואָלוציע. זיי האָבן, ווי=נישט=ווי, געלעבט, און לעבנדיק, זיך באַמיט צו לעבן אין פאַרגעניגן. קעלנער, נאָך אַ פיקאָנטשיק! אַ שאָד בנאמנות, וואָס מ'האָט פאַרווערט אַבסענט. אַן אידיאָטישע

רעגירונג! און אַנדרעיען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פאַרבאָט פון אַבסענט רעגט זיי אַ סך מער אויף, ווי די אָקופּאַציע פון רור-געביט. און אַנדרעי פלעגט דאַן פאַרלירן דעם מוט.

איצט, קוקנדיק אויפן עולם, האָט ער געזען זיי. זיי דרייען זיך דאָס אויף די בעגעמאָטן, לאַכן, ווען שאַרלאָ ברעכט כלים, און אַפּלאָדירן שמוציקע קופּלעטן. געוויס, זיי האָבן אַ סך טעמפּעראַמענט, אָבער סאַראַ באַלאַגאַנישער טעמפּעראַמענט דאָס איז! אויב דער עקוויליבריסט וועט אַראָפּוואַרפן אַ גלאָז, וועלן זיי אויפגעבראַכטע שטורעמען די קאַסע. וועט צוגיין אַ וואָנסיקער פּאָליציאַנט, וועלן זיי זיך שנעל פונאַנדערגיין. זיי שיסן טרעפלעך אין ליולקעס. אָבער בלויז אין ליימענע ליולקעס. ניין, דידאָזיקע מענטשן קאָנען נישט מאַכן קיין אָקטאָבער!

אַזוי, קוקנדיק פינסטער, פון אונטערן שטערן אויף די פּשוטע פאַרווייל ונגען פון די יאַריד-יום-טובים, איז ער געגאַנגען איבערן פּלאַץ. קיין איינער, אפילו דער באַרעדעוודיקסטער אַריינרופער, האָט נישט געקאָנט אָנלאָקן דעמדאָזיקן אָנגעכמורעטן מענטש אין דעם לעדערנעם קאַשקעט. לסוף, אַרומגייענדיק דעם גאַנצן פּלאַץ, איז ער שטיין געבליבן. דאָס איז געווען אַ פינסטער ווינקל, וואו ס'זענען געשטאַנען די פורגאָנען, אין וועלכע ס'האָבן געוואוינט די דרעסירערס פון די חזירים, די חזירים גופא, די עקוויליבריסטן, די קונצנמאַכערס און די איבעריקע פאַרווײַלערס פון די פּאַריזער פּאָרשטעט. ער האָט אויפגעזוכט אַן אַלטן געלן פורגאָן מיט אַ פּלעטעלע: „וואַנדער-צירק פון די ברידער שעלעוואָ", און האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פּיטשינק פּענסטערל.

— ווער איז דאָרט?

— כ'דאַרף זען פּרל. ליזעט.

— דאָס בין איך.

— פּיער איז דאָ?

— קומט אַריין.

אַנדרעי איז מיט מי אַריינגעקראָכן אינעווייניק. דאָרט איז

געווען פינסטער, ס׳האָט געשמעקט מיט ביליקן פודער און טראַנטעס. ער האָט נישט געקאָנט זען דאָס פנים פון מיידל, וואָס האָט גערעדט מיט אים.

— פיער איז נישטאָ. פיערן האָט מען נעכטן ביינאַכט אַרעסטירט. ער האָט באַוויזן מיר איבערצוגעבן אַ צעטעלע. ער בעט אייך מודיע צו זיין, איר זאָלט וואָס גיכער אָפּפאָרן. ער געפינט זיך אין דער תפיסה סאַנטע. אָרימער פיער!

ניין, פּואַטראַ האָט אומזיסט געכאַפּט אין זיין בלאָנד מיידעלע. זי איז אפשר געווען אַמאָל קאַפּריזיש. מיט וועמען טרעפט זיך דאָס נישט? אָבער לויט דעם, ווי זי האָט אַרויסגעזאָגט „אָרימער פיער״, ווי ס׳האָט אַ ציטער געטון דערביי איר דין קעלעכל, איז שוין גענוג קלאָר געווען, אַז די בלאָנדע ליזעט האָט ליב פיערן, אַז זי האָט אים אַריינגעלאָזט נישט נאָר אין פינסטערן פורגאָן, נאָר אויך אין האַרץ.

אַנדרעי איז דערדריקט געוואָרן דורך אירע ווערטער. פּואַטראַ איז פאַרשאָטן געוואָרן. אים שפּירט מען נאָך. מען מוז פאָרן. די פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע איז איבערגעריסן. באַגייען זי איז נישטאָ קיין צייט. מ׳וועט מוזן פאָרן קיין טולאָן, נישט באַקומענדיק קיין אינסטרוקציעס, נישט זעענדיק זיך מיט קיינעם נישט. ער האָט דערשפּירט אַ שרעקלעכן אָפּפלוס פון כוחות.

און ליזעט האָט ווייטער גערעדט:

— פיער איז אַ כוואַט! ער איז נישט ווי די אַנדערע, ער איז נישט קיין פחדן. איר זענט פיערס אַ חבר? איז זענט אַ רוס? אויך איר זענט נישט קיין פחדנים. אָ, ווי כ׳האָב זיי פיינט!... מיין פאָטער איז געווען אַ קאָמונאַר. די ווערסאַלער האָבן אים דורכגעשלאָגן מיט אַ קויל דעם רעכטן פוס. איצט, אויב ס׳וועט ווידער זיין אַ קאָמונע, וועל איך אויך גיין שיסן. איצט וועלן מיר זיי שוין אָנקריגן!

אַנדרעי איז פאַרשעמט געוואָרן. ער איז, דאַכט זיך, אפילו רויט געוואָרן; אין פורגאָן איז געווען פינסטער. אַך, ווי אומגע-

רעכט ער איז! דאָס קליינינקע בלאָנדע מיידעלע איז שטאַרקער און קליגער פאַר אים. ער האָט פעסט געדריקט ליזעטס הענטל.

— יאָ, יאָ, געוויס! אייער פיער איז אַ כוואַט. איר אויך. איר אויך! געוויס, מיר וועלן זיי אָנקריגן!

— איצט מוז איך גיין, — האָט ליזעט געזאָגט. — מיין נומער. גייט אַריין אין באַלאַגאַן. איר וועט זען, ווי איך אַרבעט. גייט אַריי,. כ'בעט אייך, גייט אַריין! איך בין היינט זייער אומרואיק. כ'וועל זיין רואיק, אויב איר וועט דאָרטן זיין. פיער איז אַרעסטירט... און ווען מען גייט איבערן שטריק, מוז מען זיין רואיק, אינגאַנצן רואיק.

אַנדרעי איז אַדורך צו דער ערשטער רייע. אין אַ מינוט אַרום איז אויף דער אַרענע אַרויסגעלאָפן אַ קליין מיידעלע, כמעט אַ קינד נאָך, אין אַ קורץ קליידעלע, באַנייט מיט פּאַטשערקעס. מען האָט זי אַרויפגעהויבן אויפן שטריק. זי האָט אויסגעצויגן די הענט און אַ שמייכל געטון. זי האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן. אַנדרעי האָט מער וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט. ער האָט זיך געטראָגן מיט די אויגן נאָך דער טענצערין, ווי ער זאָל זי קאָנען אונטערהאַלטן מיטן בליק. איין מינוט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי פאַלט. ער האָט זיך אַ הויב געטון, גרייט צו וואַרפן זיך אויף דער אַרענע. אָבער ניין, דאָס האָט ליזעט אויסגעפירט די שווערסטע טייל פון איר נומער. זי איז געשטאַנען אויף איין פוס און געשאָקלט די הענט אין טאַקט צו דער מוזיק. דער דירעקטאָר פון צירק, אַן אַלטער קלאָאון, דער איינציקער פון די „ברידער שעלעוואָ" (דער צווייטער ברודער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן), האָט, קנאַלנדיק מיט דער בייטש, גליכמעסיק געשריגן:

— דרייסטער! דרייסטער!

און קוקנדיק גלייך אויף אַנדרעיען, שמייכלענדיק איצט בלויז צו אים, האָט די קליינינקע ליזעט, די טאָכטער פון קאָמונאַר, די פריינדין פון שאָפער פּואַטראַ, פריילעך אַ געשריי געטון:

— דרייסטער! דרייסטער!

אַנדרעי האָט זיך אויפגעהויבן. די נאָר־וואָסיקע ספקות זענען
ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען געוואָרן. ער האָט מונטער
געשפּרייזט איבערן פּלאַץ. ער האָט מער נישט געצאָרנט, קוקנדיק
אויף דעם פריילעכן עולם. ניין, איצט האָט ער געהאַט צוטרוי
צו אים, ער האָט אים ליב געהאַט. דאָס איז דאָך דאָס
גרויסע פּאַריזער פאָלק! ווער ווייסט, מאָרגן אפשר וועט עס גיין
פּאַרטיידיקן אַ נייע קאָמונע? זאָלן זיי זיך פרייען! זאָלן זיי
שיסן אין ערדענע ליולקעס! אַנדרעי האָט געהערט, ווי ס'קלאַפּט
דאָס האַרץ פון די רומרייכע פּאָרשטעט, — דאָס אַרבעטער־האַרץ
פון פּאַריז. צי נישט אויפן דאָזיקן פּלאַץ האָבן די סאַנקיולאָטן
געטאַנצט די קאַרמאַניאָלע? צי איז נישט דאָ — אין דאָזיקן
ראָג — געזעסן דער אַלטער וועטעראַן פון אַכט־און־פערציקסטן
יאָר און האָט געטיילט די אויפשטענדיקע — די מויערער, בעקערס, וועבערס — קוילן. סיי די מויערער, סיי די בעקערס, סיי
די וועבערס האָבן געוואוסט איינס: אַזוי און אַזוי פיל פּאַר די
ווערסאַלער, און די לעצטע פּאַר זיך. אַ גרויס פאָלק! אָט איז
זיין טאָכטער, די טאָכטער פון פּאַריז: דאָס מיידל ליזעט, וועלכע
קאָן פּודערן די קאַפּריזנע נאָז, וועלכע קאָן אָנבלאָזן די ליפּעלעך, וועלכע ווייסט אָבער: „מיר וועלן זיי דאָך אָנקריגן". ניין,
אַנדרעי איז דאָ נישט איינזאַם! מען דאַרף אַרבעטן! איבערמאָרגן
קיין טולאָן.

אַנדרעי וואָלט געקאָנט פאָרן אויך מאָרגן. אָבער זשאַננאַ?
ער מוז זיך זען מיט זשאַננאַן. ער איז אַריין אין אַ קליינינקן
באַר. ס'איז געווען ליידיק. בלויז צוויי פאַרשלאָפענע אַלטיטשקע
האָבן געשפּילט אין דאַמקעס. ער האָט באַשטעלט אַ טעפּעלע קאַווע און גלייך אויפן אָרט, ביים בופעט, האָט ער אין איילעניש אָנגעשריבן זשאַננאַן עטלעכע ווערטער. זיי מוזן זיך
מאָרגן זען.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז שוין געווען פינסטער און
ווייסט. פון באַסטיליע־פּלאַץ האָבן זיך קוים דערטראָגן די שטימען
פון די מידע קאַטאַרינקעס. ס'האָט געבלאָזן אַ וואַרעמער, פייכטער ווינט פון לאַמאַנש, די ליפּן זענען פון אים געוואָרן גע-

זאַלצן. דערדאָזיקער ווינט האָט צוגעזאָגט זייער אַ סך זאַכן. אַלע מערק־נעכט פלעגט ער אויפרודערן די אַלטע שטאָט. אַנדרעי איז שטיין געבליבן און האָט אַ קוק געטון אַרום זיך. שטילע ווענט אָן פענסטער, אַ שוואַרצער הימל, אַ פוסטקייט. דאָס בלאָנדע מיי־דעלע ליזעט, וואָס האָט געשריגן „דרייסטער", פּאַריז, זשאַננאַס גרויסע ליבע. די רעוואָלוציע, רוסלאַנד, אַלץ האָט זיך צונויפגע־גאָסן אין אים אין איין שווערער פרייד פון אַ מענטש, וועלכער לעבט, קעמפט, האָט ליב.

22.

## מען מוז שטאַרק רעטושירן

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אײנאָוונט. ווען פרל. פּאַליעט האָט געבראַכט צו טראָגן די ליפּאָווע טיי און געפרעגט, צי זשיל לעבאָ דאַרף נישט האָבן נאָך עפּעס, האָט ער שוין געשפּירט די ערשטע אָנגריפן פון האַרץ־אַטאַק. ער האָט אפילו געוואָלט פאַרהאַלטן די אַלטינקע עקאָנאָמקע, בעטן זי איבערצונעכטיקן אין קאַבינעט. געוויס, פרל. פּאַליעט וואָלט מסכּים געווען, דאָס איז דאָך אַרײנגעגאַנגען אין אירע פליכטן. זשיל לעבאָ האָט אָבער אַבערגלויביש אַ טראַכט געטון, אַז אויב ער וועט דאָס טון, וועט ווערן נאָך ערגער. מיט אַ קראַנקהייט דאַרף מען תּמיד שפּילן אין בלענדעביש. ער וועט אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און וועט זיך צולייגן, ער וועט מאַכן אַן אָנשטעל, ווי ער זאָל זיין אינגאַנצן געזונט. ווער ווייסט, אפשר וועט ער טאַקע אויף אַן אמת איינשלאָפן?

פרל. פּאַליעט איז שוין פון לאַנג געהאַט אַוועקגעגאַנגען. די ליפּאָווע טיי איז שוין פון לאַנג קאַלט געוואָרן. זשיל לעבאָ איז געלעגן און זיך געשטיקט. זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט, ס'האָט זיך באַמיט אַרויסצורייסן פון ברוסט. זשיל לעבאָ האָט געוואָלט אויפהויבן זיך, אָנטון זיך, אַרויסגיין אויף דער גאַס, וואו ס'איז דאָ אַ סך לופט, וואו ס'איז לייכטער צו אָטעמען, וואו ס'איז געמיטלעך און פשוט צווישן די דורכגייער, נישטאָ די־דאָזיקע אָנגעצויגנקייט, נישטאָ קיין געטשקעס, נישטאָ קיין רעצעפּטן,

קיין מיקסטורן. אָבער אויפהויבן זיך האָט ער נישט געקאָנט, ז׳י געשוואָלענע פיס, האָט זיך געדאַכט, האָבן זיך שוין געהאַט אָפּ־געטיילט פון זשיל לעבאָ, און בלויז צופעליק ליגן זיי דאָ דער־לעבן אויף דער קאַנאַפּע. די אומרואיקייט איז געוואַקסן. יעדע מינוט האָט זשיל לעבאָ געקוקט אויפן זייגער. דער ווייזער האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט. ס׳איז די גאַנצע צייט געווען דריי אַ זייגער, נו, דריי צוואַנציק, דריי פינף־און־צוואַנציק. אינדערפרי וועט לייכטער ווערן, אינדערפרי וועט זיין ליכטיק, אינדערפרי וועט קומען פרל. פּאַליעט. אָבער ביזן פרימאָרגן איז נאָך געווען ווייט. דריי פינף־און־דרייסיק.

מיטאַמאָל איז זיין האַרץ אָפּגעשטאָרבן. ס׳האָט זיך אויפ־געפירט, ווי אַ שיכור, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין אַ שטייגל, וועל־כער טראַסקעט אין דער טיר, ווילדעוועט, שרייט, און דערנאָך גיט ער מיטאַמאָל אַ פאַל אָן כּוחות אויפן ברעטערדיקן דיל. דאָס האַרץ האָט, וואָרשיינלעך, נאָך יאָ געאַרבעט, ווייל זשיל לעבאָ האָט נאָך געלעבט, געדאַכט האָט זיך אים אָבער, אַז ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט מי האָט ער זיך דערצויגן צום פלעשל, וואָס איז געשטאַנען אויפן נאַכט־טישעלע, און גיריק אויסגעטרונקען די ביטערע רעצעפּט. היינט אָבער האָט אים דיגיטאַליס אויך נישט געקאָנט העלפן.

דאַן האָט זשיל לעבאָ ווידער אַ קוק געטון אויפן זייגער, האָט קוים אויפגעהויבן זיין שאַרפן, גרויען קאָפּ און געזאָגט אויפן קול, פּייערלעך, ווי ס׳וואָלטן אים געהערט נישט נאָר די־דאָזיקע הילצערנע געטשעס, נאָר מיט צושויער אָנגעפּראָפּטע גאַ־לעריייעס פון אַ ריזיק טעאַטער:

— הייסט עס, אַז כ׳שטאַרב!

מען דאַרף קלוג און פּשוט שטאַרבן, שטאַרבן אַזוי, ווי ער האָט געלעבט. צי דען האָט ער אין זיינע ראָמאַנען ווינציק באַ־שריבן דעם טויט, באַמיענדיק זיך איבערצוגעבן יעדן כאָרכל, יעדע קאָנווולסיע? צי דען האָט ער ווינציק געטראַכט וועגן טויט? פאַר מענטשן איז דער טויט אַ סוד. פאַר מענטשן איז בכלל אַלץ אַ סוד. זיי מוזן האָבן שוואַרצע און ווייסע געטער. די מענטש־

הייט איז אַ ריזיקע קינדערהיים. צווישן דעם קינדוואַרג איז ניט זיין וועג דורכגעגאַנגען זשיל לעבאָ. ער האָט באַטראַכט דידאָזיקע קינדערלעך, צייטנווייז זיי געזידלט, צייטנווייז געגלעט איבערן קעפּל, אָבער תמיד — פאַראַכט. שטאַרבנדיק ווערן מענטשן פּחדנים, זיי כאַפּן זיך אָן פאַר די הענט פון די לעבעדיקע אָדער זיי באַהאַלטן אויס די קעפּ אונטער די גלחישע סוטאַנעס. זשיל לעבאָ שטאַרבט פּשוט, ווי ס'צעפאַלט זיך דער אַקראָפּאָל, ווי ס'פּאַרלירט אירע בלעטלעך די רויז.

אויף דער גאַס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט. אומגעריכט האָט אַ קלאַפּ געטון דער לאָדן פון קאַבינעט. דאָס איז ענלעך געווען אויף אַ שאַרפן קלאַפּ אין דער טיר. זשיל לעבאָ האָט מעכאַניש געענטפערט:

— אַריין!

דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטון. צו וועמען האָט ער דאָס געזאָגט? צום הער טויט? אויסגעצייכנט! דער טויט איז דאָך נישט די מיטגלידער פון אַקאַדעמישן זשורי, מיט אים מוז מען זיין העפלעך. זשיל לעבאָס ליפּן האָבן זיך אפילו דערפרייט; זיי האָבן איצט געטון זייער געוויינלעכע אַרבעט, זיי האָבן געשמייכלט.

דאָס האַרץ אָבער האָט זיך ווידער גענומען וואַרפן. זשיל לעבאָ האָט געוואָלט אָפּזיפּצן, אָבער נישט געקאָנט. צען מינוט צו פיר. דאָס איז געווען די פיין פון אַ מענטש, וואָס האָט שוין פאַרצויגן די רימענס פון טשעמאָדאַן. ער האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן, און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט פאַרגעסן עפּעס אַ זאַך. דעם טשעמאָדאַן טראָגט מען שוין אַרויס. די טירן זענען ברייט געעפנט. וואַרט צו! וואָס אָבער האָט ער פאַרגעסן? ער האָט פאָרשנדיק באַקוקט דעם גרויסן קאַבינעט. די פּאָלינעזישע פאַרזעעניש האָט פרעך צוגעוואונקען צו אים. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט נעבן דער קאַנאַפּע אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר. אַך, דאָס האָט ער היינט געשריבן, פאַר דעם, ווי פרל. פּאַליעט האָט געבראַכט צו טראָגן די ליפּאָווע טיי. אויפן בויגן איז געווען בלויז איין זאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער כמאַרע פאַר-

מעקוּנגען: „ליוּסי האָט אַ שמייכל געטוּן“, — „האָט אַ שמייכל געטוּן“ איז געווען אויסגעמעקט. דעם זעלבן גורל האָבן געהאַט: „האָט געשוויגן“, „האָט אַ זיפץ געטוּן“, „האָט גענוּמען וויינען“. איז געבליבן בלויז איין וואָרט — „ליוּסי“. דערזעענדיק איצט דעמדאָזיקן בויגן האָט זשיל לעבאָ אַ ציטער געטוּן. וואָס הייסט? שוין דער טויט? און דאָס בוך? ביי וואָס איז ער געבליבן שטיין? נעמען דעם בויגן! תּיכּף! שרייבן! גיכער! נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם! „ליוּסי האָט זיך געשטיקט“. ניין, דאָס איז לחלוטין נישט דאָס! שטיקן שטיקט זיך ער, זשיל לעבאָ, פון אַ ברוּסט-זשאַבע, פון אַ סך אַנדערע קראַנקהייטן, ער שטיקט זיך, שטאַרבנדיק, ליוּסי אָבער האָט דאָך נישט געהאַלטן ביים שטאַרבן, זי האָט ליב געהאַט. וואָס-זשע האָט זי געטוּן? ניין, דאָס האָט זשיל לעבאָ נישט געוואוּסט. אַן אויפגערעגטער האָט ער אַ שליידער געטוּן אויפן דיל דעם בויגן, ער וועט נישט שרייבן דאָסדאָזיקע בוך. פיר אַ זייגער. וואָס-זשע זוימט ער? אַריין! זייט מוחל!

און טאָמער קוּמט ער טאַקע אַריין? אָט טאַקע שוין? זשיל לעבאָ האָט צוּגעדעקט דעם קאָפּ מיטן פּלעד. אַזוי אַרוּם האָבן די געטער נישט דערזען זיין חרפּה. זיי האָבן זיך נישט דערוואוּסט, אַז זשיל לעבאָן האָט אַרוּמגעכאַפּט אַ שרעק. דאָס איז געווען אַ פּשוטע חיהשע מורא. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער ברוּסט. הגם נישט רעגלמעסיק און שוואַך, אָבער דאָס האַרץ האָט נאָך פאָרט געקלאַפּט. ווי פּוּסט דאָ איז! וואָלט כאָטש געקוּמען פּרל. פּאַליעט. וואָלט כאָטש עמעצער רחמנות געהאַט אויף אים לפנים וועגן. דער גרויסער שרייבער האָט אַזוי מורא צו שטאַרבן! אָבער קיינער איז נישטאָ. פאַרוואָס-זשע האָבן אַנדערע ווייבער, קינדער, פריינט?

דאַן איז געבוירן געוואָרן אַ פּשוטער געדאַנק אין זיין קאָפּ, וואָס איז געוואוּינט געווען בלויז צו געדאַנקען ראַפינירטע און קאָמפּליצירטע: „כ'האָב דאָך קיינמאָל נישט ליב געהאַט. פונוואַנען זאָל איך וויסן: צי האָט ליוּסי געשמייכלט אָדער געוויינט, דערוויסנדיק זיך, אַז פּאָל האָט זי ליב? ס'קאָן זיין, אַז

זי האָט אי געשמייכלט, אי געוויינט. כ׳ווייס נישט, כ׳ווייס גאָרנישט".

יאָ, דידאָזיקע אַנטדעקונג איז געווען פּיינלעכער ווי דאָס נישט־דערשריבענע בוך. ער האָט דורכגעלעבט צוויי־און־זעכציק יאָר. איצט איז פינף מינוט נאָך פיר. ער האָט נישט געקענט דאָס, וואָס די מענטשן האַלטן פאַר דאָס וויכטיקסטע און שענסטע. צי דען זענען נישט וועגן ליבע דידאָזיקע אַלע ביכער? אָבער אפשר האָבן די, וואָס האָבן זיי געשריבן, אויך נישט ליב געהאַט? פאַרשאָלטענע ביכער! און פּרל. פּאַליעט? צו איר קומט אַמאָל אַ פּלימעניצע, אויפרעגנדיק דעם גרויסן שרייבער מיט נאַרישער פּלוידעריי. הייסט עס, אַז זי האָט ליב. ווען זי וועט האַלטן ביים שטאַרבן, וועט קומען צו איר דאָסדאָזיקע מיידעלע און וועט וויינען. ס׳איז גוט, ווען מען וויינט דערלעבן. דאָס איז בעסער, ווי ביכער. דער ברייוטרעגער האָט, זיכער, אויך ליב, און די שומרטע, און דער איינבינדער. וואָס־שע איז דאָס אַזוינס? צי דען האָבן זיי איבערגעקליגט דעם קלוגן זשיל לעבאָ? צי דען האָבן אַלע אויף דער וועלט געוואוסט דעם סוד פון גליק און דאָס אויסבאַהאַלטן פון אים? ער איז געבליב מיט די ביכער און מיטן רום. ער האָט אַמאָל געקאָגט חתונה האָבן. יאָ, יאָ, ער דערמאָנט זיך, מען האָט אפילו גערעדט מיט אים וועגן דעם. עפּעס אַ פריילין. זי האָט אים, דאַכט זיך, שטאַרק ליב געהאַט. דערנאָך האָט מען איבערגעגעבן, אַז זי האָט זיך עסמט. אפשר האָט מען געדאַרפט אָנשרייבן: „ליוסי האָט זיך גע זמט?" אָבער ניין, פאָל איז דאָך געווען קליגער פאַר זשיל לעבאָ, — ער האָט ליב געהאַט ליוסין. זשיל לעבאָ אַליין האָט נישט ג׳וואָלט חתונה האָבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די ליבע וועט ביי אים צונעמען צייט. ער האָט געוואָלט שרייבן ביכער, אַ סך ביכער. איצט וואָלט זי געווען דערלעבן. ווי אַזוי האָט מען גערופן יענע פריילין? ניין, ער קאָן זיך נישט דערמאָנען. ס וואָלט געווען, נו!... ליוסי. זי וואָלט אָנגענומען ביי דער האַנט: „מיין פריינט, כ׳בין מיט דיר". ס׳וואָלטן געווען קינדער. די שומרטע האָט אַ זון אין באָרדאָ. ווען זי פלעגט זיין קראַנק, פלעגט ער קומען צו פאָרן

צו איר. ס'וואָלט געווען אַן אייניקל. דאָס אייניקל וואָלט געווינט. ווינט-זשע! זשיל לעבאָן וועט זיין לייכטער, אויב עמעצער וועט וויינען.

אָבער אפילו דער קאַטאַלונישער קריסטוס האָט נישט געקאָנט וויינען, זיינע טרערן זענען געווען אויסגעמאָלטע.

פיר אַ זייגער מיט אַכצן מינוט. אפשר איז נאָך נישט שפעט? דאָס איז דאָך אַ געוויינלעכער אָנפאַל. ער וועט מאָרגן רופן דעם פּראָפעסאָר ווער. ער וועט נישט שטאַרבן. ער קאָן דערלעבן אויך ביז זיבעציק. נאָך אַכט יאָר. דאַן וועט ער אַרויסוואַרפן אַלע ביכער. ער וועט ביי זיך באַזעצן די פּלימעניצע פון פרל. פּאַליעט. ער וועט זי קעכלען. יעדן טאָג אַ סך צוקערלעך און ליאַלקעס. ער וועט איר זינגען. די מאַמע האָט אים דאָך עפּעס געזונגען. מען דאַרף זיך נאָר דערמאַנען — וואָס. יאָ, יאָ, זשיל לעבאָ האָט געהאַט אַ מאַמע, ווי אַלע! ווען ער האָט, באַלד נאָכן ענדיקן דעם קאָלעדזש, אַוועקגעטראָגן צום רעדאַקטאָר פון עפּעס אַ זשורנאַלעכל זיינע ערשטע פערזן, האָט אים די מאַמע אַליין אויסגעבונדן דעם קראַוואַט, און אירע הענט האָבן פון אויפרעגונג געציטערט. יאָ, ער האָט געהאַט אַ מאַמע! אָבער וואָס האָט זי געזונגען? זיך דערמאַנט! זי האָט געזונגען וועגן אַ פייגעלע, וועגן אַ פייגעלע, וועלכעס שוועבט אַרום „Un oiseau volivolesse...“

זשיל לעבאָ האָט הייזעריק גענומען זינגען, און דערשיטערטע פון דערדאָזיקער אויסערגעוויינלעכער האַנדלונג פון גרויסן שרייבער, זענען די געטער פאַרציטערט געוואָרן.

און זיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן אַלץ יאושדיקער. ניין, מען מוז פאַרוואַרפן די נאַרישע געדאַנקען! ס'וועט זיין גוט, אויב ער וועט נאָך אָנציען עטלעכע טעג. דריי-פערטל אויף פינף אָבער ווי פוסט דאָ איז! זשיל לעבאָ האָט דערפילט אַ נויטווענדיקייט צו דערמאַנען זיך אַ לעבעדיק מענטשלעך פּנים. ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען קיין מענטשן. דאָס גערונצלטע, פויגלשע פּנימל פון פרל. פּאַליעט קומט נישט אין באַטראַכט, —

זי איז, ווי דידאָזיקע געטשעס. אָט יענער רוס... זשיל לעבאָ האָט דערזען אַנדרעיס שמייכל און ער גופא האָט אַלס ענטפער געוואָלט אַ שמייכל טון, ס'האָט זיך אָבער באַקומען בלויז דאָס געוויינלעכע שמייכעלע. האָט ער דאָס געשפרייזט אַ ביסל. אויך ער האָט איבערגעקליגט זשיל לעבאָן. ער האָט די רעוואָלוציע. ס'איז גוט אַזוי צו שפרייזן. נישט אומזיסט לעבן זיי, דידאָזיקע מאָדנע מענטשן. זיי איז, זיכער, נישט אַזוי שרעקלעך צו שטאַרבן, ווי זשיל לעבאָן. און אפשר איז דאָס גאָרנישט מער ווי אַ נייע סוטאַנע, כדי צו פאַרגראָבן זיך אין איר ביז איבערן קאָפּ? אַלץ איינס! זשיל לעבאָ קאָן מער נישט זיין קיין פילאָזאָף. ער איז פשוט אַלט. ער איז קראַנק, ער שטאַרבט.

נישטאָ קיין כוח אָפּצוזיפצן. מען מוז אַ זיפץ טון, אַנישט וועט ער שטאַרבן אָט שוין, תיכּף. וואו־זשע איז דאָס האַרץ? פאַרוואָס איז עס מער נישטאָ? דאָ איז דושנע! ער שטיקט זיך. אויב ער וועט שטאַרבן, אַ דערשטיקטער, איז דאָס ווי זאָליאַ: מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. מען דאַרף עפענען אַ פענסטער. גיכער! נאָר פריער — אַ קוק טון אויפן זייגער. שוין זעקס.

זשיל לעבאָ איז אַראָפּגעקראָכן פון דער קאַנאַפּע. די געשוואָלענע פיס האָבן נישט געוואָלט גיין. האָט ער גענומען קריכן. ער איז לאַנג געקראָכן, שטיקנדיק זיך, אינגאַנצן נאַס פון שווייס. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ פּאָליצע מיט ביכער. ער איז קוים דערקראָכן ביזן פענסטער. צונויפנעמענדיק אַלע זיינע כּוחות, האָט ער זיך אויסגעצויגן און עס אויפגעעפנט. דאָס פענסטער איז געווען אַ גרויס', גלייך פון דיל. ער איז געלעגן און האָט זיך באַמיט צו אָטעמען.

ס'האָט געבלאָזן אַ פייכטער מערץ־ווינט פון לאַמאַנש, יענער ווינט, וואָס האָט אויפגערודערט די אַלטע שטאָט, וואָס האָט געפרייט און באַלעבט אַנדרעיען. אָבער זשיל לעבאָן האָט ער נישט לייכטער געמאַכט. ער האָט אים אַרומגעבלאָזן, אָבער

נישט דערגרייכט צו די לונגען. דער ווינט האָט אָפּגעלאַכט פון אים.

ס'האָט זיך אָנגעמערקט דער פרימאָרגן. דאָס איז געווען די שעה, ווען אַנדרעי און זשאַננאַ זענען געשלאָפן מיט אַ פעסטן, גוטן שלאָף, ווען ס'זענען פונקט אַזוי געשלאָפן אַלע יונגע און געזונטע מענטשן, ווען אין שפיטאָל „מאַטערניטע", וואָס אויף דער גאַס אַססאַ, פלעגט זיך הערן דאָס געשריי פון די נייגעבוירענע, און אין אַ צווייטן שפיטאָל, „האָטעל-דיע", וואָס לעבן נאָטר-דאַם, פלעגן שטאַרבן אַלטע, וואָס האָבן אויסגעלעבט זייער לעבן. דאָס איז געווען די שעה פון חרוב מאַכן דאָס אַלטע.

זשיל לעבאָ האָט דאָס נישט געוואוסט: ער האָט דאָך שוין מער נישט געקוקט אויפן זייגער. ער האָט זיך נאָך אַלץ באַמיט אַ זיפץ צו טון. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפלאָנטערט. פלוצלינג האָבן די פיס, ביז איצט אומבאַוועגלעכע, אַ ציטער געטון. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער לויפט. דאָס איז די גאַס סענפער. מען יאָגט זיך נאָך אים. מען דאַרף זיך פאַרנעמען רעכטס, איבערן בולוואַר סען-זשערמען. עס יאָגן זיך נאָך אים געטער, די שוואַרצע און ווייסע. ער וועט אַנטלויפן, נאָך צוויי הייזער, דאָרט שטייט עמעץ. די מאַמע. דאָס פריילין. די פלימעניצע פון פרל. פאַליעט. דער קאָמוניסט. שטייט! ער וויל לעבן! ער וויל ליב האָבן! ער קאָן איצט נישט שטאַרבן!

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז לעבן און אַנטלויפן, ס'איז אָבער געווען די גסיסה.

צוזאַמענקאָרטשענדיק זיך איז ער פאָלגעווודיק פאַרשטאָרבן געוואָרן. ס'האָבן זיך נאָך באַוועגט די ליפן, וואָס זענען געוואוינט געווען צו שמייכלען. דאָס האַרץ, פאַרענדיקנדיק דעם רעכנונג, האָט נאָך עטלעכע מאָל שוואַך געשלאָגן. דערנאָך איז מער גאָרנישט געווען.

אין קאַבינעט, וואָס איז פול געווען מיט פרימאָרגנדיקן בליילעכן ליכט, אויפן דיל, לעבן ברייט-צעעפנטן פענסטער, איז

געלעגן דער גרויסער שרייבער זשיל לעבאָ. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַזאַ טרויער, אַזאַ פּחד, אַז אַריינקומענדיק אין קאַבינעט האָט פרל. פּאַליעט אַ געשריי געטון און איז צוריק אַרויסגעלאָפן. זי האָט נישט באַדויערט זשיל לעבאָן. ער איז געווען אַלט, פרוקן און נישט־פריינטלעך. אָבער דאָסדאָזיקע פּנים !.. און דערמאָנענדיק זיך די העוויה אויפן טויטנס פּנים, האָט פרל. פּאַליעט זיך פונאַנדערגעוויינט.

דערנאָך האָט זי אַ טראַכט געטון וועגן אירע פליכטן. זי איז אַוועקגעלאָפן צום טעלעפאָן. זי איז שוין פון לאַנג מושווה געוואָרן מיטן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „מאַטען“, אַז אים וועט זי דעם ערשטן צו וויסן טון, ווען מיט זשיל לעבאָ וועט געשען דאָס אומגליק, וועלכעס אַלע דערוואַרטן. אויסהערנדיק זי האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט:

— דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער טרויער. כ'וועל גלייך צושיקן צו אייך אַ רעפּאָרטער און אַ פאָטאָגראַף.

נאָך דעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ נעקראָלאָג:

„היינט ביינאַכט איז שטיל און רואיק אויסגעגאַנגען דער גרעסטער שכל, פול מיט איראָניע“...

אָבער דער רעפּאָרטער און פאָטאָגראַף האָבן אַ ציטער געטון, אַריינקומענדיק אין קאַבינעט, וואו זשיל לעבאָ איז געלעגן שוין אַן אָנגעטוענער: נישט פריילין פּאַליעט, נישט די שומרטע, וואָס האָט איר געהאָלפן, האָבן דאָך גאָרנישט געקאָנט מאַכן מיטן פּנים פון גרויסן שרייבער. די ליפּן, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן געשמייכלט, דידאָזיקע ליפּן האָבן איצט געשריגן: „כ'וויל לעבן! כ'האָב מורא צו שטאַרבן!“ און דער פאָטאָגראַף האָט פאַרלוירן אַ פרעג געטון דעם רעפּאָרטער:

— צי קאָן מען דאָס פאָטאָגראַפירן? וואָס וועט זאָגן דער עולם? צי דען איז דאָס פּנים פונם מחבר פון „די שלימזלערייען פון הער בעגעמאָט?“

פון דער אָנוועזנהייט פון טויטן, פון זיין צע־קרימט פנים איז דעם רעפּאָרטער געווען אומגעהייער אימה־דיק, די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט. ער האָט קוים־קוים אַרויסגערעדט:

— מען דאַרף... מען דאַרף שטאַרק רעטושירן.

23.

## פעטס קאָן זיך אויך אויפרעגן

כדי אָנצופירן מיט אַ דעטעקטיוו-קאַנטאָר, מוז מען פאַרמאָגן אַ גוט אַרבעטזאַם האַרץ. דידאָזיקע פראָפעסיע ברענגט נישט קיין רו. גאַנץ אָפט קומט אויס אין משך פון איין טאָג איבערצולעבן אַזוי פיל האָפנונגען און אַנטוישונגען, אַז פאַר אַ פשוטע מענטש, פאַר אַ געוויינלעכן בשר-ודם וואָלטן זיי געקלעקט אויף אַ גאַנץ לעבן. אָט לאָמיר נעמען איין טאָג, — דאָס איז געוועזן מיטוואָך, דעם זעקסטן מערץ, — איין קורצן טאָג, וועלכן דער חשובער רײמאָנד נעי האָט איבערגעלעבט, צי דען איז ער נישט ווערט צו ווערן אַ טעמע פון אַ טראַגישן און באַלערנדיקן ראָמאַן ?

די אויפרעגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן פון יענער מינוט, ווען די איינגעפאַלענע נאָז, אָן אָטעם פון איבערפלוס-געפילן, האָט מודיע געווען דעם הער רײמאָנד נעי, אַז אין קאַנטאָר איז געקומען אַן אַמעריקאַנער, אַן אמתער רײכער אַמעריקאַנער. צי איז דאָס אַ קליינע געשעעניש ? אין אַ קאַנטאָר, וואו מען האָט אויפגעהיט פאַרזשאַווערטע פעדערס, איז געקומען אַ מענטש מיט אַ גאַנצער קאָלעקציע גרינע פאַפירלעך. צי איז דאָס אַ קנאַפער נס ?

מיסטער דזשעקס, וואָס האָט געקענט נישט ווינציק פראַנצויזישע ווערטער, האָט זיי אָבער אַזוי אַרויסגערעדט, אַז דע־

געפּלעפּטער גאַסטאָן האָט זיי אָנגענומען פאַר עכטע ענגלישע ווערטער. אָבער אין דער קאַנטאָר פון פּריוואַט-דעטעקטיוון האָט מען געקאָנט טראַכטן. מיסטער דזשעקס האָט געפאָדערט אַ סעקרעטנע אוידיענץ, און זי איז אים תּיכּף באַוויליקט געוואָרן.

מיסטער דזשעקס האָט איבערגעגעבן דעם הער ריימאָנד נעי דעם תּוך פון זיין דערשיטערנדיקן ענין. ער איז געקומען קיין אייראָפּע ווייַלן זיך. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. אָבער אין אייראָפּע, ריכטיקער — אין פּאַריז, איז געשען אַ קליינינקע אומאָנגענעמלעכקייט. אפשר איז מיסטער דזשעקסן נישט געפעלן געוואָרן אייראָפּע? אפשר האָט מען אים דערלאַנגט אין האָטעל „קאַרלטאָן" נישט קיין פרישן ביפשטעקס? אפשר האָט אים אַ וועלכער ס'איז שטערן פון „מולען-רוזש" אָדער „האַווערני", מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט אַ נאַכט, איבערגעלאָזט נישט קיין פּאַסיק אָנדענקען? אָ, ניין! עפּעס גאָר אַנדערש. מיסטער דזשעקס איז געקומען צו פאָרן מיט זיין פרוי. מיסיס דזשעקס האָט געהאַט אַ קאָליע. דאָס הייסט, זי האָט נאַטירלעך געהאַט אַ סך קאַליעס, אָבער איין קאָליע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערן ווערט. דאָס איז געווען אַ ברילייַאַנט פון אַכצן קאַראַט.

דערהערנדיק דידאָזיקע ציפער, האָט הער ריימאָנד נעי דערפילט עפּעס ענלעכס ווי אַ פרעסטל אויפן לייב. זיין פּעטס האָט גענומען אויסטיילן אַ סך שווייס.

די קאָליע איז צעבראָכן געוואָרן. קאָליעס, ריכטיקער — די שנאָלן פון קאָליעס ברעכן זיך אָפט, און נישט נאָר אין דעטעקטיוו-ראָמאַנען. מיסטער דזשעקס האָט געגעבן די קאָליע צו פאַרריכטן דעם יוועליר בריע, אויף דער גאַס סענט-אָנאָרע. און שטעלט זיך נאָר פאָר, דער ברילייַאַנט איז פאַרשוואונדן געוואָרן! דאָס טרעפט, זעט אויס, אויך נישט נאָר אין ראָמאַנען. מיסטער דזשעקס האָט אָנגעקלונגען צום הער פּרעפעקט. די פּאָליציי האָט רעווידירט בריעס דירה. דעם יוועליר האָט מען אפילו איינגעזעצט אין תּפיסה. דעם ברילייַאַנט אָבער האָט מען, צום באַדויערן,

נישט געפונען. אויב דער הער ריימאָנד נעי וועט אָפּזוכן דאָס־דאָזיקע קליינינקע שטיינדל, וועט ער באַקומען אַ באַלוינונג אין דער הויך... אין דער הויך פון אַכציק טויזנט דאָלאַר, וואָס דאָס מאַכט אויס לויטן קורס פון טאָג אַרום אַ מיליאָן פראַנק.

פון דעם־דאָזיקן צווייטן ציפער האָט הער ריימאָנד נעיס גלייכגעוויכטיק האַרץ געמאַכט אַן אומאָנשטענדיקן סקאַנדאַל אונטערן גאַנצן פעטס. דער דירעקטאָר האָט אינדערשטיל צעשפּליעט אַלע קנעפּלעך פון דער וועסט.

דער אמתער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן אַמעריקאַנערס אַוועקגיין. די איינגעפאַלענע נאָז איז אַרויסגערופן געוואָרן אין קאַבינעט נאָך אינסטרוקציעס. די דעטעקטיוון האָבן באַקומען פאָרגעלט אויף אויטאָמאָבילן. דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען. אַלע וועגן זענען אויסגעפּרוווט געוואָרן.

נאָכן צווייטן פרישטיק, ביי וועלכן הער ריימאָנד נעי האָט נישט אויפגעגעסן אפילו קיין איין טעלער פעטס, האָט האָפנונגסלאָזיקייט פאַרביטן די נאָר־וואָסיקע האָפנונגען. דער בריליאַנט איז נישט געווען. וואָס איז די פעולה, אַז ער וועגט אַכצן קאַראַט? וואָסער נוצן האָט דערפון הער ריימאָנד נעי? די קאַראַטן וועלן בלייבןביים כיטרען יוועליר, וועלכער וועט פריער אָדער שפּעטער אַרויסגיין פון תפיסה און וועט אַריינלייגן אין איינער אַ קאַסע פעק אַסיגנאַציעס. אַ מיליאָן באַלוינונג? דאָס איז דאָך לעגענדאַריש! אָבער הער ריימאָנד נעי וועט אים אַלצאיינס נישט באַקומען. מיסטער דזשעקס האָט געקאָנט צוזאָגן אפילו צוויי מיליאָן — צוזאָגן קאָסט דאָך קיין געלט נישט. ווי אַזוי קאָן מען געפינען אַ קליינטשיק שטיינדעלע, וואָס איז צוגערויבט געוואָרן מיט פיר טעג צוריק? נאַרישקייטן! דעם הער ריימאָנד נעי האָט מען פּראָסט־פּשוט אָפּגעפּרייערט. ער האָט שוין אויסגעגעבן העכער צוויי הונדערט פראַנק אויף זוכעבישן. ער האָט צוגעזאָגט עקסטרע באַלוינונגען אַלע אָנגעשטעלטע. וועט כאָטש דער

אַמעריקאַנער אומקערן דידאָזיקע סומע? בלויז הוצאות! בלויז אומאָנגענעמלעכקייטן!

דאָס פּעטס האָט זיך געגרונצלט. דאָס פּעטס האָט זיך צוזאַמענגעשרומפּן. דאָס פּעטס האָט זיך געקלאָגט אויפן פינסטערן גורל.

דאַן אָבער איז פאָרגעקומען אַ נייע געשעעניש, וואָס האָט אויפגערודערט דעם הער ריימאָנד נעי נאָך שטאַרקער, ווי די אַכצן קאַראַט. מיטוואָך, דעם זעקסטן מערץ, איז באמת געווען אַ פאַטאַלער טאָג.

דער בשורה־ברענגער פון צווייטן אומגליק איז געווען אַ שניידער, איינער פון די נישטיקסטע שניידערוקעס פון בולוואַר פּאָרט־ראָיאַל. ער איז געקומען נאָך אַ קליין אויסקונפט. מען וויל ביי אים באַשטעלן אַ גאַנצן גאַרדעראָב: אַ סמאָקינג, צוויי אָנצוגן, נאָר איינעם אַ ספּאָרט־קאָסטיום, אַ וועסט — בסך־הכל אויף אַכט טויזנט פראַנק. דער קליענט בעט קרעדיט. אמת, דער קליענט וועקט צוטרוי, אָבער דער שניידער איז אַ סקעפּטיקער, ער האָט נישט ליב קיין שום אויסערלעכע ווירקונגען. ער וויל בעסער באַצאָלן פאַר אַן אויסקונפט.

געוויינלעך פלעגט הער ריימאָנד נעי נישט אַריינמישן זיך אין אַזעלכע קליינע ענינים. דאָס איז געלעגן אין גאַסטאָנס קאָמפּעטענץ. איצט אָבער איז גאַסטאָן נישט געווען אין קאַנטאָר. די איינגעפאַלענע נאָז האָט געזוכט דעם בריליאַנט. דעריבער האָט דער דירעקטאָר גופא אויסגעהערט דעם שניידער.

— אויסגעצייכנט. דאָס וועט קאָסטן פופציק פראַנק און הוצאות. ווי איז די פאַמיליע פון אייער קליענט?

— דאָס איז זייער אַ שווערע פאַמיליע, כ׳וועל זי קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסרעדן. אָט, גיט אַ קוק, זי איז דאָ פאַרשריבן.

אַ קוק טוענדיק אויפן צעטעלע האָט זיך דאָס פּעטס גענומען באַוועגן און זיך אַרײַנגעלאָזט אויף אַ שטול, וועלכע איינער פון די דעטעקטיוון האָט העפלעך אונטערגעשטעלט. אויסטרינקענדיק אַ גלאָז וואַסער האָט הער ריימאָנד נעי מיט אַ דין,

פאַר אים נישט פּאַסיק קול אַ געשריי געטון צום יונגן אַלפרעד:

— פאָרט תיכּף צו אויף אַוועניו אַנרי־מאַרטין, נומער צוויי־און־ניינציק. דערוויסט זיך, צי וואוינט נאָך דאָרט אָט דער מענטש און ווי אַזוי קאָטירט ער זיך? מיט איין וואָרט, איר פאַרשטייט...

און הער רײמאָנד נעי האָט אַלפרעדן איבערגעגעבן דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט באַקומען פונם שניידער.

אַלפרעד האָט זיך אומגעקערט ערשט זעקס אינאָוונט, דאָס הייסט, ער איז אַרומגעפאָרן העכער צוויי שעה. דידאָזיקע צוויי שעה איז הער רײמאָנד נעי דורכגעזעסן אין קאַנטאָר אָן באַוועגונג, שווער, אָפּגעריסן אָטעמענדיק. און ווען אַלפרעד האָט זיך אומגעקערט האָט ער אים מיטן פינגער געוויזן אויפן מויל און אַריין מיטן דעטעקטיוו אין קאַבינעט. דאָרט האָט אים אַלפרעד אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די רעזולטאַטן פון זיין אויסקונפט.

יענער הער וואוינט שוין מער נישט אויף דער אַוועניו אַנרי־מאַרטין, צוויי־און־ניינציק. די שומרטע זאָגט, אַז דאָס איז אַ קאָרטנשפּילער און בכלל אַ חשודער פאַרשוין. פאַר דער דירה האָט ער נישט געצאָלט אַ גאַנצן קוואַרטל. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט ער פאַרשפּילט ביז דעם לעצטן העמד און איבערלאָזנדיק דער שומרטע אָנשטאָט געלט אַ סמאָקינג, איז ער אַריבערגעפאָרן אין אַ קליינינקן האָטעל אויף דער גאַס מוטאָן־דיווערנע. אַלפרעד איז געווען אויך דאָרט, דער שכן האָט אַ שלעכטן שם. פאַרן צימער צאָלט ער נישט. פאָדערט אויף באָרגוויין. דער האָטעל איז אַן עקלהאַפטער, זיין צימער קאָסט בסך־הכל דריי פראַנק אַ מעת־לעת. דעמדאָזיקן שניידער קאָן מען געבן אַ גאַנץ באַשטימטן ענטפער.

דאַן האָט הער רײמאָנד נעי נישט אויסגעהאַלטן.

— וואָס איז דער שניידער? ווי קומט דאָ דער שניידער? איך האָב געליטן! איך — רײמאָנד נעי! ער פלעגט דאָ יעדן טאָג עסן אָוונט־ברויט. ער האָט גענומען ביי מיר פיר הונדערט

פֿראַנק אַ גמילת־חסד. ער האָט חוזק געמאַכט איבער מיין גרויען קאָפּ. כ׳וועל אים צעקוועטשן!

אָבער אָנשטאָט דעם אָפּוועזנדיקן שווינדלער האָט זיך הער ריימאָנד אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן טעלעפֿאָן, ריכטיק ווי זיין פּרנסה וואָלט געווען צו צעקוועטשן טאַקע גראָד אים:

— גאָבעלען, זיבעצן זעראָ צוויי. דאָס איז דאָס באַנק־געשעפֿט פֿון הער זשיני? ס׳רעדט ריימאָנד נעי. איר געדענקט, כ׳האָב זיך אַמאָל אָנגעפֿרעגט ביי אייך וועגן די אַקציעס „עווערס"? יאָ, יאָ, נאָך אין נאָוועמבער. איר האָט צוגעזאָגט צו דערוויסן זיך. יאָ, יאָ, רוסישע. ניין, דאָס איז נאָפֿט. איר זאָגט — באָלשעוויקעס? ניין, ענגלענדער. איך האָב אַ טעות?... איר זאָגט, אַז כ׳האָב אַ טעות?... זענען גאָרנישט ווערט? גאָרנישט?...

אַוועקוואַרפֿנדיק דאָס טרייבל האָט הער ריימאָנד נעי באַטראַכט דעם פּוסטן קאַבינעט. בלויז די קאַסע האָט אים נישט פֿאַרראַטן. און דאָס באַליידיקטע פּעטס האָט זיך צאַרט צוגעטוליעט צו דער געליבטער קאַסע.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט אין קאַבינעט אָנגעקלאַפּט גאַסטאָן. אפשר האָט ער געפֿונען?... אָבער די איינגעפֿאַלענע נאָז איז געווען אָנגעכמורעט. דאָס שטיינדל איז אין ערגעץ נישט געווען צו געפֿינען.

— זוכט! זוכט אַ גאַנצע נאַכט! געפֿינט אים! איר מוזט אים געפֿונען! כ׳וועל אייך געבן הונדערט טויזנט פֿראַנק, אויב איר וועט אים געפֿינען. נאָך מער...

אַ גלענצנדיקער געדאַנק האָט פּלוצלינג באַלויכטן דאָס מידע פּעטס.

— כ׳ווייס, אַז אייער אָרים ווייב ליידט אויף אַ ראַק. כ׳ווייס, אַז זי וועט שטאַרבן נישט שפּעטער, ווי אין אַ יאָר אַרום. אַזוי האָט מיר געזאָגט דער דאָקטאָר. איר וועט בלייבן מיט צוויי טעכטערלעך אויף די הענט. געפֿינט דעם בריליאַנט, און כ׳וועל אייך אָפּגעבן גאַבריעלן. זי איז אַ בלינדע, אָבער זי האָט ליב

קינדער. און חוצדעם וועט איר דאַן ווערן מיין שותּף. און נאָך מיין טויט וועט איר באַקומען אַט דאָס.

און הער ריימאָנד נעי האָט פריינטלעך אַ גלעט געטון דאָס ווענטל פון דער קאַסע.

— פרל. גאַבריעל האָט דאָך אָבער אַ חתן ?

— ער איז נישט קיין חתן ! ער איז אַ זשוליק ! ער איז אַן אויסוואורף ! ער איז... „אַזערבײַדזשאַן" !

## 24.

# די באַנק איז אָפּגעריסן

כאַליביעה איז געגאַנגען צו דער כלה אין זאָרגלאָזסטן געמיטצושטאַנד. אמת, די לעצטע צייט האָט ער געהאַט אויסצושטיין געוויסע אומאָנגענעמלעכקייטן. אויף צומאָרגנס נאָכן הוליען מיט מאַרגאָן איז פאָרגעקומען אַ קליינינקע קאַטאַסטראָפע. דאָס איז געווען אין קאַזינאָ „מאַרטיני". די רעשטלעך פון די פריערדיקע רייכטימער, נעמלעך — דריי טויזנט פראַנק, זענען פאַרשפּילט געוואָרן אין משך פון איין שעה. די לעצטע האָפנונג האָט אַ שיין געטון, ווען כאַליביעוו האָט געהאַלטן די באַנק. איין באַנק האָט זיך געהאַט אויפגעקליבן העכער צוויי טויזנט. אָבער איינער אַ חוצפּהדיקער פערס האָט צוגעקויפט אַ קאָרט, אַ שמייכל געטון און רואיק פאַרשטעקט די צוויי טויזנטער אין וועסטל-קעשענע.

דאָס צימער אין האָטעל מוטאָן-דיווערנע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט באַקוועמלעכקייט. עס איז, אפשר, נישט געווען בעסער פאַרן באַרימטן נומער אין פעאָדאָסיער האָטעל „קרים". אפילו דער קעלנער לואי האָט דערמאַנט מיטן כאַראַקטער דעם קאַרגן אַריסטאַרך. אפילו וואַנצן האָבן אים געביסן. דידאָזיקע באַשעפענישן האָבן נישט אָנערקענט קיין מלוכה-גרעניצן.

כאַליביעוו אָבער האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט. דאָן, אין פעאָדאָסיע, האָט ער דאָך געמוזט פאַרפאַסן עפּעס פאַפירלעך

אַזוינע, אויסהערן באַליידיקונגען פון אַ פרעכן דיפּלאָמאַט. איצט אָבער זענען די פּערספּעקטיוון געווען גאָר געהויבענע. אויפן זיבעצנטן איז באַשטימט די חתונה. געוויס, די בלינדע ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ אימהדיקער. זי האָט איצט בכלל אויפגעהערט צו רעדן מיט כאַליביעוון. זי איז פּשוט שטום געוואָרן, ווי ס׳וואָלט איר ווינציק געווען די בלינדקייט אַליין. דאָס זענען אָבער נאַרישקייטן. ס׳לוינט נישט צו לייגן אַכט אויף דעם. אַבי נאָר אָפּשפּילן די חתונה, און דערנאָך... קודם־כּל, צי מיט געלט, צי מיט כיטרעקייט, אָבער ער מוז אַריינבאַרן יענע ברונעטקע, די קוזינע פון דער בלינדער. ער וועט נישט רוען, ביז ער וועט זי נישט באַקומען. אַ פּיקאַנטע פאַרשוינטע!

דאָס איז אָבער שפּעטער. היינט אָבער דאַרף מען ביים צוקונפטיקן שווער נעמען אַ גמילת־חסדל, נו, לכל הפחות אַ טויזנט פראַנק. דאַן קאָן מען אַ פּאָר טון צו יענעם נאַרעלע פון „האַווערני", זי ווייסט פריילעכע שטיקלעך.

מיט אַזעלכע ראָזע געדאַנקען איז כאַליביעוו אַריינגעקומען אין נעיס דירה. אַריינגעלאָזט האָט אים דער פאַמיליען־פאָטער גופא, פאַרצוימעוודיק מיט זיין מאַסע די טיר, וואָס פירט אין גאַבריעלס צימער, האָט הער ריימאָנד נעי פאַרשטיקט אַ ברום געטון:

— כ׳דאַרף מיט אייך שמועסן, און אונטער פיר אויגן.

כאַליביעוו האָט אַ שמייכל געטון: „אויסערגעוויינלעך גוט אַרויסגעקומען. דאָרט וועל איך טאַקע ביי אים בעטן אַ טויזנטער".

דער שמועס האָט לאַנג נישט געדויערט. גערעדט האָט בלויז הער ריימאָנד נעי. כאַליביעוו האָט געשוויגן. ניין, ער האָט נישט געבעטן ביים הער ריימאָנד נעי קיין גמילת־חסד. זיין האָפערדיקייט איז תּיכּף פאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז געווען אומגעהייער נעבעכדיק. די אַרבעט פון פיר חדשים איז געגאַנגען לאיבוד. דערהערנדיק די ווערטער — „גאַס מוטאַן־דיווערנע", „אויסקונפט", „אַקציעס", — האָט כאַליביעוו גענומען אויפמערקזאַם קוקן אויף ד׳ער טיר. ער איז געווען גענוג קלוג, כּדי נישט צו דערווידערן. צוואָס טויגן טעאַטראַלע סצענעס? מען דאַרף

זיך אָפּטראָגן. אָבער וואָס ווייטער ? צי דען ווידער אַ קאַלט צימער אין האָטעל, און אָנשטאָט מאַרגאָ פון „האָווערני", אַ ביטערער שלאָף אויפן ניכטערנעם מאָגן, אונטער אַ שמוציקער פּערינע, איבערגעריסן דורך אַטאַקעס פון די אינזעקטן ? אומגליקלעכער כאַליביעוו, מאַך שלום מיט דיין גורל ! האָסט פאַרשפּילט, פאַרשפּילט דאָס לעצטע. יעדער קליינער דעטעקטיוו, אַ הינטל אין אַ קאַסקעטקע, אויך ער איז אַ קרעז אין פאַרגלייך מיט דיר.

און כאַליביעוו האָט, לסוף, גענומען רעדן. זיין קול האָט געכליפּעט. דאָס איז געווען אַן עכטער יאוש.

— גרויסמוטיקער הער נעי, כ'בין זינדיק לגבי אייך. כ פאַרטיידיק זיך נישט. כ'בעט וועגן איינס : וועגן אַ מילדן אורטייל. האָט רחמנות אויף מיר ! כ'בין נידעריק געפאַלן. כ'בין שטאַרק אומגליקלעך. אַמאָל, ביי זיך אין היימלאַנד, בין איך געווען אַן ערלעכער מענטש. כ'האָב געהאַט אַ באַנק-געשעפט. גאַנץ מאָסקווע האָט מיר געטרויט, אַלע פלעגן זאָגן : „נו, אויב כאַליביעוו האָט צוגעזאָגט, קאָנט איר זיין רואיק". די באָלשעוויקעס האָבן מיך באַרויבט. זיי האָבן צוגענומען ביי מיר אַלץ. אפילו דעם פּאָרטרעט פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער. איר זעט — כ'וויין, דערמאָנענדיק זיך וועגן דאָזיקן טאָג...

באמת, כאַליביעווס אויגן האָבן גענומען שוויצן. אַזעלכ הויכן האָט נישט דערגרייכט קיין איין טראַגיקער אויף דער וועלט. אָבער הער נעיס פּעטס איז געווען האַרט ווי שטיין. ער האָט אַרויסגעבורטשעט :

— די באָלשעוויקעס זענען, פאַרשטייט זיך, באַנדיטן, אָבער איר זענט אויך אַ באָלשעוויק.

— ניין, הער נעי. איר האָט רעכט מיך צו באַליידיקן ווי איר ווילט נאָר. איר קאָנט זאָגן, אַז כ'צין אַ שווינדלער, אַז כ'בין אַ שאַרלאַטאַן. איר דאַרפט מיך אָבער נישט אָנרופן — באָלשעוויק. כ'האָב געקעמפט, כ'האָב געקעמפט אויף טויט מיט די דאָזיקע מערדערס. מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך אַוועקגעלייגט דריי באָלשעוויקעס. כ'בין געווען פאַרוואונדעט אין דעם פוס. ווען

נישט דאָס רחמימדיקע פראַנקרייך, וואָלט איך זיכער אומגעקומען. הער נעי, גייט אַריין אין מיין לאַגע. כ׳בין אין דער פרעמד. כ׳בין אַ היימלאָזער. ביזן היינטיקן טאָג האָב איך נישט געקאָנט פועלן ביי זיך זיך מודה צו זיין, אַז כ׳בין אַן אָרימאַן. כ׳האָב מורא געהאַט פאַר אייער פאַראַכטונג. שטעלט זיך נאָר פאָר אויף איין מינוט אין מיין לאַגע. אויף איין מינוט שטעלט זיך פאָר, אַז דאָ קומט פאָר אַ רעוואָלוציע, אַז די קאָמוניסטן נעמען ביי אייך אַלץ צו...

הער רײמאָנד נעי האָט אים אויפגעבראַכט איבערגעריסן:

— ניין, דאָ קאָן דאָס קיינמאָל נישט פאָרקומען! מיר האָבן פאָליציי! מיר האָבן אַ סך פאָליציי!

ער האָט מיט זיך פאַרשטעלט די געליבטע קאַסע פון די שרעקלעכע געשפענסטער. און כאַליביעוו האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבן געהאַט ווינציק פאָליציי, ביי אונז האָט פאָליציי נישט געקאָנט פאַרטיידיקן די אָרנטלעכע מענטשן. כ׳האָב אַלץ פאַרלוירן. מאָרגן וועל איך מוזן גיין וואַשן פענסטער אָדער פוצן אויף דער גאַס שטיוול. האָט רחמנות אויף מיר, טייערער הער נעי! אַ קליינע אונטערשטיצונג! כ׳בעט נישט ביי אייך קיין סך. בלויז טויזנט פראַנק. מיטן דאָזיקן געלט וועל איך קאָנען אָנהייבן פירן אַ קליינע אונטערנעמונג. כ׳וועל זיך שטעלן אויף די פיס. און ווען אין רוסלאַנד וועט זיך, ענדלעך, ענדיקן די דאָזיקע מערדערישע רעוואָלוציע, וועל איך אייך אומקערן מיין חוב. כ׳וועל אים אייך אומקערן הונדערטפאַכיק. כ׳וועל גלייך אונטערשרייבן אַ וועקסל אויף הונדערט טויזנט פראַנק. אייער גוטסקייט וועט נישט בלייבן אָן אַ לוין.

אָרימער קאַסטאָר פון טשערקאַסקן קעסל, ער האָט זיך דערשפּילט דערצו, אַז ער האָט אויפגעהערט אונטערצושיידן די קאָרטן! אין זיין נאַאיווקייט האָט ער געטראַכט, אַז מיט שיינע רייד וועט ער דורכברעכן די דאָזיקע באמת מוזייאישע אומבאַוועגלעכקייט פונם פעטס. ווער ווייסט, אַט נעמט ער און גיט?...

דאַן וועט כאַליביעוו פאָרן אין „האַווערני", וועט זיך אָנטרינקען כּדבעי, וועט פאַרגעסן אַלץ אויף דער וועלט, און מאָרגן... מאָרגן וועט עפּעס אַרויסהעלפן.

פאַרשטייט זיך, נישט קיין סענטימענטאַלע מאָטיוון האָבן אָפּגעהאַלטן דעם הער ריימאָנד נעי פון אַרויסוואַרפן כאַליביעוון, ווי ער האָט אַרויסגעוואָרפן די אָרימע מאַרגאָ. אויב אפילו אַ פאַרזשאַווערטע פעדער קאָן צונויץ קומען אין דער ווירטשאַפט, איז אַ קלוגער מענטש — אוודאי. ער וועט איצט אויף אַלץ איינגיין. הער ריימאָנד נעי דאַרף שוין פון לאַנג האָבן אַ רוסישן דעטעקטיוו. דעמדאָזיקן קאָן מען אָנדינגען פאַר אַ שיבוש. און פעאיקייטן זענען, אָן ספק, דאָ. ווי ער האָט דאָס כּדבעידיק אָפּגעפרייערט דעם הער נעי גופא! האָט אויסגעקאָמבינירט רעפערענצן. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט אָנגערעדט אויך דעם אָנגעשטעלטן אין דער באַנק. יאָ, דערדאָזיקער טיפּ וועט ווייט אַוועקגיין! מען קאָן אים מאַכן פאַר גאַסטאָנס אַ געהילף.

— זאָל איך העלפן די רעגירונג, זאָל איך העלפן דער פעלקערבונד, צו אַלדי רוחות! כ'בין אַליין אַן אָרימאַן. כ'גיי אַרום אין צעריסענע לאַטשן. טויזנט פראַנק! איר ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס טויזנט פראַנק? דאָס איז פופצן פאָר לאַטשן! איר האָט שוין אַזוי אויך אויסגעשווינדלט ביי מיר פירהונדערט, נישט רעכענענדיק די אָוונטברויטן. כ'וועל גאָרנישט געבן. כ'וועל אייך קיין איין סו נישט געבן. כ'בין אָבער נישט קיין אויסוואורף. כ'בין אַן אָרנטלעכער מענטש. איר הערט: איך בין אַן אָרנטלעכער מעגטש! כ'וואַרף אייך נישט אַרויס, ווי דאָס וואָלטן געטון אַנדערע. כ'גיי אַריין אין אייער לאַגע. כ'לייג אייך פאָר אַ שטעלע אין מיין קאַנטאָר. איר פאַרשטייט גאָרנישט אין דער קונסט פון אַ דעטעקטיוו. איר זענט אַ עם-הארץ. כ'האָב אָבער אַ סך עניינים צווישן אייערע לאַנדסלייט. איר וועט נאָכשפּירן די רוסן, צוליב רוסן. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע זאַך. דערפאַרענע דעטעקטיוון באַקומען ביי מיר דרייהונדערט אַ חודש. אייך, אַן אָנפאַנגער, לייג איך גלייך פאָר צווייהונדערט. איר הערט מיך? כ'בין באמת גרויסמוטיק, צו אַלדי רוחות! כ'וועל בדלות ווערן

פון מיין גרויסמוטיקייט. כ׳בעט אייך, נאָר אָן דאַנקען, כ׳בין שוין אַזוי אויך היינט אויפגערודערט.

כאַליביעוו אָבער האָט גאָר בדעה נישט געהאַט צו דאַנקען דעם הער ריימאָנד נעי. צווייהונדערט פראַנק? ער האָט דאָך אָבער געגעבן מער איינער אַ מיידל פון „האַווערני״ בלויז פאַר איין נאַכט. ניין, שוין בעסער עמעצן הרגענען!...

כאַליביעוו האָט זיך אויפגעשטעלט. דאָס איז מער נישט געווען דער נעבעכדיקער שולער, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביים איבערביטן אַ קאָרט. דאָס איז געווען אַ סטאַטוע, אַ מראַמאָרנע סטאַטוע, אַ פאַרקערפּערונג פון שטאָלץ. ער האָט זיך אפילו אָנגעשפּאַרט אין טיש, ווי אין אַן אַרויסשפּרונג פון אַ זייל. ער האָט דערמאַנט דעם פּאָרטרעט פון קייזער ניקאָלאַי I, וואָס איז געהאָנגען אין אַקטן־זאַל פון דער קלאַסישער גימנאַזיע, וואו כאַליביעוו האָט זיך אַמאָל דערצויגן. ער האָט געלאָזט פאַלן פּרעכטיקע ווערטער, פול מיט סאַרקאַזם.

— איר האָט אַ טעות געהאַט, גנעדיקער הער. איר האָט געהאַט אַ גרויסן טעות. איר האָט געמיינט, אַז איר האָט פאַר זיך אַן אַפּאַש אָדער אַ קרעמער. עס שטייט פאַר אייך אַן אַדעליקער פון דור־דורות. מיין עלטערזיידע איז בעת דער מלחמה פון 1812 געווען קאָמענדאַנט פון ליל. איר וואָלט געקאָנט שטאָלצירן מיט מיין אָנוועזנהייט. אַן אָרימער אַריסטאָקראַט איז העכער פאַר אַ פאַררויסענעם כאַם. נעמט זיך אַריין אין קאָפּ, הער, אַז דער געוועזענער פירער פון דעם אַדל, דער לייב־שעף, דער ערן־קאַוואַלער ניקיפאָר כאַליביעוו קאָן נישט זיין קיין דעטעקטיוו. מיט דעם האָב איך דעם כבוד זיך צו זעגענען.

דאָס געפּלעפּטע פּעטס האָט זיך נישט דערוועגט אפילו אַ ריר צו טון. די פאַרוואַנדלונג פון אומגליקלעכן נדבה־בעטער אין עפּעס אַ גאַוהדיקן „לייב־שעף״ איז געווען צו אויסערגעוויינלעך. לאַנג נאָך כאַליביעווס אַוועקגיין האָט דער הער נעי נישט געקאָנט קומען צו זיך. לסוף האָט ער זיך פאַרלוירן אַרומגעקוקט: גאָט צו דאַנקען, די קאַסע איז אויף אַן אָרט. דאַן האָט ער פאַרטראַכט אַרויסגעברומט:

— יאָ, דערדאָזיקער מענטש וועט הויך אָנשפּאַרן. אפשר וואָלט טאַקע געלוינט אָפּצוגעבן אים גאַבריעלן? אָבער ניין, איך מוז האָבן אַ שותּף מיט געלט. כ׳בין אַן אָרימאַן, צו אַלדי רוחות, כ׳בין אַן אָרימאַן! מיין גאַנצער קאַפּיטאַל איז אין אומזיסט!

אַרויסגייענדיק פון הער נעיס קאַבינעט מיט אַן אומאָפּהענגיק און מאַיעסטעטיש פּנים, האָט זיך כאַליביעוו געפונען אין לאַבירינט פון קאַנטאָר. דאָרט איז געווען וויסט. אַלע זשעטעקטיוון זענען אַרומגעפלויגן איבער דער שטאָט, אַרומזוכנדיק דעם בריליאַנט. בלויז אין איין ווינקל איז געזעסן זשאַננאַ. דערזעענדיק זי האָט כאַליביעוו, נישט געקוקט אויף אַלע אויפטרייסלונגען, קאָקעטיש פאַרריכט די האָר און אַ זיסן שמייכל געטון. אָנווערן האָט ער נישט געהאַט וואָס: אַלץ איינס איז ער דאָ דאָ צום לעצטן מאָל.

— צויבערין, כ׳מוז זיך, ענדלעך, אויסשמועסן. אייערע אייגעלעך האָבן צוגערויבט מיין רו. כ׳בין אַ צפון־בער. כ׳האָב ליב די דרום־טעמפּעראַטור. כ׳בין שוין מער נישט דער חתן פון דערדאָזיקער בלינדער. כ׳בין אַ פרייער מענטש. כ׳בין ווי אַ פויגל. איר זענט אויך אַ פרייער פויגל. מיט איין וואָרט, קומט היינט צו מיר צו גאַסט. מיר וועלן האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַ ציגיינערשן לאַגער. „איך בין אַ ציגיינער־באַראָן“...

— כ׳בעט אייך קיינמאָל נישט צוצוגיין צו מיר, — האָט זשאַננאַ אַ געשריי געטון.

דאַן האָט כאַליביעוו מיט זיין שנעלער האַנט זיך איינגעקלאַמערט אין דעם מיידלס אַקסל. זי האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן. כאַליביעוו האָט איר נאָכגעשריגן:

— ס׳וועט זיין ערגער! כ׳וועל דיך כאַפּן, דו צנועה! כ׳וועל דיך אין איין אויגנבליק צעלייגן!

פלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז אַנטלויפנדיק האָט זשאַננאַ איבערגעלאָזט אויפן טיש דעם רידיקול. ער איז זאַכלעך אַריינגעקראָכן אין אים. ניין, ער האָט זיך נישט געקליבן צוצוגנבענען צוויי פראַנק אויף אַ ברייטל מיט וואורשט. אַנדערע, מער פּאַטע־

טישע געפֿילן האָבן אים געפּייניקט: ער איז געווען אייפֿערזיכטיק. דעריבער האָט ער פֿון רידיקול אויף שנעל אַרויסגעשלעפּט זיין גאַנץ גייסטיק פֿאַרמעגן, נעמלעך: עפּעס אַ צעטעלע, געשריבן אויף רוסיש, און אַ קליינע פֿאָטאָגראַפֿיע. באַהאַלטנדיק דעם רויב אין קעשענע האָט ער זיך שענדלעך אַ זידל געטון און געגאַנגען צו דער טיר.

אויף די פֿינסטערע, שטינקנדיקע שטיגן, אונטער אַ גאַזלעמפּל, האָט ער איבערגעלייענט דעם צוגערויבטן בריוו. עמעץ אַן אומבאַקאַנטער (קיין אונטערשריפֿט איז נישט געווען) האָט געשריבן זשאַננאַן: „מיר וועלן זיך טרעפֿן מאָרגן. איך מוז זיין זייער פֿאָרזיכטיק. אַלץ איז צוגעגרייט. געלט וועט זיין. כ׳וואַרט אַכט אַ זייגער, וואו מיר האָבן אָפּגערעדט. איבערמאָרגן פֿאָר איך. דרייסטער!"

דער טעקסט פֿון בריוו האָט כאַליביעוון אַ ביסל איבעראַשט. אַ חשודע געשיכטע! ער האָט מיט נייגיריקייט אַ קוק געטון אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע. דאָס איז געווען אַ קליינינקע פֿאָטאָגראַפֿיע, אויסגעשניטן פֿון אַ פּאַס, אין איר ווינקל האָט מען געזען שפּורן פֿון עפּעס אַ שטעמפּל. אַ ברייט פּנים האָט פֿריילעך געשמייכלט. דערדאָזיקער שמייכל האָט כאַליביעוון דענערווירט. מיזעט גלייך, אַז אַ געליבטער. נישקשה, מיט אים רעדט זי אַנדערש: „נאָך" און „נאָך", און מיר — „טראָג זיך אָפּ". צי דען בין איך נישט שענער פֿאַרן דאָזיקן באָלוואַן? יאָ, אָבער דאָרט איז דאָ געלט. ער שרייבט דאָך: „געלט וועט זיין". אַ מענטש האָט אַ שפּעקוליר געטון — און פֿאַרדינט דאָס ברונעטקעלע. און כאַליביעוו האָט אפֿילו נישט קיין הונדערט פֿראַנק, כדי צו פֿאָרן אין „האַווערני!" ער האָט אפֿילו נישט קיין צען פֿראַנק, כדי אָנצוטרינקען זיך אין ערשטן־בעסטן באַר.

כאַליביעוו איז געשטאַנען אויף די שטיגן און האָט ביין געקוקט אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון ריוואַל. דערדאָזיקער גליקלעכער שמייכלט. ער שמייכלט, ווי יענער פּערס אין „מאַרטיני", וואָס האָט צוגעקויפֿט איין קאָרט און אַראָפּגעריסן די גאַנצע באַנק. כאַליביעוו שטייט אויף די הינטערשטע שטיגן. כאַ־

ליביעוון שטייט אָבער פאַר אַ קאַלט צימער און דאָס פאַראַכטנ־
דיקע סמאָרקען זיך פון קעלנער. איצט איז זיבן אַ זייגער, אין אַ
שעה אַרום וועט יענער מחוצף קושן דאָס ברונעטקעלע. און ער ?
און כאַליביעוו ?... און ער איז אַ פאַרלוירענער ; די באַנק איז
אַראָפּגעריסן.

25.

## וועגן פאַרדעכטיקע צוגרייטונגען און וועגן אַ גאַנץ אָנשטענדיק אָונטברויט

אַלץ איז געשען אַזוי, ווי כאַליביעוו האָט פאָרויסגעזען. דער קעלנער לואי האָט מיט חוזק אויסגעשנייצט די נאָז, נישט וועלנדיק אפילו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אַ ליטער ווײַן. אין נומער איז נאָך געווען ווינטערדיק קאַלט. נישט אויסטוענדיק זיך האָט זיך כאַליביעוו אַרײַנגעוואָרפן אין דעם גרויסן דאָפּלטן בעט, זיך איבערגעדעקט מיט דער פערינע און גענומען באַטראַכטן, וואָס-זשע זאָל ער איצט אָנהויבן צו טון. שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט: ס'איז ערשט געווען ניין אַ זייגער אינאָוונט, און חוצדעם איז נישט אַזוי לײַכט אײַנצושלאָפן אויף אַ ניכטערנעם מאָגן, און כאַליביעוו האָט שוין זינט נעכטן גאָרנישט געהאַט געגעסן. וואָס-זשע טוט מען? ער האָט שוין לאַנג פאַרקויפט אַלע זײַנע זאַכן. דעם פּאָרטסיגאַר? ניין, קיינמאָל נישט! כל-זמן ער פאַרמאָגט דעם פּאָרטסיגאַר, איז ער דער ליבלינג פון פרויען. אַ פאַקט! כל-זמן ער פאַרמאָגט דעם פּאָרטסיגאַר איז לעבעדיק די האָפנונג, אַז אויך יענע צנועה וועט ווייכער ווערן. דעם פּאָרטסיגאַר אָפּגעבן קאָן ער נישט. אָבער וואָס-זשע זאָל ער פּאָרט טון?

דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך אַ ביסל צו פיל געהיצט. ציי דען האָט אים נישט געלערנט דער גוטער נעיכענזאָן: „איידער

מען זאָגט אַ וואָרט, דאַרף מען מאַכן אַ גוטינקע קאַלקולאַציע — און וויפיל קאָן דאָסדאָזיקע וואָרט ברענגען ריווח. און צי וועט פון דאָזיקן וואָרט נישט זיין גאָלע היזק?" ער האָט פאַרגעסן די לערעס פון פאָרזיכטיקן פּאָלוקס. געווים, דערדאָזיקער פראַנצויז האָט אים דערנידעריקט. געוויס, זיין אַ פּריוואַט־דעטעקטיוו איז נישט אַזוי אָנשטענדיק. איינס איז — אָנפירן מיט אַ חשובער קאַנטאָר, און עפּעס גאַנץ אַנדערעס — אַליין אַרומשמייען איבער דער שטאָט. אַ דעטעקטיוו וואָלט מען גאָר, אפשר, נישט אַריינגעלאָזט אין „יעגער־קלוב". אַלץ איז טאַקע ריכטיק. אָבער וואָסזשע טוט מען? אָרימקייט איז נישט קיין שאַנדע. כאַליביעוו מוז זיך דערנידעריקן. איצט דערנידעריקן זיך אַלע אָרנטלעכע מענטשן. ער טיילט בלויז דעם אַלגעמיינעם גורל. ער דערנידעריקט זיך, ווי גאַנץ רוסלאַנד. דינען פאַר צווייהונדערט פראַנק איז נאַריש. מען קאָן אָבער נעמען אַן אַוואַנס, און דערנאָך... און דערנאָך איז לייכט צו פאַרדינען אויך צווייהונדערט טויזנט. דער עיקר — אַריינדרייען זיך. דאָרט וועלן דערליידיקט געשמאַקע געשעפטלעך. אויב מען זאָל, למשל, אַריינבאַקומען אַן אשת־איש־ענין, קיינעם וועגן דעם נישט זאָגן, שרעקן אַלעמען, און ס'געלט — צו זיך אין קעשענקע. ניין, ס'איז געווען נאַריש אָפּצוזאָגן זיך. מען דאַרף דאָס תיכּף איינאָרדנען.

כאַליביעוו איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער פערינע און קודם־כּל האָט ער געניי רעווידירט אַלע קעשענעס. אַרום און אַרום האָט ער געפונען ניין סו. מען קאָן אויסטרינקען ביים בופעט אַ טעפּעלע קאַווע. ער איז שנעל אַראָפּ אונטן, באַמיענדיק זיך נישט אָנצוטרעפן לואין, און איז אַריין אין שכנותדיקן באַר.

— אַ טעפּעלע קאַווע.

די באַלעבאָסטע האָט כאַליביעוון געקענט און פריינטלעך שמייכלענדיק האָט זי געפרעגט:

— ווי שטענדיק? מיט ראָם?

— ניין, היינט אָן ראָם. היינט טוט מיר וויי דער קאָפּ.

(מיט ראָם האָט געקאָסט זעכצן סו, זיבן סו האָבן געפעלט.)

אַ זופּ געטון קאַווע, איז כאַליביעוו אַוועק צום טעלעפאָן. ער וועט אָנקלונגען דעם הער נעי. ער וועט זאָגן, אַז ער איז מסכּים אויף אַלץ. ער וועט בעטן אַ קליינעם אַוואַנס, נו, לכל הפּחות פופציק פראַנק.

כאַליביעוו האָט אָנגערופן דעם נומער. אַלס ענטפער האָט ער דערהערט די פאַרשטיקטע שרויט פון אַ קלונג. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אַן אומבאַקאַנטע שטימע :

— האַללאָ ?

דאַן האָט זיך אַ צווייטער, שוין גאָר גוט באַקאַנט, אָפּגערופן :

— דאָס בין איך. גוטן אָוונט, מיסטער דזשעקס.

כאַליביעוו האָט געשוויגן. מען האָט אים פאַרייניקט אַלס דריטן. ער האָט פונדעסטוועגן נישט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם נאַר־וואָס אָנגענומענעם באַשלוס נישט צו מיאוסן זיך אויך מיטן דעטעקטיוו־פאַך, אָדער ס'האָט אים, אפשר, פשוט באַהערשט די געוויינלעכע מענטשלעכע נייגיריקייט. אַזוי צי אַנדערש — כאַליביעוו האָט דאָס טרייבל נישט אַוועקגעלייגט.

איינער פון די שמועסנדיקע, יענער, וועמען דער צווייטער האָט גערופן מיסטער דזשעקס, האָט גערעדט זייער שלעכט פראַנצויזיש.

כאַליביעוו האָט אים מיט מי פאַרשטאַנען דער שמועס איז, אגב, נישט געווען קיין לאַנגער.

— טייערער מיסטער דזשעקס, כ'גראַטולירט אייך. אַ פרייליכע נייעס. אייער בריליאַנט איז געפונען געוואָרן.

הערנדיק דאָסדאָזיקע קול, אפילו אויף אַ מרחק פון עטלעכע קילאָמעטער, איז לייכט געווען אָנצושטויסן זיך, ווי ס'קאָכט־אויף פון אומגעריכטער פרייד דאָס מיטן לעבן צופרידענע פּעטס.

— געפונען האָט אים גאַסטאָן. דאָס איז אונזער שטאָלץ. דאָס איז דער שטאָלץ פון פּאַריז. מאָרגן וועלן זיינע פאָטאָגראַפיעס זיין אין אַלע צייטונגען.

— אָבער וואו האָט ער אים געפונען?

— אין בויך פון אַ פּאָפּוגיי. איר קענט דאָך די פּאָפּוגייען? דאָס זענען שרעקלעך פרעסערישע...

מיסטער דזשעקס האָט אים איבערגעריסן:

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב קיין צייט נישט. איר וועט מיר וועגן דעם דערציילן מאָרגן. כ׳וועל פאַרפאָרן צו אייך אינדערפרי, צען אַ זייגער. כ׳וועל ברענגען, ווי ס׳איז אָפּגערעדט געווען, אַ טשעק אויף אַכציק טויזנט דאָלאַר. היט זיך, אייערע אייגענע אָנגעשטעלטע זאָלן ביי אייך נישט אָפּגנבֿענען דעם שטיין...

— אָבער, מיסטער דזשעקס, מיינע אָנגעשטעלטע...

— אַנטשולדיקט, כ׳אייל זיך זייער. כ׳פאָר אין טעאַטער. מאָרגן צען. אַ גוטן.

די שטימען זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. איצט וואָלט כאַליביעוו ווידער געקאָנט קלינגען צום הער ריימאָנד נעי. זיין נומער איז איצט זיכער געווען פריי. ער האָט דאָס אָבער נישט געטון. ער איז אַוועקגעגאַנגען פון טעלעפאָן. ער האָט אפילו נישט פאַרענדיקט טרינקען די קאַווע. שנעל באַצאָלנדיק, איז ער אַרויס פון באַר און אַוועק צו זיך אין האָטעל. אויף זיין פּנים האָט ווידער געבלאָנדזשעט יענער שמייכל, מיט וועלכן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט סיי דער אָוונט אין די נומערן „קרים”, סיי די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גנבים־נעסט, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיטן צעשראָקענעם ייד, סיי די קאַיוטע פון דער אַלטער מיס, — אַ שמייכל, ווי מען האָט שוין אָנגעוויזן, אַן אויסערגעוויינלעך זעלטענער, אַ באַגייסטערטער שמייכל. אַריינקומענדיק אין האָטעל האָט ער נישט נאָר זיך נישט אויסבאַהאַלטן, ווי געוויינלעך, פון לואין, נאָר ער האָט אים אפילו אַליין אויפגעזוכט. אַן שום וואַקלענישן האָט ער אויסגעשטרעקט צום קעלנער דעם געהייליקטן פּאָרטסיגאַר.

— דאָס איז גאָלד. דאָס קאָסט, לכל הפּחות, טויזנט פראַנק.

די באַדינגונגען האָבן זיך ביי מיר אַזוי צונויפגעלייגט, אַז כ׳מוז אים פאַרקויפן. כ׳האָב נאָר־וואָס באַקומען אַ ידיעה, אַז מיין מוטער, וואָס היילט זיך אין מענטאָן, האַלט ביים שטאַרבן. כ׳בין דערפון שטאַרק צערודערט. כ׳מוז תיכף פאָרן. כ׳בין שולדיק דער באַלעבאָסטע לויט דעם רעכנונג אַכציק פראַנק. כ׳וועל אייך דאָס פאַרקויפן פאַר דרייהונדערט. איר וועט געבן אַכציק דער באַלעבאָסטע, צוואַנציק וועט איר נעמען פאַר זיך, און צווייהונדערט וועל איך האָבן אויף רייזע־הוצאות. איך חזר איבער: דאָס קאָסט טויזנט פראַנק. איר וועט רייך ווערן דערפון.

לואי האָט מיט אומצוטרוי זיך צוגערירט צום פאָרטסיגאַר. אָבער דאָס נאַקעטע דאַמעלע מיט דער מאַנדאָלינע האָט אים אָנגעלאָקט. און אפשר נישט דאָס דאַמעלע, נאָר די פראָבע: דער פאָרטסיגאַר איז געווען אַ גאָלדענער. כאַליביעוו האָט דאָס מאָל נישט געזאָגט קיין ליגן.

לואי האָט מסכים געווען:

— צווייהונדערט.

אַן אַנדערשמאָל וואָלט כאַליביעוו זיכער אויפגעבראַכט געוואָרן, ער וואָלט פאַטעטיש גענומען זיך דינגען. אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן! אין אַן אַנדערער צייט וואָלט ער בכלל נישט פאַרקויפט דעם צויבערדיקן פאָרטסיגאַר. איצט אָבער האָט ער מיט אַן אָפענער גלייכגילטיקייט צוגענומען די הונדערט פראַנק און אפילו נישט איבערציילנדיק זיי — אַוועק אין זיין צימער. דאָרט האָט ער אַריינגעלייגט דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט צוגעגנבעט ביי זשאַננאַן, אין אַ ריינעם קאָנווערט, אים צוגעקלעפּט, אָנגעקלעפּט אַ מאַרקע, גענומען אַ פעדער, אָנגעשריבן: „פרל.“, אָבער וואַקלענדיק זיך אַ מינוט האָט ער נישט צוגעשטעלט נישט קיין פאַמיליע, נישט קיין אַדרעס, נאָר זיך פאַרנומען אינגאַנצן מיט אַן אַנדערן ענין. אויפזוכנדיק צווישן פאַרשידענעם אַלטוואַריג אַן אַלטן צעריסענעם פאָרטפעל, וועלכן ער האָט נאָך אַרויסגעפירט פון רוסלאַנד, האָט ער אים גענוי באַטראַכט, אַריינגעשטעקט אַהין עטלעכע פראַנק־באַנקנאָטן, פאָסטמאַרקעס, אַן אויסשניט פון דער צייטונג „פטי פאַריזיען“, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין צימער,

מיט דער באַשרייבונג פון אַ סענסאַציאָנעלער גנבה, אַן אַלטן קינאָ-בילעט, אַ רעקלאַם-אַנאָנס פון עפּעס אַ פּאַרפום-פירמע, לסוף די פאָטאָגראַפיע פון גליקלעכן באַזיצער פון דער ברונעטקע און דעם קאָנווערט מיטן נישט דערשריבענעם אַדרעס. אָפּגעטון דאָס אַלץ, האָט ער באַהאַלטן דעם פּאָרטפעל אין דער בוזים-קעשענע פון דער וועסט. דערנאָך האָט ער אָנגעטון אויף זיך, אָנשטאָט דעם גוטן דעמי-סעזאָנעם פּאַלטן, אַ צעריסענעם גומי-מאַנטל, וועלכן ער האָט געקויפט אין די שלעכטע צייטן ביים קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אַלטוואַרג-הענדלער פאַר איין לירע, און וואָס האָט קענטיק נישט געפּאַסט אויף אים. אַוועקגייענדיק האָט ער גאַנץ פריינטלעך זיך געזעגנט מיט לואין:

— כ'פּאָר אַוועק קיין מענטאָן מיטן נאַכט-צוג. אויב דאָרט איז אַלץ אין אָרדנונג, וועל איך זיך אומקערן אין אַ דריי טעג אַרום. כ'לאָז דאָ איבער אַלע מיינע זאַכן. דאָס צימער לאָז איך פאַר זיך.

ס'איז געווען אַרום צען אַ זייגער אינאָוונט. נאָך אַזעלכע פאַרדעכטיקע צוגרייטונגען האָט זיך געדאַכט, אַז כאַליביעוו וועט אַוועקגיין אין עפּעס אַ געגוג טונקל אָרט. אָבער ניין, ער איז פּשוט געגאַנגען עסן אָוונט-ברויט. דאָס איז, נאַטירלעך, זייער מאָדנע. אָבער נאָך מאָדנער איז פאָלגנדיקס: ער איז געגאַנגען עסן אָוונט-ברויט נישט אין אַ פריילעכן באַר מיט מיידלעך, נאָר אין דעם אָנשטענדיקסטן רעסטאָראַן „לאַווענין“, קעגנאיבער מאָנפּאַרנאַסער וואָקזאַל. דאָס איז נישט געווען קיין צופעליקער טעות. כאַליביעוו האָט אויסגעקליבן גראָד דעמדאָזיקן רעסטאָראַן, אַלס דעם סאַמע אָנשטענדיקסטן, פאַמיליעדיקסטן.

אויסקלויבנדיק אַ קליין טישל אין אַ ווינקל, האָט כאַליביעוו מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט די ווייכקייט פון לעדערנעם פאָטעל. דער אַלטער קעלנער האָט אים געשטעלט אונטער די פיס אַ בענקעלע. כאַליביעוו האָט אים געדאַנקט מיט אַ לייכטער באַוועגונג פון די וויעס, נישט באַמיענדיק נישט די ליפּן, נישט דעם האַלז. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט גריגס סוויטע. דאָס איז געווען זייער אָנגענעם נאָך די טעגלעכע דזשאַזבאַנדן אָדער

ד״ם פּייפעריי פונם נעגער סולאָ. כאַליביעוו האָט געפילט, אַז ער רוט זאַפּ מיט דער נשמה און מיטן קערפּער. בנאמנות, פּאַריז האָט אים מיד געמאַכט. ער וואָלט גליקלעך געווען, ווען ער זאָל זיך איצט געפינען אין אַ שטילער סאַנאַטאָריע. ווער ווייסט, ס׳איז מעגלעך, אַז מאָרגן וועט ער טאַקע פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע. ס׳קאָן זיין, אַז נישט מאָרגן, נאָר היינט ביינאַכט נאָך וועט ער אַוועקפאָרן אין אַ שטיל קוראָרט, למשל, קיין מענטאָן, וואו ס׳איז דאָ דער בלויער ים, וואו עס בליען מאַנדלען. ס׳איז מעגלעך... מיט זיינע פּלענער האָט ער דערווייל מיט קיינעם זיך נישט געטיילט.

דורכקוקנדיק פּאַרטרוימט דעם מעניו האָט ער באַשטעלט אַ הון-קאָטלעט, שפּינאַט און אַ האַלב פלעשל סען-עסטאַש. דאָס איז געווען אַן אמת אָוונטברויט פון אַ מיושבדיקן, חשובן מענטש, וואָס וויל נישט באַלאַסטן אויף ביינאַכט זיין מאָגן. און אָננעמענדיק די באַשטעלונג, האָט דער אַלטער קעלנער דערפילט צום סאָלידן קליענט אַ געהעריקע אַכטונג. ווען כאַליביעוו האָט געפרעגט, צי דער ווייַן איז עטוואָס צוגעוואַרעמט, איז אין דאָזיקן „עטוואָס" געווען אַזאַ געפיל פון מאָס און האַרמאָניע, אַז דער קעלנער האָט ערנפאָרכטיק געענטפערט:

— אָ, יאָ, מסיע, טאַקע נישט מער ווי עטוואָס.

אויפגעגעסן דאָס קאָטלעטל האָט כאַליביעוו געבעטן אַ באַרנע, און ווען דער קעלנער האָט געבראַכט אַ זאַפטיקע ריחותדיקע דישעס, האָט ער אים אפילו באַערט מיט אַ גנעדיקן שמועס:

— דאָס פרוכט איז היינטיקס יאָר גוט, נאָכן הייסן זומער.

— אָ, יאָ, מסיע. און דער ווייַן אויך. די וויין-אויסאַרבעטער האָבן גוט פאַרדינט.

— דאָס קאָן מען נישט זאָגן וועגן די אַנדערע. נישט אמת? דערדאָזיקער שרעקלעכער קריזיס! ווי גייען אייערע געשעפטן?

— אָ, נישט אַזוי שלעכט, מסיע. די לעצטע צייט נישט שלעכט, די לעצטע צייט אפילו זייער גוט.

— אייער גליק. אין אַנדערע געביטן איז אַ סך ערגער. ביי אונז, למשל... איך בין אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק פון לע־דערנע פּאָטעלן. מיר ליידן איצט גרויסע היזקות. זאָגט איר, הייסט עס, אַז דאָס איז אַ גוטע באַרנע?

— אָ, יאָ, מסיע. דאָס בעסטע וואָס קאָן נאָר געבן.

כאַליביעוו האָט מיט אַ לייכטן קאָפּ־נייג געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז ער איז מיטן שמועס באַפרידיקט. דער קעלנער איז מיט דרך־ארץ אָפּגעגאַנגען. ס'איז נאָך געווען פרי: צען פאַר עלף. מען דאַרף אָננעמען, אַז דער צוג קיין מענטאָן איז אָפּגע־גאַנגען שפּעטער. כאַליביעוו האָט זיך נישט געאיילט. נאָך גריקן איז געקומען סען־סאַנס, נאָך דער באַרנע — קאַווע און קאָרדיאַל־מעדאָק.

ארום עלף אַ זייגער האָט כאַליביעוו מיט אַ נאַכלעסיקער באַוועגונג פון שאַרפן פינגער צוגערופן צו זיך דעם קעלנער. אָפּשאַצנדיק די גאַנצע איבערגעגעבנקייט און דערצויגנקייט פון דאָזיקן אַלטן דינער, האָט ער באַוויליקט אַראָפּצונידערן צו אַ פאַמיליערער האַלטונג.

— הערט נאָר, מיין פריינט, ברענגט מיר צו טראָגן דעם פּאָר־פלאַן. כ'דערוואַרט אַ פלימעניצע פון האַוור און כ'וויל אַ קוק טון, ווען דער צוג קומט אָן.

— גלייך, מסיע. איר דאַרפט זיך נישט באַמיען, כ'וועל אַליין אַ קוק טון, ווען ס'קומט אָן דער נאַכט־עקספּרעס פון האַוור.

— ניין, בעסער גיט מיר דעם פּאָר־פלאַן. כ'ווייס נישט גענוי, ווען זי וועט אַרויספאָרן. כ'וויל אַ קוק טון אַלע צוגן.

כאַליביעוו האָט לאַנג און גענוי שטודירט דאָס בוך, וועלכעס דער קעלנער האָט אים דערלאַנגט. זיין פּנים האָט בולט אויסגע־דריקט אומצופרידנקייט, און אויפכאַפּנדיק די פאַרדראָסיקע מינע פון דירעקטאָר פון פאַבריק פון לעדערנע פּאָטעלן, האָט דער קעלנער זיך דערוועגט נישט דרייסט אַרויסצומורמלען:

— מסיע האָט, אפשר, נישט געפונען דעמדאָזיקן צוג?

— ניין, כ׳האָב אויפגעזוכט דאָס, וואָס כ׳דאַרף האָבן, מען קאָן אָבער נישט זאָגן, אַז ביי אונז זאָל אַלץ זיין אין אָרדנונג אויף די אייזנבאַנען. די צוגן קורסירן איצט אַזוי זעלטן, און דידאָזיקע „באָשעס״ גיבן נישט קיין קוילן.

— אָ, יאָ, זיי זענען חוצפּהדיק, דידאָזיקע באָשעס, — האָט דער קעלנער הכנעהדיק באַשטעטיקט, נישט דערוועגנדיק זיך, אויף וויפיל ס׳איז געווען די רייד וועגן אַזאַ הויכער פּאָליטיק, צו פּאַרטיפן אָדער צו אַנטוויקלען דעם געדאַנק, וועלכן דער סאָלידער גאַסט האָט אַרויסגעזאָגט.

ס׳איז שוין האַלב צוועלף. אפשר גייט דער צוג קיין מענטאָן אינדערפרי? אפשר וועט די פּלימעניצע פון האַוור קומען צו פאָרן ערשט מאָרגן? כאַליביעוו איילט זיך נישט. דער אָרקעסטער שפּילט איצט אַ פּאָפּורי פון דעליבאַס אָפּערע, און כאַליביעוו זיפצט אָפּ ראָמאַנטיש. דידאָזיקע זיפצן קאָן מען דערקלערן בלויז מיט ראָמאַנטישע געפילן, ווייל דער הון־קאָטלעט האָט אויף אַן אמת נישט געהאַט קיין וואָג. ס׳דערמאַנט זיך אים, וואָרשיינלעך, דאָס פּיקאַנטע ברונעטקעלע. עס קושט זי יענער מחוצף, וואָס איז ענלעך אויפן פּערס פון „מאַרטיני״. כאַליביעוו הייבט אויף די האַנט צו דער ברוסט. דאָרט אין פּאָרטפעל ליגט די פּאָטאָגראַפיע פונם באַליידיקער. דאָרט, אין כאַליביעווישן האַרץ, ליגט אַ שרעקלעכע באַליידיקונג. די קלאַנגען פליסן צאַרט און צעשוואומען, ווי אַ גאָט זאָל שווענקען דעם האַלז. כאַליביעוו מרוקעט שטיל: „לאַקמע, כ׳וויל, זאָלסט אַ שמייכל טון״. כאַליביעוו וויל, אַז דאָס ברונעטקעלע זאָל, ענדלעך, אַ שמייכל טון צו אים. צי דען איז דאָס נישט קיין פולשטענדיק געזעצלעכער פאַרלאַנג? דאָס ברונעטקעלע וועט אומבאַדינגט אַ שמייכל טון צו אים — אויף דעם איז ער כאַליביעוו!

לסוף, אַ קוק טוענדיק אויפן זייגער, רופט ער צו דעם קעלנער: — אַ רעכנונג. וויפיל? איין־און־צוואַנציק? אויסגעצייכנט. פיר קאָן דער קעלנער נעמען פאַר זיך טרינק־געלט. דער קעלנער איז באַגייסטערט. זיין צוטרוי צום דאָזיקן מאַיעסטעטישן דירעקטאָר האָט זיך פולשטענדיק באַשטעטיקט. אַ קעלנער דער־

קענט תּיכּף דעם כאַראַקטער פון מענטשן. כאַליביעוו פרעגט:

— וואו האָט איר דעם טעלעפאָן? כ׳האָב מורא, אַז מיין פּלימעניצע איז שוין געקומען צו פּאַרן. כ׳וויל קלינגען אַ היים. דער טעלעפאָן איז ביי אייך אין אַ בודקע? כ׳האָב אַ ביסל שוואַכע אויערן. וואָס? כ׳האָב מורא, אַז די מוזיק וועט מיר שטערן.

— ניין, מסיע קאָן פריי רעדן. דער טעלעפאָן געפינט זיך אין אַ בודקע, די קלאַנגען פון אָרקעסטער דערגייען נישט אַהין.

כאַליביעוו גייט צו דערדאָזיקער קאָמפאָרטאַבעלנער בודקע. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן. נישטאָ קיינער. דער קעלנער איז אויך אַוועק. ער ווייסט, אַז דער גאַסט האָט שוואַכע אויערן. ער האָט, וואָרשיינלעך, מורא צו שטערן אים מיט זיין אָטעם. צי זענען דען דאָ פאַרשטאַנדיקערע מענטשן, ווי דידאָזיקע אַלטע קעלנערס פון די פּאַריזער רעסטאָראַנען? כאַליביעוו גייט אַריין אין בודקע. ער שמייכלט גוטמוטיק. ער האָט פּשוט אָפּגעגעסן אַ גוטן אָונטבּרויט אין אַ שטילן פאַמיליען־רעסטאָראַן. און גאָר דערנאָך מאַכט ער פעסט צו די ווייכע, מיט וואַלאַק־באַשלאָגענע טיר.

26.

## ס'איז אַ ליגן דאָס געבאָט „זאָלסט קיין ליגן נישט זאָגן", און אַ ליגן זענען אויך די אַנדערע געבאָטן

זשאַננאַ איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער סענע. אין שוואַרצן וואַסער האָבן זיך זעלטן דורכגעמיניעט רויטע און גרינע פייערלעך, דאָס איז געווען די סענע, יענע סענע, איבער וועלכער מען קאָן פאָרן אויף אַ שפּילצייג־דאַמפּערל אין פרייַלעכן סטוור אָדער קיין מעדאָן.

דאָס איז געווען אויך יענע סענע, אין וועלכער עס וואַרפן זיך אַריין ביינאַכט אָפּגעגאַרטע מאָדיסטינס, קאָרטנשפּילערס, וואָס האָבן פאַרשפּילט דעם לעצטן פאָדעם, און אַרבעטסלאָזע, וועלכע זענען מיד געוואָרן צו הונגערן. פון שוואַרצן וואַסער פישט מען אַרויס מיט האַקעס בלויע געשוואָלענע בר־מינננס. מען פירט זיי אַוועק אין מאָרג. דער מאָרג געפינט זיך טאַקע דאָ, לעבן נאָטר־דאַם. זשאַננאַ איז געשטאַנען נעבן מאָרג.

דאָס איז געווען די סענע, די שיינע סענע, וועלכע ס'דער־מאָנען אַלע דיכטער, די סענע, אין וועלכער עס גיסן זיך אַריין די אומריינקייטן פון אַלע צוואַנציק פּאָליציי־צירקלען פון פּאַריז.

דאָס צעטעלע האָט זשאַננאַן אויפגערודערט. מען קאָן אים אַרעסטירן! און דאַן איז ווידער — צעשיידונג. דאַן איז ווידער

די גאַס — טיבומערי. זי קאָן דאָרט מער נישט פֿאַרבלייבן! דער הער ריימאָנד נעי, דערמאָנענדיק זיך כאַליביעווס רעוועלאַציעס און נישט וועלנדיק אויסגעבן געלט אויף נסיעות צו פֿרעמדע מוידן, פֿלעגט איצט קומען דורך די נעכט צו זשאַננאַן און שיפּען:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, דו עסט מיין ברויט און האָסט נאָך די העזה איינצושפּאַרן זיך? ווערסט דערפֿון גאָרנישט פֿאַרלירן. ס'וועט קלעקן פֿאַר דיינע קאַוואַלערן, צו אַלדי רוחות!

זשאַננאַ פֿלעגט זיך ווערן. זשאַננאַ האָט געדראָט, אַז זי וועט שרייען. אַמאָל פֿלעגט זי אַנטלויפֿן צו גאַבריעלן. זי פֿלעגט שלאָפֿן אין אָנטועכץ, ווי אין דער טעפּלושקע. אָבער אויסהאַלטן נאָך איינע אַזאַ נאַכט איז איר איצט פֿאָרגעקומען אוממעגלעך. נעכטן האָט דער פֿעטער געזאָגט צו איר אין אַלעמענס אָנוועזנהייט: „טראָג זיך אָפּ, דו זונה!" זי וועט דערציילן אַנדרעיען. אַנדרעי וועט איר העלפֿן, אַנדרעי וועט זי ראַטעווען. און טאָמער איז ער אַרעסטירט? זשאַננאַ האָט זיך דערמאַנט כאַליביעווס היינטיקע דראָאונגען. דערדאָזיקער איז געווען נאָך עקלהאַפֿטער פֿאַרן הער ריימאָנד נעי. יענער איז אַ בעגעמאָט, מען קאָן פֿון אים פֿאָרט אַנטלויפֿן, כאַליביעוו אָבער איז — אַ שלאַנג. זיינע הענט וועלן אומעטום אַדורכקריכן. פֿון זיי איז נישטאָ קיין באַהעלטעניש. און דערמאָנענדיק זיך דידאָזיקע הענט פֿלעגט זשאַננאַ גיריק איינקוקן זיך אין וואַסער: דאַן — די סענע...

דערנאָך האָט זי אַ טראַכט געטון וועגן דער צוגעגנבעטער פֿאָטאָגראַפֿיע, און זי איז געוואָרן נאָך אומרואיקער.

די וועלט איז איר פֿאָרגעקומען ווי שרעקלעכע דזשונגלעס, וואו אויף יעדער טריט און שריט לויערן אויף איר כיטרע רויבחיות, און אין דאָזיקן שרעקלעכן וואַלד איז געווען בלויז איין באַשיצער — אַנדרעי. און טאָמער איז ער אַרעסטירט?

דאַן האָט זיך אָבער זשאַננאַ פֿאַרשעמט, וואָס זי טראַכט וועגן זיך. אויב ער איז אַרעסטירט איז שרעקלעך! אַנדרעי, דער פֿריילעכער אַנדרעי, וואָס האָט אַזוי ליב פֿרייהייט און ווינט,

דערדאָזיקער אַנדרעי איז אין תפיסה! ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן דאָ זיין אַרבעט. מיט וואָסער אויפרעגונג ער האָט איר דערציילט וועגן פאָרן קיין טולאָן! און מיטאַמאָל וועט מען אים כאַפּן, איינשליסן. אפשר האָט מען שוין געכאַפּט. זשאַננאַ וועט אים מיט גאָרנישט קאָנען העלפן.

און זשאַננאַ האָט נאָך אויפמערקזאַמער געקוקט אויף דער סענע. מיט טונקעלע, פון אומרואיקייט געברייטערטע שוואַרצאַפּלען האָט זי ווי געטויכט אין וואַסער, האָט זי ווי אָנגערירט דעם דעק, וואו ס'האָט אפשר געוואַרט אויפן האַק אַן אומבאַקאַנטער דערטרונקענער.

ער האָט געשריבן, אַז ער וועט זיין אַכט אַ זייגער, — איצט איז שוין נאָענט צו ניין. ער איז אַרעסטירט, וואָס זאָל זי טון?

אַנדרעי איז געקומען אַ פערטל צען, ווען זשאַננאַ האָט שוין מער נישט געוואַרט אויף אים. ער האָט פריער נישט געקאָנט. אַ שפּיק האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. האָט ער געמוזט פאָרן מיט דער אונטערערדבאַן ביז מאַדלען און דאָרט בעתן אומשטייגן אומגעריכט אַריינשפּרינגען אין צוג, וואָס איז געגאַנגען צוריק, קיין שאַטלע. ער איז מיד געוואָרן: פון אינדערפרי אויף די פיס. ער איז אַזוי מיד, אַז דערזעענדיק זשאַננאַן, ווי זי שטייט אַריבערגעבויגן איבער די פּאַרענטשעס, האָט ער זיך אין דער ערשטער מינוט דערשראָקן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי פליט אין וואַסער אַריין. אַרום איז געווען אַזוי אימהדיק! די שטיינערנע מאַסע פון נאָטר־דאַם האָט ווי פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ דורכדרינגענדיקע טויט־קעלט. דער דאָם איז ענלעך געווען אויף אַ ריזיקער אור־חיה, וואָס רייבט מיט דער שאָרסקער העלפאַנטהויט דעם נידעריקן בלינדן הימל. רעכטס איז דער מאָרג. לינקס — די קאַזאַרמעס. אויפן דאָזיקן פאָן האָט זשאַננאַ אויסגעזען ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד. אגב, אפשר האָט אַנדרעיען פשוט צערודערט דער שווערער טאָג. אָן אָטעם איז ער צוגעלאָפן צו זשאַננאַן, ער האָט אַ געשריי געטון:

— וואָס טוט זיך מיט דיר ? וואָס איז געשען ? פאַרוואָס שטייסטו אַזוי ?

זשאַננאַ איז געווען יינגער פאַר אַנדרעיען אויף צוויי יאָר. ווען זי האָט אָבער געזען זיין ברייט פּנים, דאָס צעקרימטע פון ווייטיק, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז עלטער פאַר אים, אויף אַ סך עלטער, אַז זי דאַרף, ווי אַ מאַמע, אים טרייסטן, צערטלען, שטיל זינגען אים : „ליוּלענקע, מיין קליינער אַנדרעי !״ אָט נאָר־וואָס האָט זי אים געוואָלט דערציילן אַלץ, זוכן ביי אים שוץ, און איצט, גוט אַריינקיקנדיק זיך אין די גרויע אויגן, פולע מיט טרויער און צעטומלעניש, האָט זי תּיכּף פאַרגעסן סיי וועגן דער קאַנטאָר, סיי וועגן פעטער, סיי וועגן דעם, וואָס ס׳וועט זיין דערנאָך. זי איז ווידער געווען גרייט אויף אַלץ, אַבי ער זאָל אַ שמייכל טון. זי האָט אים גענומען פאַרזיכערן : ניין, ס׳איז גאָרנישט געשען. אַנדרעי איז אָבער געווען פול מיט חשד. ער האָט נישט געגלויבט. דידאָזיקע טורעמס, דאָסדאָזיקע וואַסער, דאָסדאָזיקע שוואַרצע שווייגעדיקע וואַסער, אין וועלכן עמעץ וואַרט, זיכער, אויפן האַק, ער האָט געמאַכט פאַרשידענע השערות.

— זשאַננאַ, דו באַהאַלטסט עפעס אויס פון מיר. האָסט מורא צו פאַרשאַפן מיר עגמת־נפש. אפשר האָבן זיך דיינע קרובים דערוואוסט וועגן מיר ? אפשר באַליידיקט מען דיך ? זאָג מיר ! זאָג דעם אמת !

אַנדרעי האָט געפאָדערט דעם אמת. זיינע אויגן אָבער, די אויסגעפייניקטע, די צעטראָגענע, די פאַרלוירענע אויגן האָבן געפאָדערט ליגן. ער איז געווען ווי אַ קינד, וועלכעס בעט די מוטער : „גיב מיר אַ האַק, כ׳וועל דיר העלפן״. און די מוטער ענטפערט : „יאָ, געוויס, דו וועסט מיר העלפן״, און גיט אים נישט קיין האַק, נאָר אַ שפּילצייג. אַנדרעי האָט געקאָנט זיין פעסט, שטאַרק, אויסהאַלטעוודיק. אָבער זשאַננאַס פּיין וואָלט ער נישט איבערגעטראָגן, און שפּירנדיק דאָס, האָט זשאַננאַ געזאָגט ליגן. זי איז פולשטענדיק גליקלעך. זי האָט אַ לייכטע אַרבעט. און דער פעטער ? מילא, דער פעטער האָט זיך זיינע אייגענע

אידעען. אין אַלגעמיין אָבער איז ער צערטלעך מיט איר, ער באַלעוועט זי אפילו. זאָל זיך נאָר אַנדרעי באַרואיקן. בנאמנות, עס לעבט זיך איר גוט. זאָל ער בעסער טראַכטן וועגן זיך. מען שפירט אים נאָך? דאָס איז געפערלעך? אויב אַזוי מוז ער וואָס גיכער אָפּפאָרן. זאָל ער פאָרן מאָרגן, זאָל ער פאָרן היינט ביינאַכט!

מען זאָגט, אַז ליגן זאָגן איז נישט גוט. ס'איז דאָ, דאַכט זיך, אַ געבאָט, וואָס פאַרבאָט צו זאָגן ליגן. אָבער וואו זאָל מען נעמען אַזאַ אמת, וואָס זאָל זיין שענער פאַר אָט דידאָזיקע ווערטער פון דער קליינער ביוראַליסטן פון דער גאַס טיבומערי וועגן צערטלעכן פעטער? אַנדרעי האָט נישט געוואוסט, אַז זי זאָגט ליגן. ער האָט זיך מער נישט איינגעהערט אין אירע שטילע, זאָרגעוודיקע רייד. ער האָט אָבער געזען, ווי דאָס קליינטשיקע מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען איבער די פאָרענטשעס, וועלכע מען האָט גערופן „זשאַננאַ נעי", וואַקסט. אָט איז זי שוין העכער פון אים, העכער פון די היינער, העכער פונם דאָם. און ער האָט זינלאָז געפלאַפלט:

— ווייסט וואָס, זשאַננאַ... אויב אַזוי... אויב אַזוי — איז דאָס שרעקלעך!

זשאַננאַ האָט גאָרנישט נישט געענטפערט, זי האָט בלויז צערטלעך אַ גלעט געטון זיין האַנט. זי האָט זיך שוין פון לאַנג דערוואוסט, אַז דאָס איז שרעקלעך, — שוין לאַנג, נאָך אין דער פוסטער ווילע „איבראַגיאַ".

לענגער שטיין איז נישט געווען באַקוועם. זיי האָבן געקאָנט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן גענומען גיין מיטן פינסטערן ברעג. דערנאָך האָט אַנדרעי זיך פאַרנומען לינקס. זיי זענען אַריבער אויפן צווייטן ברעג. אַנדרעי האָט געמיינט, אַז זשאַננאַ גייט אַהיים, און ער האָט זי געוואָלט באַגלייטן. זשאַננאַ האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז אַנדרעי וואוינט איצט ערגעץ־וואו נאָענט פון איר. זיי האָבן נישט גערעדט וועגן דעם. זיי האָבן גערעדט וועגן גאַנץ אַנדערע זאַכן: וועגן דער קינדהייט, וועגן

לוּאַרעט, וועגן צאַריצין, וואו אַנדרעי האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט זשאַננאַן.

נישט געקוקט אויף אַלע אויסבאַהאַלטונגען, אויפן גאַנצן אומרו, אויף דער נאָכשפּירעניש, אויף דער קאַנטאָר, נישט געקוקט אויפן לעבן, זענען זיי געווען גליקלעך. אַלץ איז זיי פאַרגעקומען ניי: יעדעס וואָרט, יעדע שעמעוודיקע צערטלעכקייט. זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי פאַרפאַסן צוזאַמען עפּעס אַ וואונדערבאַר בוך, און ווען עמעץ וואָלט זיי אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז דאָסדאָזיקע בוך איז שוין פון לאַנג אַרויסגעגעבן געוואָרן, ממש וואָרט אין וואָרט, דאָס זעלבע בוך, אַז עס איז שוין דערשינען אויף אַלע שפּראַכן, און ס'געפינט זיך אין יעדער פאַמיליע, אַז מען קאָן עס געפינען אפילו אונטערן נאַכט־קאַפּל פון אַלטן קאָנסיערזש, ווען ער וואָלט זיי דאָס זאָגן, וואָלטן זיי אים נישט געגלויבט, זיי וואָלטן פשוט געקוועטשט מיט די אַקסלען: דער־דאָזיקער מענטש פאַרשטייט גאָרנישט. שנעל האָבן זיי אַרייַנגעשריבן אין דאָזיקן בוך אַלץ נייע און נייע קאַפּיטלען. צו די געדענק־ערטער פון זייער ליבע, צום קאַראַנטין, צו אָרלוט, צום לוקסעמבורגער גאָרטן זענען צוגעקומען נייע מיט יעדער טריט. אויפן בולוואַר סען־מישעל האָבן זיי זיך צונויפגעשטויסן מיט אַ בגילופינדיקן סטודענט אין אַ סאַמעטענעם בערעט. דער סטודענט האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון און אַ געשריי געטון, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף זשאַננאַ און אַנדרעיען:

— אָט די־דאָזיקע זענען פאַרליבט!

זיי האָבן זיך נישט באַליידיקט. זיי האָבן אַ שמייכל געטון. דער שיכּורער סטודענט איז אַריין אין בוך, ער איז געבליבן אַ פראַגע: „געדענקסט יענעם סטודענט אויף סען־מישעל?“ דער־זעלביקער גורל איז אויסגעפאַלן אויף אַ גרויס הינטל, וועלכעס האָט זיך פאַרשטעלט אַלס היט־הונט און קאָמיש, קינדיש, געבומען הויקען אויף אַנדרעיען.

זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט. זייערע טריט זענען צונויפגעפאַלן. דער אָטעם, דאַכט זיך, אויך. אָפט פלעגן זיי אַנטשוויגן ווערן בלויז צוליב דעם, כּדי וואָס פולער צו שפּירן די־דאָזיקע

פיזישע נאָענטקייט. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זענען צונויפגעוואַקסן, אַז זיי האָבן איצט איין האַרץ, און דאָס בלוט גייט פריי איבער פון האַנט אין האַנט.

— לאָמיר גיין אַ ביסל פּאַמעלעכער! כ'בין מיד, — האָט אַנדרעי געבעטן. און זשאַננאַ האָט תיכּף דערשפּירט, אַז זי איז מיד. קיין באַזונדערע געפילן האָבן זיי נישט געהאַט. זיי האָבן געטראַכט וועגן דעם, וואָס מאָרגן וועט זיין. די צעשיידונג איז נאָך פאַר זיי ביידע נישט געווען רעאַל, ווי דער טויט פאַר אַ געזונטן מענטש. אַנדרעי האָט דערמאָנט וועגן מאָסקווע, און זשאַננאַן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאָרן אַהין. זי איז געגאַנגען, צומאַכנדיק די אויגן, זיך אָפּגעבנדיק אַנדרעיס האַנט און דעם ריטמישן איינוויגן פון די טריט. אויפגעכאַפּט האָט זי זיך פון אַ שיכּורן קוויטש. עפּעס אַ סטודענט האָט רעווידירט זיין דאַמע, באַמיענדיק זיך צו אַנטדעקן אין זאַק פאַרבאָרגן געלט. זיי האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס טיבומערי. זשאַננאַ איז שטיין געבליבן.

— כ'וועל דיך באַגלייטן, — האָט זי געזאָגט.

אַנדרעי האָט זיך פאַרלוירן. באַגלייטן? אָבער וואוהין? דאַן האָט ער זיך מודה געווען פאַר זשאַננאַן, אַז ער האָט נישט וואו צו נעכטיקן. מ'וועט ווידער מוזן אויסזוכן עפּעס אַ האָטעל פון די ערגסטע, וואו מען פאַרקוקט נישט אין פּנים און מען בעט נישט קיין דאָקומענטן.

— גוט, כ'וועל דיך באַגלייטן.

זיי זענען ווידער געגאַנגען איבער די זעלבע גאַסן. אָבער די מינוט אויף דער גאַס טיבומערי האָט אַלץ פאַרדעקט. די צעשיידונג איז געוואָרן נאָענט און בולט. זיי האָבן זי איצט געשפּירט שטאַרקער, ווי דאָס נאָך דויערנדיקע בייזאַמענזיין. זיי האָבן פאַרלאַנגזאַמט די טריט. זיי האָבן זיך באַמיט צו רעדן וועגן זייערע ענינים: וועגן געלט, וועגן אַנדרעיס אָפּפאָר, וואוהין צו שרייבן, ווען ער וועט זיך אומקערן, ס'איז אָבער פון דעם אַלעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. זיי האָבן אומישנע נישט פאַרענדיקט די זאַצן. זיי האָבן געוואָלט איבערקלייגן זיך גופא. ווייל כּל־זמן אַלץ

װעט ניט זײן באַשלאָסן, װעלן זײ זיך ניט צעשײדן! דאַרף מען, הײסט עס, ניט רעדן װעגן דעם. זײ װאָלטן אַזױ געקאָנט אַרומגײן אַ גאַנצע נאַכט. אָבער צוקוקנדיק זיך מיטאַניש צו אײנעם אַ פֿאַרשױן, װאָס האָט געפֿרױרן אױפֿן ראָג, האָט אַנדרעי געזאָגט:

— נאַריש... כ'קאָן זיך אָנרײסן...

זשאַננאַ האָט אַ ציטער געטון. װי אַזױ האָט זי װעגן דעם פֿריער ניט אַ טראַכט געטון? ס'איז שױן בײ איר געװען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז זי דאַרף טראַכטן אױך פֿאַר אַנדרעיען. זי האָט אױפֿגערעגט געזאָגט:

— יאָ, יאָ! מען טאָר ניט אַרומגײן. װאו־זשע איז ער אָבער, דײן האָטעל?

— כ'װײס ניט ס'קאָן זײן, אַז אױך דאָ איז דאָ אַזאַ. אָט דאָרט איז אַ שילדל — זעסט?

זײ האָבן זיך געפֿונען אױף דער גאַס אָדעסאַ, הינטערן װאָקזאַל. דאָס הױז, אױף װעלכן אַנדרעי האָט אָנגעװיזן, אַ דרײשטאָקיק, שמוציק הױז, איז טאַקע געװען אַ האָטעל. װעגן דעם האָט עדות געזאָגט אַ בלעכן שילדל: „צימערן אױף טעג“.

אױף אַ טאָג האָט זיך, אגב, אין דאָזיקן האָטעל זעלטן װער אָפּגעשטעלט, סײדן פֿון ברעטאַן צוגעפֿאָרענע נאַאיװע פּראָװינציאַלן, און יענע פֿלעגן אױך גיך אַנטלױפֿן. בײטאָג פֿלעגט דער האָטעל געװײנלעך פּוסטעװען, די פּעטע געלע באַלעבאָסטע פֿלעגט בײטאָג שלאָפֿן אָדער זי פֿלעגט אױסקעמען פֿון דער פֿעל פֿון גרױסן קאָטער די פֿלײ. דאָס איז געװען איר ליבלינגסבאַשעפֿטיקונג. בײטאָג פֿלעגט אױפֿן האָטעל קײנער קײן אַכט ניט לײגן. דערפֿאַר אָװנטצײט פֿלעגן זיך אַהער צונױפֿקומען די אײנװאױנערינס און אײנװאױנער פֿון אַ סך שכנותדיקע גאַסן, װי, למשל: פֿון דער געטע־גאַס, פֿון דער גאַס װערסענזשע־טאָריקס, פֿון דער גאַס אַדלעס און אפֿילו פֿון דער גאַס טיבומערי. בײנאַכט פֿלעגט די געלע דאַמע זײן װאַך, דאָ אַרײנלאָזנדיק, דאָ אַרױסלאָזנדיק די געסט. צימערן זענען בסך־הכל געװען אַכצן. אָבער װער איז אַלץ ניט איבערגעװען אין דידאָזיקע

צימערן! די פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבן דיזשורירט לעבן מאָנפּאַרנאַסער וואָקזאַל, האָבן געפירט אַהער־צו צוגעפאָרענע — ברעטאָנער מאַטראָסן אָדער קליינע געריכטכאָדאַטאַיען, באַהעכטנדיק זיי צום פּאַריזער שיק. די מיידלעך פון דער גאַס טיבומערי האָבן אויך ליב געהאַט דעמדאָזיקן האָטעל, אַלס בכבודיקן, רואיקן, אָן פּאָליציאישע רעוויזיעס. און דער ראָיאַלן־אָנשטעלער, פאַרבינדנדיק אשת־אישדיקע באַציאונגען מיטן קצבס ווייב, האָט אין דאָזיקן זעלבן האָטעל געבראַכט זיין דאַמע, וואָס האָט געליטן אויף אַ טאָפּלטן אָטעם־מאַנגל — פון פעטס און פון ליבע. ביים אַריינגאַנג האָבן זיך באַלעקט די „קאָטערס", אָפּוואַרטנדיק די מוידן מיטן פדיון. אַמאָל פלעגן דאָ הוליען די סקאַנדינאַווער קינסטלער פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, וועלכע האָבן געדורשט נאָך אמתער אויסגעלאַסנקייט. ס'פלעגן פאָרקומען אויך אומאָנגענעמלעכקייטן. אין פופצנטן יאָר האָט זיך דאָ איינער אַ רוס — דאַכט זיך, אַן עמיגראַנט — אויפגעהאָנגען. דאָס איז געווען אין נומער ניין. און דאָ גאָר נישט לאַנג האָט אַ מויד דערשטיקט דעם וואורשטנהענדלער פון דער גאַס דיטאָ, האָט צוגענומען דעם גאָלדענעם זייגער און איז זיך גאַנץ רואיק אַנטרונען געוואָרן. פאַרשידנס האָט געטראָפן. דער האָטעל איז אָבער געווען נויטיק פאַר אַ סך, און דער האָטעל האָט עקזיסטירט.

דורכלייענענדיק דאָס שילדל, האָט אַנדרעי געזאָגט:

— יאָ, דאָ וועט מען קיין דאָקומענטן נישט בעטן. הייסט עס, אַהער! וואָס מאַכט מען מיט געלט? וואוהין זאָל איך דיר שרייבן? מיר וועלן זיך דאָך מער נישט זען...

זשאַננאַ האָט נישט געענטפערט. זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיקע. איינער פון זיי האָט געדאַרפט דער ערשטער אויסשטרעקן די האַנט, און זשאַננאַ האָט אויסגעשטרעקט אירע. זי האָט אָבער נישט צוגעגעבן: „זיי געזונט". זי האָט גענומען אַנדרעיען אונטערן אָרעם און אַריין מיט אים אין דער טיר. זי האָט גאָרנישט נישט געזאָגט, און אַנדרעי האָט זי וועגן גאָרנישט

נישט געפרעגט. אויף די שטיגן איז געווען פינסטער. אַרויסקוקנדיק פון פענסטערל האָט די געלע דאַמע געפרעגט:

— אויף אַ שעה? אויף אַ נאַכט?

אַנדרעי האָט באַקומען אַ ברעקל ליכט אין אַ טיף־גרינעם מעשענעם לייכטער, און אַ שליסל. די געלע דאַמע האָט מיט קרייד איבערגעשטראָכן אויפן שוואַרצן ברעט דעם נומער עלף.

דער נומער עלף האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אונטערשיידט פון די זיבעצן אַנדערע נומערן. דאָס איז געווען אַ לאָך, וואו יעדע פּליטע פון שטיינערנעם דיל האָט געדענקט די שרעקלעכע שאַרעריי פון מערדערס, גנאַפים אָדער אומגליקלעכע איינזאַמע אַרומשלעפּערס. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געזען. זיי האָט דאָס דאָזיקע צימער אויסגעזען, ווי אַ כּישופֿדיק שטיבל, וואו זיי קאָנען, ענדלעך, זיין זאַלבעצווייט, וואו עס זענען נישטאָ נישט קיין צודרינגלעכע לאַמטערנס, נישט קיין פאַרדעכטיק־נייגיריקע פאַרשוינען, און אַריינקומענדיק אין צימער האָבן זיי צו אים אַ שמייכל געטון, אַ שמייכל געטון פריינטלעך, דאַנקענדיק פאַרן מקום־מקלט. און דאָס שמוציקע צימער, ווי ס'וואָלט זיך פאַרשעמען, האָט געענטפערט אויפן שמייכל מיט אַ שמייכל. צום דאָזיקן ציל האָט דאָס צימער אויסגעקליבן דאָס קליינע שפּיגעלע איבערן וואַשטיש. דאָס שפּיגעלע האָט צאַרט אַ שמייכל געטון. אין איין מינוט האָט זיך דאָס צימער געענדערט ביז נישט צום דערקענען. ס'האָט איצט געקאָנט קאָנקורירן מיטן לוקסעמבורגער גאָרטן.

איילנדיק זיך, זידלענדיק זיך, שוויצנדיק האָבן מענטשן אין זיבעצן נומערן אָפּגעטון זייערע שמוציקע און אָרימע ענינים. אָבער אין איין נומער איז געווען גליק. דער נומער האָט וועגן דעם געוואוסט, ער האָט זיך צאַרט געלויכטן מיטן מאַטן שפּיגל, אַ פאַרשמירטן מיט זייף־שוים. אין דאָזיקן נומער, אויף אַן עקלהאַפטער קאַנאַפּע, וואָס איז ווי אַרויסגעפירט געוואָרן פון נירענבערגער אינקוויזיציע־מוזיי, זענען געזעסן אַנדרעי און זשאַננאַ. זיי האָבן גערעדט. זשאַננאַ האָט צאַרט אַרויסגעשלעפּט פאַר די אויערן זאַכאַרקעוויטשן. פערעקאָפּ איז דאָס מאָל געשטורעמט געוואָרן נישט מיטן פייער פון פילצאָליקע האַרמאַטן, נאָר מיטן

באַרטן ליכט פון ברענענדיקע, ווי פענסטער צווישן שניי, באַגייסטערטע אייגעלעך. אַנדרעי האָט זיך געפרייט. ער האָט איצט געזען, ווי נאָענט זשאַננאַ איז צוגעטרעטן צו זיין לעבן. ער האָט איר דערציילט וועגן בלאָנדן מיידעלע. זי האָט געשריגן: „דרייסטער“. דאָס איז גוט. דאָס איז ווי לופט. זשאַננאַ האָט אין לעבן געהאַט ווייניק לופט.

— אַנדרעי, איך וויל קיין מאָסקווע!

— יאָ, נאָר שפּעטער, אין זומער. און איצט קיין טולאָן. כ׳בין אַזוי צופרידן, וואָס כ׳האָב זיך ענדלעך צוגעריסן צו אמתער אַרבעט!

— אַנדרעי, און איך? וואָס וועט זיין מיט מיר?

— דו וועסט וואַרטן אויף מיר דאָ. ביסט דאָך נישט אַליין. האָסט קרובים.

דאַן, אָפּגעשוואַכט דורך דער נאַכט, דורך דעם אומרו, דורכן פאָרגעפיל פון צעשיידונג, האָט זשאַננאַ נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָפּגעקערט. ניין, זי האָט גאָרנישט נישט געזאָגט, זי האָט זיך נישט מודה געווען, אַז זי האָט געזאָגט אַ ליגן, זי האָט זיך נישט באַקלאָגט, זי האָט זיך נאָר אָפּגעקערט, זי האָט נאָר באַהאַלטן אין שאָטן אירע אויגן. דאָס איז גענוג געווען, כּדי אַנדרעיס אַלע חשדים זאָלן אויפשטיין תּחית־המתים. ס׳איז איר שלעכט! ער פילט, אַז איר איז שלעכט. דעם אמת! אומבאַדינגט דעם אמת! און זשאַננאַ האָט זיך אונטערגעגעבן. זי האָט אַנדרעיען דערציילט אַלעליידן, איר גאַנצע דערנידעריקונג. דאָס איז נישט געווען קיין שוואַכקייט. דאָס איז געווען בלויז אַ גלויבן, אַ גרויסער גלויבן אין דער ליבע. זי האָט איצט נישט מורא געהאַט צו פאַרשאַפן אַנדרעיען וואונדן: איר האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די לופט, דידאָזיקע פייכטע און גלייכצייטיק טוכלע לופט פון אַ באַזונדער צימער, אַז אפילו זי איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט ליבע, אַז ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די וואונד, וועט זי סיי־ווי אין איין מינוט פאַרוואַקסן. זשאַננאַ האָט אים דערציילט אַלץ און ס׳האָט געשיינט, אַז אפילו די ברוינע ווענט פון דעמדאָזיקן לאָך, וואָס האָבן שוין אַלץ געזען, אפילו זיי האָבן זיך פאַרלוירן. דער־

הערנדיק וועגן די פּאָרשלאַגן פונם הער נעי, האָט אַנדרעי אַ געשריי געטון:

— צעקוועטשן אים, ווי אַ שנעקע!

יאָ, זשאַננאַ האָט אַלץ דערציילט. זי האָט אפילו נישט פאַרגעסן וועגן די שנעקעס. זי האָט דורכגעפירט אַנדרעיען איבערן לאַבירינט פון דער פאַרשאָלטענער קאַנטאָר. איינס האָט אָבער זשאַננאַ פאַרשוויגן: זי האָט אַנדרעיען נישט דערציילט וועגן מענטש מיט די שרעקלעכע הענט, וואָס וויל עפּעס פון איר, זי האָט נישט דערציילט נישט וועגן קוש אין קאַבינעט, נישט וועגן דעם היינטיקן איבערפאַל. זי האָט נישט אַנטדעקט די געשיכטע מיט דער פאַרפאַלענער פאָטאָגראַפיע. פאַרוואָס? דאָס האָט זי אַליין נישט געוואוסט. גיכער פאַר אַלץ האָט אין זשאַננאַן גערעדט דער אינסטינקט. זי האָט מורא געהאַט אַרויסצורעדן דעם דאָזיקן נאָמען, כּדי נישט צו דערשפּירן אויף איר אַקסל די האַטשעקעוואַטע נאַסע הענט. און אַנדרעי האָט זיך טאַקע נישט דערוואוסט, אַז ס'עקזיסטירט אויף דער וועלט דער שיינער כאַליביעוו. אָבער דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, איז אויך געווען גענוג. ער האָט זיך געוואָרפן איבערן צימער:

— ווי אַזוי האָסטו מיר נישט דערציילט וועגן דעם פריער?

ער האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. בלויז זשאַננאַס שמייכל, וואָס האָט גערעדט שרעקלעכע זאַכן און האָט קינדיש־צאַרט געשמייכלט, האָט אים געראַטעוועט. זשאַננאַ האָט קיין טעות נישט געהאַט. די וואונד איז געווען אַ שווערע, אָבער אין די אויגן האָט זי זיך געהיילט. ער האָט שוין געזוכט אַן אויסוועג. ער האָט שוין געהאַט אַן אויסוועג. זשאַננאַ וועט זיך נישט אומקערן אַהין. זשאַננאַ וועט גלייך מאָרגן אָפּפאָרן, בעסער פאַר אַלץ וואָס ווייטער פון פאַריז. דאָ קאָן זי דער פעטער אויפזוכן. אָבער וואוהין? קיין טולאָן איז נישט מעגלעך. אויב מען וועט אים איינזעצן, וואָס וועט זי טון איינע אַליין? זי איז דאָך אַ קינד! זי האָט דאָך אין פאַריז געזוכט אַ סאָוויעטישן קאָנסול! דער איינציקער אויסוועג — קיין מאָסקווע. צו זאַכאַרקעוויטשן. זאַכאַרקעוויטש

וועט זי איינאָרדנען. אַנדרעי וועט קומען צו פאָרן. הייסט עס, באַשלאָסן — קיין מאָסקווע. זשאַננאַ וועט גלייך מאָרגן פאָרן קיין בערלין, און אַ וויזע? דאָס איז נישט וויכטיק. זי קאָן פאָרן אין די אָקופּירטע געביטן, למשל, קיין וויסבאַדען. און פון דאָרט קיין בערלין. ער וועט איר געבן אַ צעטעלע צו דער פאָרשטייערשאַפט. דאָרט וועט מען איר העלפן. הייסט עס, אַז גלייך מאָרגן. קודם־כּל: וויסבאַדען. זשאַננאַ האָט אים אויסגעהערט, שטיל שמייכלענדיק. זי האָט איצט שוואַך באַנומען. זי האָט געפלאָנטערט די נעמען פון די שטעט. דאָס איז נישט וויכטיק. אַנדרעי וועט איר דערנאָך זאָגן נאָך אַמאָל, ווי און וואוהין. זי האָט געשמייכלט, איבערראַשט און אויפגערודערט מיטן נייעם געפיל: איר ליבע האָט גענומען ווערן — לעבן. ביז דערדאָזיקער מינוט האָט זשאַננאַ געקענט צוויי באַזונדערע, אפילו פיינטלעכע וועלטן: דאָס לעבן און די ליבע. דאָס לעבן איז — די ווילע „איבראַגיאַ", די גריכין, די שנעקעס, גאַסטאָן. דאָס לעבן איז — כאַליביעווס פייכטע, שרעקלעכע הענט. די ליבע האָט עקזיסטירט באַזונדער, אין אַ זייט. און אָט איצט, אויף אירע אויגן, זעצט זיך דידאָזיקע הימלאָזע, כּמעט קערפערלאָזע ליבע אין צוג, דינגט אַ צימער, פירט זיך אויף זיכער און פעסט, ווי אַ לעבעדיקער מענטש. זשאַננאַ האָט זי כּמעט ווי נישט דערקענט. נו, געוויס, זי האָט זי דערקענט, זי האָט זיך געפרייט פאַר איר, צו איר טאַקע האָט זי געשמייכלט!

דערנאָך האָט זי פלוצלינג אויפגעהערט צו שמייכלען. זי איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק. שולדיק איז געווען דער גרויסער טורעם־זייגער אויף דער קירכע מאָנפאַרנאַס. ער האָט זיך אַריינגעמישט. ער האָט גראָב דערקלערט דורך זיין אומגעריכטן שלאָגן, אַז ס'עקזיסטירן, ווי־נישט־איז, אויך שעהן. זשאַננאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס אַלץ — סיי וויסבאַדען, סיי מאָסקווע — באַדייט: צעשיידונג. ווי אַ מיידעלע האָט זי זיך שנעל געוואָרפן צו אַנדרעיען און זיך צוגעטוליעט צו זיינע קני. אַנדרעי האָט פאָרזיכטיק אויפגעהויבן זשאַננאַס קאָפּ, ער האָט אַ קוש געטון די שוואַרצע טרויעריקע אויגן.

וואָס איז געשען דערנאָך? ווי אַזוי ער האָט אַ קוש געטון די ליפּן? ווי אַזוי איז באַזיגט געוואָרן דער זייגער אויף דער קירכע מאָנפּאַרנאַס? ווי אַזוי עס זענען געווען גליקלעך צוויי מענטשן אין נומער עלף? וועגן דעם אַלעם קאָן מען נישט דערציילן. זיי האָבן דאָך געשוויגן! ווערטער? זיי האָבן דאָך מער קיין ווערטער נישט געהאַט. און אויב זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווערטער, וואו־זשע זאָל זיי געפינען אַ דריטע פּערזאָן? ניין, וועגן דעם קאָן מען נישט רעדן. מען קאָן זאָגן בלויז איינס, דאָס נאַרישסטע, דאָס באַשיינפּערלעכסטע: אין נומער עלף איז געווען ליבע. אין נומער עלף איז געווען יענע הויכע, שטומע שטיקעניש, וואָס צווינגט דאָס קאָרן אויפצוגיין אין זאַנגען, שרייבערס — צו שרייבן ביכער, און מענטשן — לעבן און שטאַרבן.

זאָלן אָפּגעפּיינטע שופטים מורמלען, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם. וואָס, אין האָטעל אויף דער גאַס אָדעסאַ, וואו מ׳גיט אָפּ צימערן אויף אַ נאַכט, אין דאָזיקן זנות־נעסט — ליבע? ס׳קאָן נישט זיין! די ליבע קלויבט אויס אַנדערע, מער פאַרגייסטיקטע וואוינערטער. זאָלן זיי אפילו פאַראורטיילן אַנדרעיען מיט זשאַננאַן: די געליבטע האָבן געדאַרפט, נעמענדיק אין באַטראַכט די באַדינגונגען פון אָרט, אָפּלייגן די ליבע. זאָלן זיי! אויף דעם זענען זיי דאָך שופטים. און זאָל אויך דאָס געבאָט פאַרשילטן די געליבטע. זיי האָבן דאָך נישט חתונה געהאַט אין קירכע, זיי זענען אפילו נישט געגאַנגען אין ציוויל־אַמט. זיי האָבן געהאַט די העזה ליב צו האָבן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט. דאָס שטרענגע געבאָט איז קעגן זיי.

דאָס שטיקל ליכט האָט שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעברענט. אָפּבויגנדיק די שטאָרן האָט אַנדרעי דערזען זשאַננאַס פּנים, באַלויכטן דורכן שוואַכן אָפּשיין פון אַ גאַז־לאַמטער, וואָס האָט געברענט אויף דער גאַס אָדעסאַ. אָבער זשאַננאַס פּנים איז באַלויכטן געווען אויך דורך אַן אַנדער ליכט. פון וואַנען איז עס געגאַנגען דאָסדאָזיקע ליכט, אַ שאַרף־הילכיקס און גלייכצייטיק אַ שטילס? אַנדרעי האָט דאָס נישט געוואוסט. ער איז געווען צו שטאַרק גליקלעך; ער זאָל עפּעס וויסן. ער האָט

נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען. ער האָט נישט באַגריפן, אַז זשאַננאַ, וואָס האָט אים נאָר־וואָס אָפּגעגעבן איר גאַנץ לעבן, לייכט זיך פון פוסטקייט. ער האָט אָבער געזען אַ ליכט אויף איר פנים, און ער האָט איצט זיך נישט דערוועגט אפילו צוצופאַלן מיט די ליפּן צו אירע. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי ער זאָל האַלטן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס ליכט וועט פאַרשווינדן. ס'האָט אָבער געקאָנט פאַרלאָשן ווערן די לאַמטער אויף דער גאַס אָדעסאַ, אַנדרעי אפילו האָט געקאָנט פאַרגעסן וועגן דעדאָזיקער נאַכט — דאָס ליכט וואָלט סיי־ווי נישט פאַרשוואונדן געוואָרן.

27.

## די שטשורעס האָבן אָן אַרבעט געטון

הער ריימאָנד נעי האָט זיך געקליבן גיין שלאָפן. ער האָט שוין אַזוי אויך צעשטערט דעם געוויינלעכן סדר: ס'איז דאָך שוין געווען אַרום צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. שלאָפן גיין דאַרף מען אָבער אַ זייגער צען: ס'איז גוט פאַרן געזונט און ס'גייט אגב אַוועק ווייניקער גאַז. היינט אָבער איז אַן אויסערגעוויינלעכער טאָג. הער ריימאָנד נעי וועט לאַנג געדענקען דעם מיטוואָך פון זעקסטן מערץ. אַ היסטאָרישער טאָג! וויפיל אויפרעגונג: דער וויזיט פונם אַמעריקאַנער, כאַליביעוס דעמאַסקירונג, די אומזיסטע זוכענישן נאָכן שטיין, דער שמועס מיטן דאָזיקן פרעכן רוס, לסוף, גאַסטאָנס געניאַלער דערפאָלג. הער ריימאָנד נעי האָט געזען דעם נאָך-נישט אויסגעשריבענעם טשעק. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די קאַסע איז שוין דיק געוואָרן פון אומגעריכטן קאַפּיטאַל-צווואוקס, און דאָס האָט אים געפרייט, ווי עס פרייט אַ ליבנדיקן מאַן, ווען זיין פרוי נעמט צו אין וואָג פון גוט לעבן. אַ האַלבער מיליאָן — דאָס איז נישט קיין קאַטאָוועס! דאָס איז דאָך אַ קאַפּיטאַל, צו אַלדי רוחות! הער נעי האָט אפילו באַשלאָסן צו קויפן מאָרגן נייע לאַטשן. מען זאָגט, אַז אין מאַגאַזין „סאַמאַריטען" איז ביליקער ווי אומעטום. ער וועט פאָרן אַהין. ער וויל סתם נישט אַרויסוואַרפן קיין געלט. אַנדערע געשעפטן שינדן די הויט — נישט פאַר דער סחורה, נאָר פאַר דער רעקלאַמע.

אַ הוץ לאַטשן וועט מען, זיכער, מוזן בדלות ווערן אויף גאַבריעלס דעקע. ערשטנס, האָט דער מאָל אויפגעפרעסן איר דעקע; צווייטנס, מוז מען זאָך פאַרשאַפן פאַרגעניגן דער טאָכטער, אַנישט וועט זי איינגאַנצן איינגיין. הער ריימאָנד נעי האָט ליב זיין טאָכטער, און איצט איז צייט צו שלאָפן. ער איז גוט געשטימט. איר הערט: ער איז גוט געשטימט, צו אַלדי רוחות! מיט פאַרגעניגן וואָלט ער איצט אויפגעגעסן אַ טוץ שנעקעס.

דאָס איינציקע, וואָס האָט אַ ביסל געערגערט דעם הער ריימאָנד נעי, וואָס האָט פאַרטונקלט זיין ליכטיקן געמיט-צושטאַנד, איז געווען אַ שטשור, אַ געוויינלעכסטער שטשור. שטשורעס זענען אין קאַנטאָר געווען אַ סך. גאַסטאָן האָט שוין לאַנג פאָרגעלייגט אַריינצונעמען אַ גוטן קאָטער, אָבער הער ריימאָנד נעי האָט מורא געהאַט, אַז דער קאָטער וועט גנבענען שפּעק. קאָטערס טוען שטענדיק אַזוי. וועגן דעם איז אפילו דאָ אַ שפּריכוואָרט. אויף אַ פּאַסטקע וויל ער אויך נישט אויסגעבן קיין געלט: ביליקע טויגן, מסתמא, אויף כּפּרות, און די טייערע... ביים הער ריימאָנד נעי איז דאָך אָבער דער גאַנצער קאַפּיטאַל אין אומזאַץ! אַזוי אַרום האָט מיט די שטשורעס קיינער נישט געקעמפט, און די שטשורעס, שפּירנדיק דאָס, האָבן זיך אויפגעפירט זייער פריי. זיי האָבן דורך די נעכט געשראָקן זשאַננאַן, דורכלויפנדיק איבער אירע פיס. זיי האָבן אפילו נישט בראַקירט מיט קיין שנעקעס, וואָס זענען תמיד געלעגן אין דער קיך-שאַפע. זיי האָבן געגריזשעט די קאַנטאָר-אַקטן און אין הויפנס בריוו פלעגן זיי געבוירן נאַקעטע פּישטשענדיקע שטשורעלעך. הגם הער ריימאָנד נעי האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט צוגעוואוינט צו דעם גערודער אונטערן דיל, האָבן אים היינט די שטשורעס דענערווירט. ער איז מיד געווען פון טאָג. צווישן פּעטס זענען. ווי-נישט-ווי, געווען אויך נערוון. די שטשורעס האָבן געדראָט מיט שלאָפלאָזיקייט.

די שטשורעס האָבן באַרויבט דעם הער ריימאָנד נעי. זיי האָבן עפּעס געגריזשעט. וואָס, האָט ער געגנוי נישט געוואוסט, אָבער עפּעס אַזוינס, וואָס געהער אָן ספק צו אים. רעשטלעך

ברויט? אָדער די קאַנטאָר־ביכער? די שטשורעס זענען אַ״ם פאַרגעקומען ווי שעדלעכע אַנאַרכיסטן. ער האָט זיך אפילו דערמאַנט כּאַליביעווס ווערטער. און וואָס — אויב ס׳איז אמת? און וואָס, אויב אויך דאָ וועט זיין אַ רעוואָלוציע? און וואָס, אויב מען וועט קומען און עפענען די שאַפע? ניין, דאָס קאָן נישט זיין! פּונדעסטוועגן איז בעסער איבערצולאָזן אין קאַנטאָר אויף בייַנאַכט אַלפרעדן. דאָסדאָזיקע מיידל איז קיין שוץ נישט. זי איז נאָך אַלץ נישטאָ. קריכט אַרום מיט קאַוואַלערן. מאָרגן וועט ער זי אומבאַדינגט אַרויסוואַרפן. קיין קאַנטאָר־מיידלעך פעלן נישט. און וויפיל עסט זי אויף? אַלע רויבעווען אים. הער ריימאָנד נעי איז טרויעריק געוואָרן, ער האָט זיך נישט געדאַרפט צוהערן צום שטשורישן פּישטשען. ער האָט זיך געדאַרפט לייגן מיט אַ שעה פריער.

די רעטונג האָט געבראַכט אַ שפּעטער און לגמרי אומגעריכטער טעלעפאָן־קלונג. דערהערנדיק אים, האָט הער ריימאָנד נעי אַ ציטער געטון. ווער קאָן דאָס קלינגען אין האַלבער נאַכט! נישט אָן שרעק האָט ער גענומען אין די הענט דאָס טרייבל. אָבער תּיכּף איז זיך זיין פּעטס צעשוואומען אין אַ יום־טובדיקן שמייכל. באמת, סאַראַ רייכער טאָג מיט געשעענישן עס איז דערדאָזיקער מיטוואָך פון זעקסטן מערץ!

— אַנטשולדיקט, וואָס כ׳שטער אייך אַזוי שפּעט.

הער ריימאָנד נעי האָט תּיכּף דערקענט, ווער עס רעדט מיט אים. ס׳איז בכלל שווער געווען נישט צו דערקענען. ווער קאָן דען פאַרוואַנדלען דעם וואונדערשיינעם פּראָווינציאַלישן דיאַלעקט אין אַ פאַרשטיקטער בילעריי. אָבער מיסטער דזשעקס באָס איז דאָס מאָל געווען הייזעריק. דעם הער ריימאָנד נעי איז אויסגעקומען איבערצופרעגן כּמעט יעדעס וואָרט.

— כ׳האָב אומגעריכט באַקומען אַ טעלעגראַם. מיין דאַמפער „ראָמאַניאַ“ גייט אָפּ פון האַוור מאָרגן, אַזוי אַרום מוז איך אָפּפאָרן קיין האַוור מיטן ערשטן עקספּרעס, צוויי דרייסיק ביינאַכט. דערלויבט מיר תּיכּף פאַרפאָרן צו אייך נאָכן שטיין, נישט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה.

— כ'בין גרייט אייך צו דינען, מיסטער דזשעקס. אין קאַנטאָר איז, פאַרשטייט זיך, קיינער נישטאָ. אָבער איך אַליין וועל אייך עפענען די טיר. וואָס שייך דעם טויער, איז עס ביי אונז אָפן טאָג ווי נאַכט.

— אויסגעצייכנט, כ'וועל זיין ביי אייך אין אַ האַלבער שעה אַרום. איך אייל מיך זייער. איך וואָלט אייך בעטן מיך נישט צו פאַרהאַלטן און צוגרייטן דאָס שטיינדל. נו, צום ווידערזען.

די שטימע פון מיסטער דזשעקס איז פאַרשוואונדן געוואָרן. און הער נעי האָט דאָך נאָך געוואָלט פרעגן, צי האָט זיך מיסטער דזשעקס נישט צוגעקילט אין טעאַטער, דאָרט זענען תמיד צוג-ווינטן, און מיסטער דזשעקס האָט אַ הייזעריקע שטימע.

הער ריימאָנד נעי האָט נישט תיכף אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ער האָט נאָך לאַנג געהערט אַ פאַרשטיקט גערויש, וואָס האָט געקלונגען פאַר אים ווי אַ הימלישער כאָר. עמעץ האָט אויסגעזונגען: „דער טשעק דערנענטערט זיך, דערנענטערט זיך, ענטערט זיך, טשעק, טשעק, טשעק". און דאָס מוזיקאַלישע פעטש איז אָפגעשטאָרבן פון זיסער פאַרשמאַכטקייט.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון קאַסע דאָס געפינס פון געניאַלן גאַסטאָן. דאָס פאַרוויילן אין אַזאַ נישט-פּאַסיק אָרט, ווי דאָס איז אַ פויגלשער מאָגן, האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אָפגערופן אויף דער פרעכטיקער שפּיל פון בריליאַנט. אפשר בלויז גאַבריעלס טרערן האָבן זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיטן דאָזיקן שטיין. אָבער הער ריימאָנד נעי האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף די טרערן פון זיין טאָכטער. דידאָזיקע טראָפּעלעך וואַסער זענען דאָך גאָרנישט ווערט געווען, פאַר זיי וואָלט דאָך קיינער נישט געגעבן אפילו קיין איין אַמעריקאַנער דאָלאַר. ער האָט זיך אַנטציקט מיטן בריליאַנט, וואָס איז געלעגן אויף דער פעטער, פּייכטער דלאָניע. נאָך די מוזיקאַלישע עמאָציעס האָט זיך דאָס פעטש אָפגעגעבן מיט באַטראַכטן די זיבן רעגנבויגן-פאַרבן. סאַראַ דערהויבנקייט עס פאַרמאָגט דאָסדאָזיקע פעטש! סאַראַ גייסטיקע

געשטימטקייט און אפילו עקסטאַטישקייט מען דאַרף האָבן, כּדי איינס אַ זייגער ביינאַכט אָפּצוגעבן זיך מיט אַזאַ באַשעפטיקונג!

הער ריימאָנד נעי האָט אפילו פאַרגעסן וועגן דער עקזיסטענץ פון די שטשורעס. ער איז געווען גליקלעך.

אַזעלכע מינוטן שוואַכן אָפּ דעם מענטש. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס הער ריימאָנד נעי האָט באַשלאָסן צו קרעפטיקן זיך. ער איז אַוועק אין קיך און אַרויסגענומען פון שאַפע אַ טעלער מיט שנעקעס. ער האָט זיין רויב אַריינגעטראָגן אין קאַבינעט און וואַרטנדיק אויפן באַזוך פון מיסטער דזשעקס האָט ער גענומען צובייסן. די שנעקעס זענען געווען וואונדערבאַרע. דעם סוד פון צוגרייטן זיי, האָט די דינסט טאָנעט פולשטענדיק באַהערשט: אַ האָרעלע קנאָבל, נישט קיין צעקאָכט, ווי אין די רעסטאָראַנען, נאָר עלאַסטיש זאַפטיק פלייש. געניסנדיק פון צעקייען דידאָזיקע אומפאַרגלייכלעכע שנעקעס האָט הער ריימאָנד נעי, ווי דער גליקלעכסטער געליבטער, פאַרגעסן וועגן אַלץ אויף דער וועלט. ער האָט אפילו נישט געקוקט אויפן בריליאַנט, וואָס האָט אומזיסט געפינקלט פאַר אים. ער האָט זיך אפילו נישט צוגעהערט צו די טריט אויף די שטיגן.

אַן ענערגיש קלאַפן אין דער אַריינגאַנגס-טיר האָט אים אַרויסגעפירט פון דערדאָזיקער גליקלעכער פאַרטראָגנקייט. הער ריימאָנד נעי האָט אַ ציטער געטון. „דער טשעק!" ער האָט טאַקע אַזוי אַ טראַכט געטון, נישט „מיסטער דזשעקס". נאָר „דער טשעק". דאָס איז דאָך דער טשעק געקומען צו פאָרן צו אים אין אַן אויטאָ. ווי אומישנע האָט הער נעי אין דאָזיקן מאָמענט געהאַלטן אין מויל אַ שנעקע און נישט סתם אַ שנעקע, נאָר נישט קיין דערקאָכטע, אַ קלעפיקע, אַן עלאַסטישע, ווי גומי. ער האָט זי נישט געוואָלט אויסשפייען און ער האָט זי נישט געקאָנט אַראָפשלינגען. אַ כאַפ טוענדיק אַ קליין לעמפעלע האָט ער גענומען לויפן איבערן לאַבירינט. ער האָט מורא געהאַט צו דערצערנען דעם אַמעריקאַנער, וואָס איילט זיך אַזוי, ווי ס'קאָנען זיך איילן בלויז אַמעריקאַנער. ער איז געלאָפן איבערן לאַבירינט און

אין זיין מויל האָט זיך נאָך אַלץ געצאַפּלט די גומינע שנעקע. דעריבער, אָנשטאָט צו פרעגן: „ווער איז דאָרט?" — האָט ער בלויז אַרויסגעברומט עפּעס אונטער דער נאָז. פונדעסט־וועגן האָט מען אים פאַרשטאַנען. הינטער דער טיר האָט זיך גע־הערט די שטימע פון צוגעקילטן מיסטער דזשעקס.

— דאָס בין איך. כ'בין געקומען צו פאָרן, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט...

די שנעקע האָט שוין, ענדלעך, געדאַרפט אַריינקריכן אין פאַרדייאונגס־קאַנאַל. זי איז אָבער נישט דורכגעקראָכן. הער ריי־מאָנד נעי האָט אויפגעעפנט די טיר. ער האָט אפילו נישט באַ־וויזן אַ קוק צו טון אויפן מיסטער דזשעקס. זיין לעמפּעלע איז אויסגעלאָשן געוואָרן, פאַרלאָשן דורכן אַריינגעקומענעם מענטש. דערנאָך איז געשען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. אַ שאַרפע האַנט האָט אָנגערירט הער ריימאָנד נעיס קורצן האַלז. דאָס פּעטס האָט זיך אַ וואַקל געטון און מיט אַ טראַסק אַ פאַל געטון אויפן דיל. צי דען האָט מיסטער דזשעקס געקענט די פאָרטלען פון דזשיו־דזשיטסו? און אפשר איז דאָס גאָרנישט געווען דער מיסטער דזשעקס?

די שנעקע האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אינם מויל פון הער ריימאָנד נעי, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך אויפן דיל. דאַן האָט דער באַזוכער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צוויפגעלייגט יעגער־מעסער און גענומען רואיק שניידן דעם האַלז פון הער ריימאָנד נעי, ווי מען שניידט אַ חזיר. די שנעקע איז אַרויסגע־קראָכן פון מויל, באַגאָסן מיט אַ געדיכטן רויטן סאָוס. ס'האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער כריפּ, ענלעך אויף דעם טראַסקעריי פון אַ מאָטאָציקל. גלייך נאָכדעם איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט.

דאַן האָט דער נאַכטיקער גאַסט, דער אומבאַקאַנטער גאַסט, — אין קאַנטאָר איז דאָך געווען פינסטער, — אַרויסגע־שלעפּט אַן עלעקטריש קעשענע־לעמפּל און האָט באַלויכטן דעם טויטן קערפּער פון הער ריימאָנד נעי. דאָס פּעטס איז איצט ווי אַרומגעשוואומען אין אַ ברוינעם סאָוס. הער ריימאָנד נעי האָט

געהאַט זייער אַ כּך בלוט, און דאָסדאָזיקע בלוט, צעגיסנדיק זיך, האָט געדראָט צו פאַרגיסן דעם גאַנצן דיל. דער מערדער האָט דאָס, זעט אויס, פאָרגעזען. מען דאַרף אָננעמען, אַז ער האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל נישט צוליב פּוסטער נייגיריקייט, ניין, ער האָט מורא געהאַט איינצוריכטן זיינע געלע שטיבלעטן. ער האָט פאָרזיכטיק אַריבערגעשפּרייזט איבער דער אַלץ-ברייטער ווערנדיקער לוזשע און איז זיכער אַריין אין קאָמפּליצירטן לאַבירינט פון די ווינקלען. אויף אַ זייטיקן באַאָבאַכטער וואָלט, מסתמא, געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק זיין גאַנג: ער איז געגאַנגען אומנאַטירלעך, דאָ אויף די שפּיץ-פינגער, דאָ צוהינקענדיק. אָבער קיין זייטיקע באַאָבאַכטער זענען נישט געווען. אין דער פּוסטער קאַנטאָר זענען אַרומגעלאָפן בלויז שטשורעס.

צוקומענדיק צום קאַבינעט האָט דער פאַרברעכער ווידער אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. אָן באַזונדערער מי האָט ער געפונען אויפן טיש דעם טייערן שטיין און האָט אים נאַכלעסיק אַריינגערוקט אין וועסטל-קעשענע. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען פון זיך דעם פּאַלטן און אַריבערגעלייגט אין אים עפּעס פון דער בוזים-קעשענע פון וועסטל. דאָס אַלץ האָט ער געטון נישט געאיילט. ער האָט זיך בכלל נישט געאיילט. ער האָט זיך אויפגעפירט זייער מאָדנע פאַר אַ פאַרברעכער. אַנשטאָט שטיל צו אַנטלויפן, האָט ער אָנגעהויבן צו טומלען. ער האָט אומגעקערט אַ שווערן פאָטעל. דאַן האָט זיך אויפגעעפנט די טיר, וואָס האָט געפירט אין גאַבריעלס צימער. דער מערדער האָט אָנגעשטעלט אויפן מיידל דאָס לעמפּל. דאָס איז געווען עפּעס אַן אומדערשראָקענער מערדער. ער האָט נישט גענומען אַנטלויפן. ער האָט בלויז פאַרשלונגען אַ זיפץ און האָט בכלל אויפגעהערט צו אָטעמען. גאַבריעל האָט געפרעגט:

— מאָטער, וואָס איז געשען?

צווישן דעם מערדער און דער בלינדער האָט זיך געפונען אַ גרויסער טיש. די בלינדע האָט דערשפּירט די אָנוועזנהייט פון עפּעס שרעקלעכס. דער מערדער אָבער האָט אַ פּאָכע געטון מיט זיין פּאַלטן אַזוי, אַז זיין ברעג האָט אָנגערירט גאַבריעלס פּנים.

דאָס פֿאַרוואונדערטע מיידל האָט אַ ציִ געטון צו זיך דעם שטאָף. דער פֿאַלטן האָט זיך איין מינוט פּלומרשט איינגעשפּאַרט און גלייך נאָכגעגעבן, ער איז געבליבן אין גאַבריעלס האַנט. דער מערדער איז איצט געווען צופֿרידן. ער האָט לחלוטין נישט באַדויערט דעם פֿאַרלוסט פֿון פֿאַלטן. ער האָט גענומען אַנטלויפֿן אויף די שפּיץ־פֿינגער, נישט אָטעמענדיק און באַהאַלטנדיק איבער עפּעס די הענט אין די קעשענעס, ווי די שטשורעס האָלטן זיך געקאָנט פֿאַראינטערעסירן מיט זיינע הענט.

ווען ער איז שוין געגאַנגען איבערן פֿינסטערן הויף, האָט ער דערהערט גאַבריעלס פֿאַריאושטן געשריי. אָבער אויך דאָס האָט אים נישט איבערגעשראָקן. ווער האָט דען אין הויז נומער זיבעצן אויף דער גאַס טיבומערי געלייגט אַכט אויף געשרייען פֿון אַ פֿרוי ?

גאַבריעל האָט אַ געשריי געטון בלויז איין מאָל דאָס איז געווען אין לעצטן ווינקל פֿון לאַבירינט, ביי דער טיר.

דערשפּירנדיק אין די הענט אַ פֿרעמדן מענער־פֿאַלטן און דערהערנדיק די שטילע שפּרונגען פֿונם אַנטלויפֿנדיקן מענטש, האָט זי, הגם נאָך אַ פֿאַרשלאָפֿענע, פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿאָטער איז אין קאַבינעט נישטאָ און אַז אין קאַנטאָר האָבן זיך, וואַרשיינלעך, פֿאַרקליבן גנבים. זי איז אַריבער אַהין, רופֿנדיק דעם הער ריימאָנד נעי. אָבער אין קאַנטאָר איז קיינער נישט געווען, פּלוצלינג האָט איר פֿוס גענומען גליטשן זיך. זי האָט זיך איינגעבויגן : דאָס איז געווען עפּעס וואַרעמס און קלעפּיקס. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. זי האָט גענומען קאָנטראָלירן מיט די הענט דעם דיל. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויפֿן פֿאָטערס פּייכטע ליפּן. דאַן האָט זי אַ געשריי געטון, אָבער דער פֿאָטער האָט געשוויגן.

גאַבריעל איז אַרויסגעלאָפֿן אויף די שטיגן, כּדי צו רופֿן שכנים, אָבער דאָרט האָבן זי די כּוחות פֿאַרלאָזט. אָן באַוואוסטזיין איז זי געפֿאַלן אויף דער גליטשיקער שטיגן־פּלאַטפֿאָרם. די שכנים זענען נישט אַרויסגעקומען. די שכנים זענען שוין פֿון

לאַנג געשלאָפן. אין הויז איז איצט געווען שטיל. שטיל איז געווען אויך אין קאַנטאָר, אין די פּוסטע פינסטערע ווינקלען. די דערפרייטע שטשורעס זענען אַרויסגעקראָכן. זיי זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל. זיי זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן זוכן שפייז. איינע זענען אַוועק אין קיך, וואו ס'איז געווען ברויט, אַנדערע זענען אַריינגעלאָפן אין חושך פון קאַבינעט און גענומען גריזשען די שנעקעס, וואָס הער ריימאָנד נעי האָט נישט דערעסן. אָבער קליגער פאַר אַלע האָבן זיך אַרויסגעוויזן יענע שטשורעס, וואָס האָבן באַשלאָסן אויסצופאָרשן דעם לאַבירינט פון דער קאַנטאָר, וואו מען פלעגט געוויינלעך באַקומען בלויז נישט-געשמאַקע האַרטע פאַפירן. זיי זענען קייזערלעך באַלוינט געוואָרן פאַר זייער באַשיידנקייט. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף שפעק. אַזוי פיל שפעק האָבן די שטשורעס נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אין זייערע שטשורישע יאָרן. פון צופרידנקייט האָבן זיי אפילו צוגעפישטשעט. זייערע שנייד-ציינער האָבן פלייסיק געאַרבעט. קיינער האָט זיי נישט געשטערט. ווען אין קאַנטאָר איז מיט מי אַריינגעדרונגען דאָס שמוציקע ליכט פון פאַרכמורעטן פרימאָרגן, האָבן שוין די שטשורעס געהאַלטן ביים פאַרענדיקן האַר ריימאָנד נעיס פנים.